STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01287

A SHTRIK ARUM HALDZ

Emil Gabaria

Permanent preservation of this book was made possible by The Seacoast Foundation

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ שְׁטְרִיק אַרוּם הַאלְדְז

אַדְֿראַמאַן אִין 4 טְהֵייל.

פֶערְפַאסְט פָאן

עמיל גאבאריא.

אִיבֶּערְזֶעצְט דוּרְךְ קראנץ.

ערשטער טהייל

פערלאג אונד אייגענטהום פאָן מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער אין ווילנא.

ווילנא

תרס"א.

А ШТРИКЪ АРУМЪ ГАЛДЗЪ

т. е. петля на шеѣ.

Переводъ Кранца.

Въ 4-хъ частяхъ. Часть I.

ВИЛЬНА. Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Уголъ Духовскаго и Глухаго пер. собст. домъ № 1315.
1901.

Дозволено Цензурою, 19 Января 1901 г. Вильна.

מיט א שטריק ארום האלז

פון

עמיל גאבאריא

איבערזעצט אויס דעם פראנצויזישען

פון פ. קראנץ

1. טער קאפיטעל

די שרפה אין וואלפענסאהן.

דיא נאכט פון 22 טען יוני אין יאהר 1871, ארום איינס א זייגער, זיינען דיא איינוואהנער פון דער שיינער שטאט סאווטער אויפגיוועקט גיווארען פון זייער רוהיגען שלאף דורך א רייטער וואס איז געפלויגען אויף זיין פערד וויא א פייל פון בויגען און וואס האט זיך אפגישטעלט נעבען דעם הויז פון בורגמייסטער אדער מער. דער פערד האט אזוי גיקלאפט מיט זיינע קאפיטעס איבער דעם שטיינערנעם ברוק, דאס פיעלע איינוואהנער האבען זיך א וואַרף גיטאן צו דיא פענסטער צו זעהן וואס האט אזוינס גיטראפען. זיי האבען קוים גיקענט בעמערקען, דאס דער רייטער האט פאר גרויס אימפעט פארגעסען אנצוטאן דיא אויבערשטע קליידער און אפילו א היטעל.

וויא נאר ער איז אראפגעשפרונגען פון פערד, האט ער מיט זיין גאנצע קראפט אנגיפאנגען צו קלינגען אין הויז פון מער, און באלד האבען זיך אלע אויפגיחאפט.

— ווער זייט איהר, מענש? — האט זיך אין א מינוט ארום גיהערט א פערשלאפענער קול פון אינעווייניג — וואס ווילט איהר? האט איהר צופיעל גינעצט אייער האלז מיט וויין? פארגעסט איהר דען ביי וועמען איהר צוברעכט דעם גלעקיל?

— איך וויל אויף׳ן שטעל ריידען מיט דעם העררן מער (פאליצײ מייסטער)! וועקט איהם אויף! פארלירט קיין סעקונדע... האט דער רייטער האסטיג גיענטפערט.

אבער דער מער, דער אלטער סענעשאל, איז שוין געשטאנען אנגיטאן אין זיין שלאף־ראק.

— אט איז דער מער, האט ער מיט כעס אויסגערופען — וואס ווילט איהר פון איהם אין אזא צייט ווען אלע ערליכע לייט שלאפען.

— איך קום אייך צו זאגען, אז איהר זאלט באלד שיקען פאמפעס אונ פאזשארנע (פייער־לייט) — האט דער רייטער אהן צערע־מאניעס איהם אפגיהאקט.

— הום! הום! — האט דער מער גימורמעלט אונטער׳ן נאז — וואס האט גיהייסען, אז ער וייס ניט וואס צו טאן.

אונ ווער וואלט ניט גיוועז אין א פערלעגענהייט אויף זיין פלאץ? אום צוזאמענקלייבען דיא פייער־לייטע, האט מען בעדארפט פויקען אונ קלינגען אין אלע גאסען. ד. ה. ארויפווארפען א שרעק אויף דיא איינוואהנער, וועלכע האבען שוין זייט א יאהר צו האפט גיהערט דיזען שרעקליכען פויקען אונ קלינגען, ווען דיא פרייסען זיינען בעפאלען פראנקרייך אונ נאכהער אין דיא צייט פון פאריזער קאמונע.

— איז דען דאס א גרויסע שרפה? — האט דער מער צוטרויען הייט גיפרעגט.

— א גרויסע?! — האט דער רייטער אויסגעשריען — וויא אזוי קען עס אנדערש זיין אין אזא ווינד, וואס קען דעבער א ראפרייסען.

— הום! הום! — האט נאך א מאל דער מער גימורמעלט.

פאר איהם איז דאס גיוועז ניט דער ערשטער מאל, דאס מען זאל איהם אויפוועקען פון שלאף מיט געשרייען: „פייער! העלפט! אונ זייער אפט פלעגט טרעפען, דאס ווען מען פלעגט קומען אויף׳ן ארט, פלעגט מען געפינען א בגיברענט א חורבה וואס איז ווערטה גיוועז עטליכע סענט. דיא בויערען פון א רומיגע דערפער האבען שוין אזוי אפט אנגימאכט אומזיסטע שרעקען, דאס ווען עס פלעגט אין אמת׳ן טרעפען א גרויסע שרפה, האט מען זיי אויך ניט גיגלויבט; אונ דער האלב-נאקעטער רייטער איז קיין אנדערער גיוועז וויא א בויער

— זאָגט נאָר ריכטיג — האָט דער מער אָנגיפאַנגען — בּרענט עס טאַקי שטאַרק?

— דאַרף איך דאָס נאָך אַמאָל זאָגען, אַז אַלעס פלאַקערט? — האָט דער בּויער אויסגעשריען מיט אַ דונערענדע שטימע, בּייסענדיג זיין בּייטש פון כּעס. פאַר וואָס מען מאַכט אַזוי פיעל שהיות — יאַ, דיא הייזער, דיא שפייכלער'ס, דער שלאָס, אַלעס איז שוין אַרומגערינגעלט מיט פלאַמען, און אויב איהר וועט ניט גלייך שיקען דיא פייער־לייט וועט איהר נאָר געפינען אַ בּאַרג אַש אין וואָלפענסאָן!...

דער לעצטער וואָרט האָט גימאַכט אַ וואונדערליכען איינדרוק אויף דעם מער.

— וואו זאָגט איהר? — האָט ער מיט אַ ציטערענדע שטימע גיפרעגט — אין וואָלפענסאָן?

— יאַ, יאַ — האָט דער בּויער אונגעדולדיג געענטפערט.

— בּיי גראַף קלאָד?

— נו געווים!...

— גרויסער פערד! וואָרום האָט איהר מיר גלייך ניט געזאָגט? — האָט דער מער אויסגערופען — און אומקערענדיג זיך צו זיין דינער, האָט ער האַסטיג קאָמאַנדירט: לויפט געשווינד צום פויקער בּאַלטאַן און צום קאַפּיטאַן פּאַרענטאַ און הייסט זיי גלייך צוזאַמענקלייבען אַלע פייער־לייטע אויף דעם נייעם פלאַץ, קיין מינוט טאָר מען ניט פערלירען... פייער אין וואָלפענסאָן... גרויסער הימעל... לויפט! שרייט אין אַלע גאַסען: פייער! פייער!...

דער דינער האָט איהם שוין ניט גיהערט און איז געפלויגען מיט אַלע כּוחות.

— און איהר — האָט דער מער גיזאָגט צום רייטער — פאָרט גלייך צוריק און זאָגט דעם גראַף, דאָס מיר וועלען טאָן אונזער מעגליכעס און וועלען בּאַלד זיין אויף'ן פלאַץ.

דער בּויער האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט.

— איך מוז נאָך פריהער אויפוועקען דעם דאָקטאָר סאַבּאַ — האָט ער גיזאָגט.

— איז דען אימיצער פערוואונדעט?

— דער גראַף אַליין.

—אה, דער אונפארזיכטיגער! ער האט זיך געוויס גיווארפען אין דיא גרעסטע געפאהר, וויא זיין געוואהנהייט איז.

—ניין, מען האט איהם צוויי מאל גישאסען.

דער מער האט זיך געמוזט אנשפארען אן וואנד, אום ניט אנידערצופאלען פון שרעק, ווען ער האט דאס דער הערט.

—צוויי מאל גישאסען!... האט ער אויסגעשריען טרייסלענדיג זיך וויא א לולב, ווער? ווען? וואו? וויא אזוי?

—אה, קיינער ווייס עס ניט.

—וואס זאגט איהר?

—אלין וואס איך ווייס איז, אז מען האט דעם גראף אריבער־געטראגען אין א קליינעם קאמער, וואו דער פייער איז נאך ניט צו־גיקומען, און וואו ער ליגט מיט פארמאכטע אויגען, אין גאנצין בעגאסין מיט בלוט.

—מיין גאט, א גרויסער פערברעכען איז בעגאנגען געווארען!

—דאס איז זיכער—האט דער בויער גיענטפערט.

—אבער פון וועמען? וואס פאר א צוועק האט דער פערברעכער גיקענט האבען? דער גראף איז דאך גיוועזן געליבט און גיעהרט פון אלעמען?

—אה, ווען מיר וואלטען וויסען ווער דער פערברעכער איז, וואלט איהר איהם שוין לעבעדיגערהייט ניט גיזעהן—הערר מער!

—דער פערברעכער האט נאר גיקענט זיין א פרעמדער.

—דאס איז אויך מיין מיינונג—האט דער בויער גיענטפערט שאקלענדיג מיט'ן קאפ—אבער מיר האבען זיך דא צופיל פארעט, איך מוז וואס גיכער ברייגען דעם דאקטאר.

—גייט, גייט וואס גיכער! און איך לויף גלייך צום פראקוראר און צום סלעדאוואטעל.

דיא גאנצע שטאט איז שוין גיוועזן אויף, און אלע זייבען גיוועזן העכסט אויפגירעגט פון דיא שרעקליכע נייעס. דעם גראפ'ס נאמען, האט גימאכט אויף דיא איינוואהנער דעם זעלבען איינדרוק, ווי אויף זייער מער. און נאך קיין מאל ניט האבען זיך דיא פייערלייטע אזוי שנעל צוזאמען געקליבען וויא אין דיזער פינסטערער און שטורעמיגער נאכט.

ווען דער מער איז צוגיפאהרען צום נייעם פלאץ מיט דעם פראקוראר, האבען זיך די בראווע פייערלייטע מיינסטענטהייל'ס ארבייטער און קליינע בעל-מלאכות שוין געריהרט פון ארט. דער דארף וואל-פענסאן געפינט זיך א מייל דריי פון שטאט; אבער אזויא וויא דער וועג איז פול מיט בערג און טאלען, האט עס גידויערט א היבשע צייט איידער מען איז אנגעקומען צום ארט פון דער שרפה, אפ-גלייך אלע האבען אנגיווענדעט זייערע לעצטע כוחות צו גיין דארט וואס גיכער.

דיא שרפה איז ווירקליך גיוועזען איינע פון דיא שרעקליכסטע, זיילען פייער האבען רויט גימאכט דעם הימעל וויט ארום. און עס האט גיקנאקט אזויא וויא מען וואלט גישאסען פון הארמאטען, אלע דארפסלייטע זיינען זיך צוזאמענגילאפען און האבען גיראטעוועט פון פייער וואס מען האט נאר גיקענט, שטעלענדיג אין גיפאהר זייער לעבען. דער מער און דיא פייערלייטע האבען זיי בעגעגענט מיט א גרויס הורא, און האבען זיך גענומען צו לעשען דעם פייער מיט דאפעלטע קרעפטין.

דער מער איז גלייך אריינגילאפען אין דעם קאמעריל, וואו דער פערוואונדעטער גראף איז גילעגען. דער דאקטאר איז גישטאנען מיט איין אינסטרומענט אין איין האנד און מיט א שוואם אין דער אנדערער און האט זיך גיגעבען דיא גרעסטע מיהע ארויסצוציהען די שטיקלעך בליי, וואס זיינען פערבליבען אין דעם פערוואונדעטענס קארפער. נעבען איהם איז גישטאנען דיא גרעפין, אנגיטאן אין א לייכטע מוס-לינענע קלייד, בלייך וויא דיא וואנד, אבער מערקווירדיג רוהיג און פעסט. זיא האט גיהאלטען א לאמפ און האט גיווארפען דעם שיין אויף די ארמער וואס דער דאקטאר האט איהר געצייגט.

דער פערוואונדעטער האט דער ערשטער בעמערקט דעם מער, וועלכער איז גיוועזען אויסער זיך פון כעס און הארצקלעמענעס.

— אה, דאס זייט איהר, מיין בראוועער סענעשאל — האט דער קראנקער אויסגירעדט ניט קוקענדיג אויף דיא שרעקליכע שמערצען, וואס ער האט געליטען. קומט צו נעהענטער, טייערער פריינד!... דער יאהר 1871 איז, וויא איהר זעהט, איין אונגליק'ס יאהר. פון מיין גאנצען פערמעגען וועט מארגען בלייבען א בארג אש.

—דאס איז א גרויסער אונגליק—האט דער מער מיט א ציטער-
רענדע שטימע געענטפערט—אבער מיר האבען מורא געהאט פאר
נאך א גרעסערן אונגליק... לאמיר זיך טרויסטען וואס איהר לעבט...

—ווער ווייסט!... איך לייד שרעקליכע שמערצען...

דא האט ער מעהר ניט געקענט ריידען, און האט פארמאכט
די אויגען; אבער ער האט באלד אויסגעשריען ניט וויא מיט
זיין קול.

—דאקטאר!... אום הימעלס ווילען!... איהר צוהאקט דאך
מיך אויף שטיקער!...

—איך האב כלאראפארעם—האט דער דאקטאר קאלט געענט-
פערט.

—איך וויל ניט!...

—דאן מוזט איהר ליידען, איך קען אייך ניט העלפען, ליעגט
נאר רוהיג, יעדע בעוועגונג וואס איהר מאכט פערגרעסערט אייערע
שמערצען. אבער איך מוז זיך אויך א ביסעל אפרוהען, דען מיינע
אויגען און האנד זיינען אפגעמאטערט... איך בין שוין ניט יונג, האט
ער מיט א זיפץ געענדיגט.

דער דאקטאר איז געוועזען בעקאנט פאר א הייסען רעפובליקאנער
און האט דארום זייער ווייניג געשטימט מיט אלע בעאמטע פון
שטאט, וועלכע האבען ניט געשטימט מיט זיין אידעע. נאך מעהר
פאר אלעמען האט ער ניט געקענט פארטראגען דעם עהרגייציגען
סלעדאוואטעל גאלפען, וועלכער האט איהם אויך ליב געהאט וויא
פעפער אין די אויגען.

—אה, אט גייט די גערעכטיגקייט—האט ער אויסגערופען מיט
פעראכטונג, ווען ער האט דערזעהן דעם סלעדאוואטעל מיט זיין העל-
פער, וועלכע האבען שארף ארומגעקוקט אלעס אין קאמעריל, און
ווענדענדיג זיך צום מער, האט ער געזאגט ניט זארגענדיג, אויב
דער קראנקער הערט אדער ניט; הער קלאד געפינט זיך אין א זייער
געפעהרליכען צושטאנד. מען האט אין איהם געשאסען מיט א ביקס,
וואס איז געוועזען אנגעלאדען מיט דראט. און די וואונדען זיינען אין
א זיינע פעלע זעהר שווער און געפעהרליך. איך גלויב אז קיין איינ-
ציגער וויכטיגער ארגאן איז ניט אנגערירט; אבער א ברעקעל בליי

וואס בלייבט אין קארפער, קען אלעס פערגיפטען און פיהרען צום טויט.

דער דאקטאר וואלט נאך ווארשיינליך א צייט גירעט וועגען די וואונדען, ווען דער סלעדאוואטעל וואלט איהם ניט אונטערבראכען אהן צערעמאניעס.

— הערר דאקטאר! מיר וועלען שפעטער צייט האבען צו ריידען וועגען דעם. איך בין גיקומען אהער, ווייל א שרעקליכער פערברעכען האט דא פאסירט; און מען מוז גלייך אויפ'ן שטעל זעהן אויסצוגעפינען דעם מארדער. מען טאר קיין מינוט ניט פערלירען. און אין נאמען פון גיזעץ בעט איך אייך מיר צוהעלפען אין מיין ארבייט.

דער דאקטאר האט א בייזען קוק גיטאן אויף זיין פאליטישען געגנער; אבער ער האט גימוזט שווייגען.

2 טער קאפיטעל

דיא ערשטע אונטערזוכונג.

דער עהרגייציגער סלעדאוואטעל גאלפען האט גלייך פערשטאנען אז דיא גילעגענהייט זיך אויסצוצייכנען און צובעקומען א העכערע שטעלע, וואס ער האט זייט יאהרען פלייסיג געזוכט און ניט געפונען, וועט ער געפינען אין דיזער שרעקליכער און געהיימניספאלער געשיכטע פון דיא שרפה אין וואלפענסאן, וועלכע האט גימוזט אנמאכען א שטארקען גערודער ניט נור אין דער שטאט סאוטער, נאר אין גאנץ פראנקרייך אויך, און דורך דעם ארויפציהען אויף איהם דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם יוסטיץ-מיניסטער. א בערימטער פראצעס מאכט א נאמען דעם סלעדאוואטעל און דעם פראקוראר אזוי גוט וויא דעם אדוואקאט. גאלפען האט זיך גיהאלטען פאר א זעהר פעהיגען און געשייטען סלעדאוואטעל, און זיין גיפעהרליכער עהרגייץ האט איהם געטריבען אזוי וויא דער טייוועל זיינע פעהיגקייטען צו בעווייזען.

דארום האט ער זיך אנגיכאפט מיט לייב און זעלע אן די טראגעדיע פון וואלפענסאן, און ניט קוקענדיג אויף דעם, אויב דעם

גראף קלאד וועלען זיינע פראגען שארען אדער ניט, האט ער בעשלאסען גלייך אנצופאנגען דיא אונטערזוכונג (סלעדסטוויע).

— הערר דאקטאר — האט ער געפרעגט — צו ליב יושר, האלט איהר אז עס וועט זיין זעהר געפעהרליך פאר דעם פערוואונדעטען, ווען איך וועל איהם יעצט שטעלען פראגען.

עס וואלט געוויס בעסער געוועזן, אז איהר זאלט איהם לאזען דערוויילע צו רוה — האט דער דאקטאר בייז געענטפערט — איך האב איהם גענוג אויסגעמאטערט און איך מוז באלד ווידער אנפאנגען ארויס־ציעהען דיא שטיקלאך בליי... דאך, ווען איהר האלט עס פאר נייטיג...

— געוויס האלט איך עס! — האט דער סלעדאוואטעל זיך אנגעכאפט.

— אלזא, היילט זיך, דען דער קראנקער וועט באלד בעקומען דיא היץ.

דער פראקוראר דאביזשאן, וועלכער האט מעהר ליב געהאט צו לעזען די לאטיינישע פאעטען ווי צו בעשעפטיגען זיך מיט פראצעסען און האט קיינע גליקען געזוכט, איז געווארען זעהר אונצופרידען מיט דיא האנדלונג פון דעם סלעדאוואטעל, אבער דיזער האט איהם ניט געוואלט געהארכען און האט געטאן דאס זייניגע, דען ווען עס געשעהט א פערברעכען איז דער סלעדאוואטעל דער איינציגער און אונבעגרענצטער איבערהאר און קען טאן אלעס וואס ער געפינט פאר נייטיג.

ער האט ארויסגענומען זיין ביכעל, האט אוועקגעשטעלט זיין סעקרעטאר מישענע לעבען זייט און האט געפרעגט דעם גראף:

— פיהלט איהר זיך גענוג שטארק, הערר גראף, צו ענטפערען אויף מיינע פראגען?

— יא — אבער מאכט קורץ.

— אלזא דערציילט מיר אלעס וואס איהר ווייסט פון דעם אונגליק.

דער גראף האט א שוואכען מאך געטאן מיט'ן האנד.

— אלעס וואס איך ווייס — האט ער מיט א קרעכץ געענטפערט — וועט צום אונגליק גאנץ ווייניג נוצען ברייגען דעם גערעכטיגקייט. איך געדיינק אפילו ניט בעשטימט דיא צייט ווען דאס האט פאסירט... איך גלויב אז דאס איז געוועזן ארום עלף. איך האב מיך געלייגט

שלאפען און האב איינגעדרימעלט האב איך פלוצלונג עפעס בעמערקט אז עס לייכט דורך'ן פענסטער. איך האב מיך געפונען אין דעם צו־שטאנד פון שלאפען, וויא מען פיהלט זיך עפעס צווישען צוויי וועלטען. איך האב נידרעמעלט און האב מיך געפיהלט האלב אויף'ן וואך. איך האב מיך גיפרעגט: „וואס זאל דאס בעדייטען?" אבער איך בין נים אויפגעשטאנען. נאר באלד בין איך אין גאנצען צו זיך גיקומען דורך א גרויסען קנאק, אזוי וויא א וואנד וואלט איינפאלען. איך בין אויפ־געשפרונגען און האב אויסגעשריען: „עס ברענט". איך האב מיך דערמאנט אז אין הויז ליגען הונדערטע בינדלאך היי און בין ארויס־גילאפען וויא א משוגענער. איך בין גיוועזען אזוי צוטראגען, דאס איך האב נים גיקענט עפענען דיא איינוויינינסטע טירען. אבער ווי איך בין ארויסגיגאנגען, האב איך דערהערט א שאס לעבען מיר און האב אנגיפאנגען צו פיהלען שטארקע שמערצען אין מיין רעכטע זייט ...

— איך מוז אייך דא אונטערברעכען — האט דער סלעדאוואטעל אויסגירעט — זייט איהר זיכער אז מען האט אייך גישאסען גראד אין דער מינוט ווען איהר זייט ארויסגיגאנגען?

— יא מיין הערר.

— דאס הייסט אז דער מערדער איז גיוועזען נאהענט לעבען אייך.. ער האט גיוואוסט, אז דער פייער וועט אייך מוזען ארויסרופען פון אייער צימער.

— אזוי דיינק איך אויך — האט דער גראף גיענטפערט.

דער סלעדאוואטעל האט זיך גיווענדעט צום פראקוראר און האט גיזאגט:

— איהר זעהט אלזא, אז דער מארד איז דא גיוועזען די הויפט־זאך און דיא שרפה איז נאר גיוועזען א מיטעל, אום זיכערער אפצו־טאן זיין ארבייט און צו פערפלאנטערן דיא נאכזוכונגען פון דער פאליציי.

נאכדעם האט ער גיבעטין דעם גראף ווייטער צו דערציילען.

— ווען איך האב געפיהלט אז איך בין פערוואונדעט — האט דער גראף מיט א שוואכע שטימע גיזאגט — האב איך גיוואלט צוגיין צום פלאץ, פון וואנעט דער שאס איז געקומען. איך האב אבער קוים

גימאכט דריי שריט, וויא מען האט ווידער אויסגישאסען, אונ איך האב דיזעס מאל בעקומען אזא גרויסען וואונד אין פלייצע אונ לעבען האלז, דאס איך בין אנידערגיפאלען.

— האט איהר גאר ניט בעמערקט דעם מארדער?

— איך דערמאן זיך אזוי וויא דורך א חלום, דאס אין דער מינוט ווען איך בין גיפאלען, האב איך דערזעהן ווי א מענש האט זיך אוואָרף גיטאן הינטער א קופּע היי אונ איז אנטלאפען גיווארען אין פעלד.

— וואלט איהר איהם דערקענט?

— ניין — ער איז פארבייגיפלויגען וויא א שטן.

— מיר וועלען איהם דאך געפינען — האט דער סלעדאוואטעל אויסגירעדט, קוים בעהאלטענדיג זיין אונצופרידענהייט וואס ער האט קיין בערעקעל שפור ניט פון דעם פערברעכער — אבער האט איהר נאך צו דערציילען, העהר גראף?

— מעהר ווייס איך ליידער גאר ניט — האט דער קראנקער מיט א שמערצליכען טאן גיזאגט — אלעס וואס איך קען אייך זאגען איז, אז איך האב פערלארען מיין בעוואוסטזיין אונ בין געקומען צו זיך ליגענדיג אויף דיזען בעטעל.

— קען מיר אימיצער דערציילען, וואס האט פאסירט נאכדעם וויא איהר זייט גיפאלען?

— מיין פרוי.

— אזוי האב איך עס גירעכענט, אייער פרוי האט זיך געוויס אויפגיהאפט אין דער זעלבער צייט וויא איהר.

— ניין, מיין העהר! מיין פרוי האט זיך נאך ניט גילייגט שלאפען.

דער סלעדאוואטעל האט א שארפען בליק גיווארפען אויף דיא שיינע גרעפין, אונ ער האט גלייך גיזעהן, אז זיא איז ניט אנגיטאן וויא א פרוי וואס לויפט ארויס פון א בעט אין א שרפה.

— מיין אינגסטע טאכטער מאזעלט — האט דער גראף פארט־גיזעצט — אונ זיא איז זייער קראנק. מיין פרוי איז גיזעסען לעבען איהר; אבער אונגליקליכער ווייזע ליגט דער צימער פון מיינע קינדער גראדע פון דיא אנדערע זייט, וואו דער פייער האט זיך אנגי־פאנגען.

— וויא אזוי זשע האט דיא, מאדאם גרעפין, זיך דערוואוסט פון דעם אונגליק?

— ניט ווארטענדיג אויף וויטערע פראגען — האט דיא גרעפין געענטפערט.

— אזוי וויא מיין מאן האט אייך געזאגט, בין איך געזעסען לעבין מיין קראנקע טאכטער. אזוי וויא איך האב שוין פאריגע נאכט פארבראכט לעבין איהר, בין איך געווען זייער אויסגעמאטערט און האב אנגעפאנגען צו דרעמלען. פלוצלונג בין איך אויפגעוועקט געווארען, דורך א גערויש, וואס האט מיר געשיינט וויא א שאס פון א ביקס. איך האב געמיינט אז איך חלום. ווען איך האב דערהערט נאך א שאס, זייער פערוואונדערט דערפון האב איך פערלאזען דאס צימער פון מיינע קינדער; אבער דיא שרפה איז שוין געווען אזוי גרויס, דאס אויף דיא טרעפ איז געווען ליכטיג וויא ביי טאג. איך בין ארויסגעלאפען ניט וויסענדיג אויף וועלכער וועלט איך בין. דיא טיר האב איך געפונען אפען, און ניט וויט פון איהר האב איך דערזעהן ליגענדיג מיין מאן. איך האב זיך אראפגעלאזען לעבין איהם, און ניט הערענדיג זיין הארץ קלאפען, האב איך געמיינט אז ער איז טויט, דאן האב איך אנגעפאנגען צו שרייען ניט וויא מיט מיין קול אום הילפע. אבער איהר ווייסט דאך, מיינע העררן, וויא שטארק דיא בויערן שלאפען, ענדליך האט דיא קנאקעריי פון פייער אויפגעוועקט אונזערע דינער. וועלכע זיינען זיך צולאפען שרייענדיג: „פייער! פייער!“ איינע האבען מיך דערזעהן און האבען מיר געהאלפען איבערטראגען מיין מאן אהער. איך האב זיך אזוי פערלארען, דאס איך האב פערגעסען אן מיינע קינדער, און זייער צימער וואר שוין ארומגערינגעלט מיט פלאמען, ווען איין ערהליכער און בראווער יונגע האט זיי געראטעט. איך בין ערשט געקומען צו זיך, ווען דער דאקטאר האט מיך אנגעפאנגען צו טרייסטען.

דער דאקטאר האט קוים געקענט אויסהערען דיזע געוויינליכע פראגען און אנטווארטען, און ער האט געקוקט מיט דיא גרעסטע פערלאנגונג אויף דעם סלעדאוואטעל. אפילו דער מער, דער פרא־קוראר און דיא צוויי דינער וואס זיינען געשטאנען לעבין טיר, האבען אין זייערע הערצער פערשאלטען דעם פלייסיגען סלעדאוואטעל.

— פארמאליטעטען ! נארישקייטען ! פוסטע ווארטער ! — האט דער דאקטאר ענדליך אויסגעשריען.

דער סלעדאוואטעל איז געווארען א צוקאכטער ; אבער ער האט גיהאט גענוג ענערגיע זיך איין צוהאלטען און האט גישטעלט וויטערע פראגען אזוי וויא ניט איהם מיינט מען. דער דאקטאר האט אנגי־פאנגען צושרייען, אז דער קראנקער קען דערפון שטארבען און דער סלעדאוואטעל האט גימוזט נאכגעבען. ברענענדיג מיט פייער געגען זיין פאליטישען געגנער, באלד נאכדעם איז צווישען זיי ענטשטאנדען א גרויסער וכוח וועגען דיא פראגע, אויב מען קען גענוי בעשטימען נאך דיא וואונדען נאך, וויא ווייט דער מערדער איז גישטאנען פון גראף בשעת ער האט איהם גישאסען ; אבער דא זיינען זיי אונטער־בראכען גיווארען דורך דיא שרעקליכע גישרייען פון דיא צוזאמענ־גילאפענע בויערן : „טויט דעם אונטערצינדער ! טויט !".

דער סלעדאוואטעל איז ארויסגילאפען וויא א משוגענער, גלייבענדיג אז מען האט גיחאפט דעם מערדער ; אבער ער נאר ערפאהרען, אז דער פייער האט געבושעוועט מיט א שרעקליכע קראפט. און אז צווי פייערלייטע ליגען אונטער דיא באלקענס פון דעם איינגיפאלענעם פאלאץ און מען קען זיי אויף קיין פאל ניט ראטעווען. איינער פון דיא אונגליקליכע איז גיוועזן א פאטער פון פינף קינדער. דאס האט אויפגעבראכט דיא בויערן צום העכסטען גראד. און דער מער סענעשאל איז גיפאלען אויפ'ן שכל צובענוטצען דיזע הייסע מינוטע, אז דיא שוויגערדיגע און פארזיכטיגע דארפס-לייט זאלען זאגען אלעס וואס זיי מיינען.

— יא, מיינע פריינדע — האט ער אויסגעשריען — איהר האט רעכט — דעם אונטערצינדער מוז מען טויטען. דיא בראווע פייער-לייטע וואס זיינען דא גיווארען דיא אפפער פון זיין פערברעכען, פאדערען פון אונז צו נעמען נקמה. איהר ווילט דאס ? גיבט וואהר... דאס הייננט אפ פון אייך... עס איז אונמעגליך, אז צווישען אייך זאל זיך ניט געפינען איינער וואס זאל עטוואס ניט וויסען ?... זאל זיך דיזער בעווייזען און דערציילען... בעדיינקט אייך אז דער קלענסטער צייכען פיהרט דיא פאליציי אויסצוגעפינען א פערברעכער. ווען איהר וועט

שווייגען, מיינע פריינדע, וועט דאס הייסען, אז איהר זייט חברים פון דעם מארדער... דערמאנט אייך! טראכט! בעראטה אייך!

א גערויש פון פיעלע שטימען האט זיך געהערט אין דער מענגע. איינער האט גיקוקט אויף דעם אנדערן, קראצענדיג די פאטילניצעס. מיט א מאל האט א קול ארויסגעשריען:

— עס איז דא איינער וואס דארף עטוואס וויסען.

— ווער? — האט מען פון אלע זייטען גיפרעגט;

— קאקאלע!... ער איז דא גיוועזן פון אנפאנג. דאס האט ער ארויסגישלעפט דיא יונגע גרעפינען פון זייער צימער.

דא האבען אלע מיט איין קול אנגיפאנגען צו דונערן,

— קאקאלע! קאקאלע וואו איז ער?... ברייננט איהם צו־שלעפען!... קאקאלע! קאקאלע!...

3 טער קאפיטעל

דער ערשטער סליאד.

עס איז ניט גיוועזן איין בויער אין דיא דערפער ווייט ארום דער שטאט סאווטער, וואס האט ניט גיקענט דעם נפש, וואס האט גיטראגען דעם זעלטענעם נאמען קאקאלע. ער איז נעבעך גיוועזן א אידיאט, וואס האט ניט גיהאט ווער זאל אויף איהם קוקען, און וואס האט נאר גילעבט פון דיא קארגע נדבות, וואס דיא בויער'ן פלעגען איהם מיט צרות געבען, און מייסטענס פון דעם וואס ער פלעגט קענען גנב'נען; ער איז גיבארען גיווארען אויף'ן פעלד און אונטער'ן פרייען הימעל האט ער פארבראכט זיינע אונגליקליכע יאהרען. זיין מוטער איז גיוועזן א יונגע דארפס מיידעל, וועלכע האט זיך פארליבט אין א יונגען און לוסטיגען שטאט ארבייטער, וואס מען האט א ראפגיבראכט צו פערריכטען דעם פאלאץ פון פאריין. עס איז איינע אלטע אבער טרויעריגע געשיכטע; זיא האט זיך גילאזט איבערריידען פון זיינע שיינע ווארטער, און ווען ער האט גיענדיגט זיינע ארבייט האט ער איהר פארלאזען און האט אן איהר פער־

געסען, וויא ער האט פערגעסען אן דיא לעצטע צייגאר, וואס ער האט ביין אבשייד גערויכערט.

זיא איז אבער געוואָרען שוואנגער, און ווען זיא האט שוין מעהר ניט געקענט בעהאלטען איהר צושטאנד, האט מען איהר ארויסגעטריבען פון הויז וואו זיא האט געדינט, און איהרע ארימע אלטערן, וועלכע האבען קוים גיהאט מיט וואס א טאג דורכצו־קומען, האבען זיך פון איהר אונבארעמהערציג ענטזאגט. דיא אונ־גליקליכע איז געבליבען אליין אויף דיא פינסטערע אונגערעכטע וועלט, און די בויער'ן האבען איהר בעגעגענט מיט גילעכטער און בעליידיגונגען, אין דיא דערפער פערצייהעט מען פיעל ווייניגער אזויגע עבירות פון דיא יוגענד, וויא אין דיא גרויסע שטעדט. וואו מען ווערט ביסלא־ווייס צוגעוואהנט דאצו. זיא האט זיך געמוזט ארומשלעפען פון דארף צו דארף בעטלענדיג, אויסשטייענדיג דיא גרעסטע צרות און ליידען. אליין אין פעלד אין א ווינטער נאכט האט זיא רייכער גימאכט דיא וועלט מיט נאך איין אונגליקליכע בעשעפעניש... וויא אזוי דיא מוטער און דאס קינד זיינען ניט געשטארבען פון הונגער און קעלט איז א וואונדער. לאנגע יאהרען האט מען זיי גיזעהן זיך ארומשלעפען אין שמאטעס, בארוועס, מיט אויסגידארטע גלידער, בעדעקט מיט בלאטע, ארום סאוומער בעטלענדיג ביי דיא בויער'ן. ענדליך איז דיא מוטער געשטארבען, פארלאזען און אפגעשניטען פון דער וועלט וויא זיא האט גילעבט. אין איין פריהמארגען האט מען איהר גיפונען טויט אין א גראבען לעבין א וואלד... איהר אינגעל וואס איז שוין אלט גיוועזען א יאהר אכט איז געבליבען אליין. ער איז גיוועזען גענוג שטארק פאר זיינע יאהרען, און א פאמיעשטשיק (גוטס בעזיצער) האט זיך אויף איהם דערבארעמט און האט איהם צוגענומען פאר א פאסטוך. דער אונגליקליכער אינגעל האט אבער צו קיין זאך ניט געטויגט. זא לאנג זיין מוטער האט גילעבט האבען דיא בויער'ן גימיינט, אז זיין שווייגען זיין ווילדקייט, קרימענעס און משוגענע בליקען קומען פון זיין מוטער'ס ווילדען לעבין; אבער ווען מען האט איהם גענומען צו דער ארבייט, האט מען דערזעהן, אז ער איז טאקי א אידיאט פון נאטור, דערצו נאך האט ער גיהאט א שרעקליכען נערוועזקראנקהייט. ספאזמען און קאנוואלסיען, וועלכע

פלעגען העסליך מאכען זיין אידיאטישעס געזיכט. וואהרשיינליך צו־ ליב דיא קאנוואולסיען האט ער קיין גיקענט אויסריידען א ווארט. ווען דיא בויערן פלעגען זיך אמאל וועלען לוסטיג מאכען איבער איהם, פלעגען זיי צו איהם שרייען:

— זאג אונז נאר וויא מען רופט דיר, און דוא וועסט קריגען א סו.

דער ארימער אידיאט פלעגט זיך מאטערען אפאר מינוט אויס־ צוריידען זיין מוטער'ס נאמען:

— קא... קא... לעט.

פון דעם שטאמט אויך זיין צונעמעניש. ווען מען האט זיך אויפגיהערט צואינטערעסירען מיט איהם, האט ער אנגיפאנגען צו־ וואנדערען איבער דיא פעלדער און וועלדער, וויא אין זיין מוטער'ס לעבין. צו דיזער צייט האט איהם דער דאקטאר סאבא, וועלכער איז גיפארען צו א קראנקען, גיטראפען אויפ'ן וועג. אזוי וויא דער דאקטאר האט גימיינט, אז ער האט אויסגעפונען א ריכטיגען מיטעל צו היילען אידיאטען, האט ער איהם גענומען צו זיך אום צומאכען אויף איהם דיא ערשטע פראבע. אלאנגע צייט האט דער דאקטאר אנגיווענדעט זיין גאנצע קונסט צומאכען קלאר דעם אידיאט. אבער דאס איינציגע וואס עס האט איהם געלונגען, איז גיוועהן, דאס קאקאלע האט אנגיפאנגען לייכטער צוריידען. ווען סאבא האט דער־ זעהן, אז ער קען דעם אידיאט ניט אויסהיילען, האט ער איהם גיגעבען איינגע קליידער, און האט איהם פון פערדרוס פערבאטען צו בעווייזען זיך אויף זיינע אויגען. דער אונגליקליכער וואלט געווים געשטארבען פון הונגער, דען ביין דאקטאר האט ער זיך אבגיוויינט פון זיין וואנדלעריי און בעטלעריי. ווען דיא גרעפין קלאד וואלט איהם ניט אויס רחמנות צוגינומען, אז ער זאל וואס עס איז קענען טאן אין הויף. אבער מען האט זיך מיט איהם גאר ניט גיקענט פארשאפען, און ער האט באלד ווידער אנגיפאנגען ארומצושלעפען זיך איבער פעלדער און וועלדער. צו דיא גרעפין האט ער זיך פאר איהר גוטסקייט צוגעבונדען וויא א טרייער הונד, און וויא אזוי ער האט איהר גיוואלט העלפען, וועלען מיר שפעטער זעהן אין דיא שרעקליכע געשיכטע פון וואלפענסאן וואס מיר דערציילען דא.

דיא בויערן האבען דעם אידיאט ענדליך גיפאקט. ער האט זיך געריסען פון זייערע האנד מיט אלע זיינע כוחות און האט זיך געביסען וויא א משוגענער הונד. שרעקליך קרימענדיג זיין דערשראקענעם געזיכט.

— מיר האלטען איהם — האבען זיי געשריען — אה, דער ממזר! ער האט זיך בעהאלטען דארטין אונטער דעם פלאנקאן און האט ניט גיוואלט קומען. מען מוז איהם מאכען ריידען. קום קאקאלע, דערציייל וואס דוא ווייסט. וואו איז דער ריכטער, האבען פיעלע שטימען מיט אמאל גילארעמט.

ווען דער דאקטאר, וועלכער האט דערוויילע קאלטבליטיג גישלעפט דיא שטיקלאך בליי פון דעם גראפ'ס וואונדען, האט דערזעהן אז דער סלעדאוואטעל קלייבט זיך צו שטעלען פראגען דעם אידיאט, האט ער אנגיפאנגען צו פראטעסטירען דאגעגען. דער סלעדאוואטעל האט אבער איהם ניט גיוואלט הערען און האט גיפראגט:

— ער קען אונז געבען א צייכען, און פיליייכט אונז אויפפיהרען אויפן וועג צו געפינען דעם פערברעכער. איך וויים אליין וואס איך האב צו טאן, האט ער קאלט אפגעשניטען.

— נעהמט זיך אין אכט, מיין העהר — האט דער דאקטאר מיט היץ אויסגערופען — איהר געהט אויף א גיפעהרליכען וועג. וואס וועט איהר טאן ווען דיזער אונגליקליכער אידיאט וועט ענטפערן אויף אייערע פראגען מיט א בעשולדיגונג געגען א מענשען?... וועט איהר דען יענעם פערהאפטען?

דיא בויערן האבען זיך מיט אפענע מיילער צו גיהערט צו דיזען וכוח וואס זיי האבען ניט פערשטאנען. ביי די לעצטע ווארטער פון דעם דאקטאר האט אייגער פון זיי זיך אנגישטויסען וועגען וואס עס גייט דיא רייד און האט גיזאגט:

— אה, קאקאלע איז ניט אזוי דום וויא איהר מיינט.

— ער וויים גאנץ גוט וואס ער וויל — האט אנאנדערער צוגילייגט.

— איך קען ניט פערגעסען — האט דיא גרעפין זיך אריינגעמישט — דאס ער גירעטעט האט מיינע קינדער. ער האט זיך דערמאנט א

זיי, ווען איך בין געווען ווי א צודולטע, און אלע האבען זיך פארגעסען אן זיי. קום אהער מיין פריינד, קום אהער קאקאלע, קום נעהנטער צו, מיין פריינד, שרעק זיך ניט, קיינער וועט דיר קיין שלעכטעס ניט טאן.

דיזע בערוהיגענדע ווערטער, זיינען געווען צו דער צייט, דען דער אידיאט האט געציטערט פון שרעק אזוי שטארק, אז מען האט געהערט קלאפעריי פון זיינע שוואכע ציינער.

— איך... האב... ניט... מו... רא... האט ער קוים געענטפערט.

— לאמיר זעהן מיין יונגע — האט דער סלעדאוואטעל אנגעפאנגען ניט אכטענדיג אויף דיא וויטערע פראטעסטען פון דעם דאקטאר — הער מיר נאר אויס גוט, און זעה מיך צו פערשטיין. ווייסט דו וואס האט געטראפען דיא נאכט אין וואלפענסאן?

— פייער — האט דער אידיאט געענטפערט — קוקענדיג אויף דיא גרעפין.

— יא, מיין פריינד, דער פייער וואס האט פארברענט דאס הויז פון דיינע וואלטהעטער... אבער דאס איז נאך ניט אלעס; מען האט נאך געוואלט דערשיסען דעם גראף. זעהסטו איהם אויפ'ן בעט בעגאסען מיט בלוט? זעהסטו די גרעפין איז פעראומערט און ליידעט? דיזע אלע אונגליקען זיינען דיא ארבייט פון א שרעקליכען פערברעכער. דו האסט איהם ניט וואהר, דיזען פערברעכער, האט דער סלעדאוואטעל געפרעגט שארף קוקענדיג אויפ'ן אידיאט, וועלכער איז געשטאנען ווי א גולם.

— דו האסט איהם? — האט דער סלעדאוואטעל נאך אמאל געפרעגט, זעהענדיג אז דער אידיאט שווייגט — דו ווילסט, אז מען זאל בעשטראפען דעם פערברעכער, ניט אמת?

— יא — האט קאקאלע געענטפערט, ווי א אנגעצויגענע מאשינע.

— נו גוט, מיין פריינד, דו דארפסט מיר העלפען אויסצוגעפינען דעם פערברעכער, אז מען זאל איהם קענען בעשטראפען. דו קענסט איהם דאך, דו האסט אליין געזאגט, אז דו קענסט איהם.

דער אידיאט האט אבער געשוויגען, און אויף זיין פנים האט מען אפילו ניט געקענט דערקענען, דאס ער פארשטייט וואס מען רעדט צו איהם.

דער סלעדאוואטעל האט זיך דאן גיווענדעט צו די בויער'ן און האט גיפראגט.

—זאגט מיר אייגענטליך צו וועמען האט דער ארימער טייוועל גירעט.

דערויף האט קיינער ניט גיקענט ענטפערן. פיליכט האט קאקאלע טאקי גאר מיט קיינעם ניט גירעט, נאר מען האט זיך אנגעשטויסען, אז ער דארף עטוואס וויסען, דען וויא איין בויער האט ערקלערט.

—עס איז זיכער, אז דיזער אונגליקליכער שלאפט כמעט קיין מאל ניט. גאנצע נעכט דרייט ער זיך ארום וויא א וואכט-הונד אויפ'ן הויף.

דיזע ערקלערונג האט גיבראכט דעם סלעדאוואטעל אויף א נייע וועג.

—זאג נאר מיר קאקאלע, וואו האסטו פערבראכט דיזע נאכט? — האט ער פלוצלונג גיפראגט.

— אין... אין... הויף.

— האסטו גישלאפען ווען דער פייער האט זיך אנגיפאנגען?

— ניין... ניין.

— דוא האסט גיזעהן אלזא, וויא דער פייער האט אויס-געבראכען?

— יא.

— נו, דערציילע מיר וויא דאס האט פאסירט?

דער אידיאט האט דיא גאנצע צייט ניט אראפגילאזען זיינע אויגען פון דיא גרעפין, און האט גיזוכט, וויא א טרייער הונד צו פארשטיין איהר ווילען.

—ענטפער, מיין פריינד—האט דיא גרעפין צו איהם גיזאגט, זעהענדיג אז ער ווארט נאר וואס זיא וועט איהם הייסען טאן.

קאקאלע'ס אויגען האבען פלוצלונג אנגיפאנגען צו בליסצען.

— מען... הא... אט... און... טער... ר... גע... צונ...

דען — האט ער גיזאגט.

— ווער?

— א... מאן.

אלע האבען מיט דיא גראסטע נייגיריגקייט אנגישטעלט דיא

אויערן, אבער דער דאקטאר האט מיט בעם אויסגעשריען: „דיזע אונטערזוכונג האט קיין ברעקיל זין ניט".

— דו האסט איהם געזעהן דיזען מאן? — האט דער סלעדאוואטעל געפרעגט — מאבעדיג זיך אז ער האט ניט געהערט דעם דאקטארס ווערטער.

— יא — האט דער אידיאט געענטפערט.

— און דו קענסט איהם?

— זעהר... זעהר... גוט.

— דו ווייסט זיין נאמען?

— אה... יא.

א גרויסע שרעק איז ארויפגעפאלען אויף דעם אידיאט, און זיין פנים האט זיך אנגעפאנגען שרעקליך צו קרימען. ער האט אנפאנגס ניט געוואלט ענטפערן, נאר ווארפענדיג א בליק אויף דיא גרעפין, האט ער צוזאמענגעקליבען זיינע כוחות און האט געזאגט:

— בו... בוא... קאר... ראן.

4 טער קאפיטעל

נייע עדות.

ווען דער אידיאט קאקאלע האט אנגעצייגט אויף דעם מארקיז בואקאראן, זיינען פיהלע צוהערער געווארען אויפגעבראכט, און אנדערע האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער.

— הערר בואקאראן איין אונטערצינדער! איז עס מעגליך? ווער וועט עס גלויבען? — האבען דיא בויערן מיט ערשטוינען זיך געפרעגט.

— דאס איז איין אונזין! — האט דער גראף אליין מיט היץ אויסגעשריען.

— גאנץ געוויס, נאר איין אידיאט קען אזא זאך אין קאפ אריינפאלען! — האט דער מער און נאך איהם דער פראקוראר צוגעשטימט.

דער דאקטאר איז געווארען אויסער זיך פון פריידע, און

קוקענדיג אויף דעם סלעדאוואטעל אזוי וויא ער וואלט איינגענומען די גאנצע וועלט — האט ער אויסגערופען:

— האב איך דען ניט פאראויס גיזאגט?

אבער אונזער סלעדאוואטעל וויל ניט אנדערש טאן וויא איהם גיפעלט, און ער האט אפילו ניט אויסגיהערט מיינע ריכטיגע בעמערקונגען.

דער סלעדאוואטעל אליין איז פיליכט גיוועזן מעהר אויפגירעגט און פערוואונדערט. ער איז גיווארען שרעקליך בלייך און האט אנגיוועגט זיין גאנצע קראפט אום זיך איינצוהאלטען, אז מען זאל ניט דערקענען וואס עס טוהט זיך ביי איהם אין הארצען.

דער פראקוראר האט צו איהם גיזאגט אויפ'ן אויער:

— אויף אייער פלאץ וואלט איך קיינע ווייטערע פראגען גישטעלט און וואלט גימאכט א שווייג.

אבער גאלפען איז גיוועזן פון דיא מענשען, וועלכע האבען א צו הויכע מיינונג פון זיך זעלבסט און ווערין פערבלענדעט פון זייער עהרגייץ און שטאלץ. ער וואלט זיך בעסער גילאזט צוהאקען אויף שטיקלאך איידער צוגעבען אז ער האט גימאכט א פעהלער.

— איך וועל דיא זאך אפלאזען ביז'ן סוף — האט ער מיט איינגע־האלטענעם כעס גיענטפערט — און זיך ווענדענדיג צו קאקאלע האט ער גיזאגט:

— פארשטייסטו מיין יונגע וואס דו דערציילסט? פארשטייסטו אז דו בעשולדיגסט אזא מאן וויא מארקיז בואקאראן אין אזא שרעקליכען פערברעכען?

צו קאקאלע האט פערשטאנען, צו ניט, נאר ער איז גיוועזן אין היילע שרעק. זיין פנים האט זיך שרעקליך געקרימט, און גרויסע טראפען קאלטען שווייס האבען אראפגערונען פון זיין שטערען.

— איך... איך... זאג... דיא וואהר... הייט — האט ער קוים אויסגענימעקעט.

— אלזא, ביסטו זיכער אז ה' בואקאראן האט אונטערגיצונדען.

— יא.

— וויא אזוי האט ער עס געמאכט?

קאקאלע האט ניט אויפגיהערט צוּוואַרפען זיינע דערשראקענע

בליקען אויף דיא גרעפין, וועלכע האט צוגיהערט מיט א טרויעריגע מינע.

נאכדעם ווי דער סלעדאוואטעל האט איהם פיעלע מאל בעפאהלען צו ריידען, האט ער מיט גרויסע צרות דערציילט, אז ער האט גיזעהן, ווי בואקאראן האט ארויסגינומען צייטונגען פון זיין קעשענע, האט זיי אנגעצונדען מיט א שוועבעלע און האט זיי ארונטערגילייגט אונטער א קופע היי, וועלכע איז גילעגען לעבען דעם קעלער וואס איז פול מיט בראנפען.

— וואס הערט איהר איהם, דעם אידיאט — האט דער דאקטאר אויסגעשריען מיט כעס און עקעל — קוקענדיג אויף דעם סלעדאוואטעל אזוי ווי ער וואלט זיך געקליבען איהם איינצושלינגען.

גאלפען האט קוים גיקענט בעהאלטען זיין אונצופרידענהייט און פערדרוס. ער האט מיט האס א קוק גיטאן אויף'ן דאקטאר און האט אויסגירופען:

— איך וועל אריינרופען דיא זשאנדארען, ווען איינער וועט מיר שטערען, נאכפארשען דיא זאך, ווי דאס גיזעץ פאדערט פון מיר.

נאכהער האט ער זיך גיווענדעט צו קאקאלע און האט איהם גיפרעגט:

— אויב דו האסט אזוי גוט גיזעהן הערר בואקאראן; ווייסטו דאך געוויס ווי ער איז גיוועזן אנגיטאן, דערצייל מיר גאר וואסערע קליידער ער האט גיטראגען.

דער אידיאט האט ווידער גיהאט איין ארבייט אויף א מינוט צעהן צו בעשרייבען, אז בואקאראן האט גיטראגען א ברוינע וועסטיל, א גרויסע שטרויענע הוט און אז זיינע הויזען זיינען גיוועזן אריינגילאזען אין זיינע יעגער-שטיוועל.

— און ווען ער האט אונטערגיצונדען, וואס האט ער דערנאך גיטאן — האט דער סלעדאוואטעל מיט א פערשטיקטע שטימע גיפרעגט.

— ער... האט... זיך... בע... האלטען... אונטער... א קופע... היי.

— און דערנאך?

— ער האט צו גיגרייט זיין ביקס, און ווען דער גראף איז ארויס־

גילאָפֶען — האָט עֶר אויסגעשאָסין, האָט קאַקאָלֶע גיענטפֶערט — שרעקליך מֶעקענדיג אונ ציטֶערענדיג מִיט אַלֶע זיינֶע אֵבָרים.

ווען דֶער גראף האָט דאָס דֶערהֶערט, האָט עֶר פֶערגעסֶען אָן זיינֶע ווייטיגֶען. האָט זיך אַ הויב גיטאָן אונ האָט מִיט פֵייעֶר אויסגעשריען:

— עֶס איז שרעקליך צו לאָזען דיזען אונגליקליכֶען אידיאָט צו־בֶּעשמוטצֶען דעם נאָמֶען פון אַ בראַווען מאַן מִיט אַזוינֶע ווילדֶע אונ נאַרישֶע בֶּעשולדיגונגֶען. אויב קאַקאָלֶע האָטווירקליך גיזעהן ה' בּוּאַקאַראַן אָנצינדען דיא הֵיי אונ אויפוואַרטֶען מִיך צו דערשיסֶען, וואַרום האָט עֶר געשוויגֶען. וואַרום האָט עֶר נִיט גימאַכט אַ ליאַרעם?

דֶער סלעדאַוואַטעל האָט אַלֵיין נִיט גיוואוסט וואָס צו ענטפֶערען פון ערגערנִיס אונ האָט איבערגיפראַגט:

— יאָ, וואַרום האָסטו קיינעם נִיט גערופֶען צו הילפֶע? אָבֶער קאַקאָלֶע איז גיוועזן אויסגעמוטשעט פון דיא פריהערע זיינע אַנט־וואָרטען, אונ האָט נאָר גיגלאָצט מִיט דיא אויגען... פּלוּצלוּנג האָט ער אויסגיבראָכֶען מִיט אַ מְשוּגענֶעם גילעכטער, אונ איז אַנידער־גיפאַלֶען אויף דֶער עֶרד מִיט אַ טראַסק, וואַרפֶענדיג זיך אונ קריי־צֶענדיג מִיט דיא ציינֶער זאָ דאָס מֶען האָט איהם גימוזט אַוועק שלעפּען.

דֶער סלעדאַוואַטעל איז געבליבֶען שטיין וויא איין אָפגעשמי־סֶענער. בַּיי זיך אין האַרצען האָט עֶר זיך דעם לעבען פֶערשאָלטען, וואָס עֶר האָט נאָר אָנגיפאַנגען נאָכצופרעגען דעם אידיאָט. אונ עֶר וואָלט טהייער בֶּעצאָהלט, ווען עֶר וואָלט קענֶען דערפון פּטור ווערין; אָבֶער צופיל מֶענשֶען האָבֶען קאַקאָלֶע'ס אַנטוואָרטען גיהערט, אונ מֶען האָט גימוזט זוכֶען ווייטער אונ דערגיין אויף ריכטיג אויב בּוּאַקאַראַן איז שולדיג אָדער נִיט.

— וויא קען איך אַנדערש האַנדלען? — האָט גאַלפֶען שטילערהייט גיזאָגט צום פּראָקוראָר, ווען יענֶער האָט איהם גערעטען צו מאַכען אַ שווייג— איך שווער אייך אַז פאַרדרעענדיג איין אַנטוואָרט פון אידיאָט, האָב איך נאָר גיוואָלט בֶּעווייזען דעם אונזין פון זיין בֶּעשולדיגונג. צום אונגליק האָב איך נִיט גיטראָפֶען... אונ איך מוז יעצט זעהן, אַז דֶער נאָמֶען פון אונזער פריינד זאָל נִיט בֶּעפלעקט ווערין אומזיסט.

גלייך נאכדעם האט דער סלעדאוואטעל זיך גיווענדעט צום גראף מיט דער פראגע:

— ווילט איהר אזוי גוט זיין מיר יעצט ערקלארען אין וואס פאר א בעצידונגען איהר שטייט צו הערר בואקאראן?

דער גראף איז גיווארען א צוקאכטער פון כעס און פערדרוס און האט אויסגעשריען:

— איז עס מעגליך אז איהר זאלט גלויבען די משוגעת'ן פון א אידיאט?

— איך גלויב גאר ניט; אבער מיין פפליכט איז אויסצוגעפינען די ווארהייט.

דער גראף האט זיך אנפאנג'ס ענטזאגט צו ענטפער'ן, נאר דערנאך, זעהענדיג, אז דער סלעדאוואטעל וויל ניט אנדערש וויסען, ווארום ער האט זיך איין מאל צוקריגט מיט בואקאראן, האט ער מיט א בייזע שטימע ערקלארט, דאס, אבגלייך זיי זיינען פאליטישע געגנער און האבען א מחלוקה וועגען א שטיק לאנד, וואס ליעגט צווישען זייערע מאיאנטקעס, דאך קען ער ניט לייקענען, אז בואקאראן איז א בראווער יונגער מאן, וועלכער האט זיך מיט מוטה גישלאגען פיר זיין פאטער-לאנד אין דער מלחמה מיט די פרייסען און איז אויך גיוועזן פערוואונדערט.

אויף די ווייטערע פראגען פון סלעדאוואטעל האט גראף קלאד געמוזט צוגעבען, אז ער האט זיך א פאר מאל העפטיג צוקריגט מיט זיין שכן וועגען א יאנד-פלאץ, און אז בואקאראן האט איהם איין מאל פון הייץ ארויפגילאזען א פאטש. מעהר האט צווישען זיי ניט געטראפען, זא דאס דערמיט איז שווער צו ערקלארען, דאס בואקאראן זאל זיך פיהלען גענייגט צובעגיין אזא שרעקליכען פער־ברעכען.

די דארפ'סלייטע, וועלכע האבען ארויסגיטראגען דעם אידיאט און האבען איהם גילאזען זיך נוארפען פון זיין שרעקליכע קראנק־הייט, דען זיי האבען גיוואוסט אז ער וועט וויא געוועהנליך אליין אויפשטיין, ווען דער אנפאל וועט פערביי גיין, — האבען גלייך דערציילט די איבעריגע בויער'ן אלעס וואס זיי האבען גיהארט. קיינער האט ניט גיוואלט גלויבען, אז דער יונגער און רייכער מארקיז זאל אזא

פֶערבְּרֶעכֶען בֶּעגַיין, אונ אַלֶע זַיינֶען גִיוֶוען זַייער אויפְגֶעבְּרַאכְט אויף דֶעם אונגְלִיקלִיכֶען אִידִיאָט.

צְווִישֶען דִיא בּויֶער'ן הָאט זִיךְ גֶעפונֶען אֵיינֶער, וֶועלכֶער אִיז גִיוֶוען בֶּעקַאנְט אַלְס שִכּוֹר, אַ טוֹיגֶענִיכְטְס אונ אַ שְׁלֶעכְטֶער, וֶועלכֶער הָאט קֵיינֶעם נִיט פֶערגוּנֶען קֵיין זַאךְ.

— אונ וַוארום זָאלְט אִיהר נִיט גְלויבֶּען? — הָאט עֶר מִיט אַ גִי־לֶעכְטֶער גִיפְרֶאגְט — אִיז עֶס דֶען וַוייל בּוּאַקַארַאן אִיז אַ רַייכֶער אונ אַ מַארְקִיז?

דִיזֶע אֵיינְפַאכֶע פְרַאגֶע הָאט גִימַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע ווירקונג אויף דִיא פֶערְדֶעכְטִיגֶע בּויֶער'ן. יֶעדֶער הָאט אָנְגִיפַאנְגֶען נָאכְצוּדֵיינְקֶען, אונ אַלֶעמֶען זַיינֶען אַרויפְגִיקוּמֶען אויף דִיא גֶעדַאנְקֶען דִיא קְרִיגֶע צְווִישֶען גְרַאף אונ דֶעם מַארְקִיז. מֶען הָאט גִיוואוּסְט, אַז דֶער גְרַאף אִיז שְׁטֶענְדִיג גִיוֶוען דֶער שוּלְדִיגֶער, אונ אַז דֶער יוּנְגֶער מַארְקִיז פְלֶעגְט סוֹף כָּל סוֹף מוּזֶען נָאכְגֶעבֶּען. וַוארום זָאל עֶר נִיט וֶועלֶען נֶעמֶען רַאכֶע פוּן זַיין בֵּייזֶען שָׁכֵן? — הָאבֶּען זִיךְ דִיא בּויֶער'ן גִיפְרֶאגְט. אונ בַּאלְד הָאט יֶעדֶער, וִויא עֶס פִּיהְרְט זִיךְ, אָנְגִיפַאנְגֶען צְווּזוּכֶען חֶסְרוֹנוֹת אויף דֶעם מֶענְשֶען, וֶועלְכֶען זֵיי הָאבֶּען מִיט אַ פָּאר מִינוּט פְרִיהֶער גֶעהַאלְטֶען פַאר אַזָא גוּטֶען אונ בְּרַאוֶוען. צְווֵיי פְרוֹיֶען אונ אֵיין מַאן הָאבֶּען גִיגֶעבֶּען צוּפַארְשְׁטֵיין דֶעם עוֹלָם, אַז זֵיי ווייסֶען עֶטְוָואס וֶועגֶען בּוּאַקַארַאן, וָואס וֶועט אַלֶעמֶען פֶערְוואוּנְדֶערְן. דִיא בּויֶער'ן זַיינֶען צוּ זֵיי צוּגִישְׁטַאנֶען, אַז זֵיי זָאלֶען דֶערְצֵיילֶען, אונ וֶוען זֵיי הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְזָאגְט, הָאט מֶען זֵיי אָנְגִיפַאנְגֶען צוּשְׁלֶעפֶּען צוּם סְלֶעדְאוואַטֶעל מִיט קוֹלוֹת: עֵדוּת! נַייֶע עֵדוּת!

5 טער קאפיטעל

וָואס דִיא נַייֶע עֵדוּת דֶערְצֵיילֶען

— זָאלֶען דִיא נַייֶע עֵדוּת אַרַיינְקוּמֶען! — הָאט דֶער סְלֶעדְאוואַטֶעל אויסְגֶערוּפֶען — וֶוען דִיא בּויֶער'ן הָאבֶּען זִיךְ גִילָאזְט הֶערֶען.

דֶער עֶרְשְׁטֶער עֵדוּת, וָואס דִיא בּויֶער'ן הָאבֶּען אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט,

איז געוועו דער זוהן פון א פארמער (א מאמיעשטשיק) מיט דעם נאמען ריבא, ער איז אלט געוועזן א יאהר פינף און צוואנציג, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א קליינע קאפ, א נידעריגען שטערען און זייער גרויסע רויטע אויערן. ער איז געוועזן בעקאנט פאר א פאר־פיהרער פון שיינהייטען אין דיא ארומיגע דערפער, און ער איז געוועזן זייער שטאלץ און צופרידען דערמיט.

— וואס ווייסט איהר? — האט נאלפען צו איהם געזאגט — נאך דיא געוויינליכע פראגען וועגען נאמען און אלטער.

— איך האב דיזע נאכט געהאט א געשעפט... זעהר א וויכטיגען געשעפט — האט ריבא אנגעפאנגען — און האט אזא וואונק געטאן צו דיא בויערן, אז זיי האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. מיין געשעפט האט געפאדערט, אז איך זאל זיין פון דער אנדער זייט פון בואקאראן'ס שלאס. מען האט אויף מיר געווארט. איך האב מיך פערשפעטיגט, און איך האב דארום אויסגעקליבען דעם וועג דורך דיא זומפען. איך האב געוואוסט, אז נאך דיא רעגענס פון דיא לעצטע טעג וועלען דיא גריבער זיין פול מיט וואסער. אבער, פארשטייט איהר מיך, אז מען קוקט ניט אויף אזוינע קלייניגקייטען, ווען מען האט אזא לוסטיגען געשעפט וויא...

— פארשפארט מיר דיא מיהע אויסצוהערען, וואס ביי אייך אין הארצען האט זיך געטאן — האט איהם דער סלעדאוואטעל קאלט אפגעהאקט.

— וויא איהר ווילט, העדר ריכטער — האט דער דארף־ליב געענטפערט, זייער פערוואונדערט — דאס מען וויל גאר ניט אויסהערען זיינע ליעבעס געשיכטען. עס איז געוועזן א זייגער אכט, ווען איך בין צוגעקומען צום טייכעל סייל, וועלכער איז געוועזן אזוי אנגעשוואלען, דאס דיא שטיינער זיינען געוועזן א פאר צאל אונטער'ן וואסער. איך האב געקלערט, וויא אזוי זאל איך קענען אריבערגיין און זיך ניט בענעצען אין גאנצען, ווען איך האב בעמערקט, דאס פון דער אנדער זייט קומט אן הערר בואקאראן.

— זייט איהר זיכער, אז דאס איז געוועזן הערר בואקאראן?

— א ביסעל א שאלה! איך האב דאך מיט איהם גערעט! אבער ווארט א ווילע... ער האט גאר ניט מורא געהאט פאר דעם וואסער;

ער האט גלייך אריינגעשטופט זיינע הויזען אין זיינע גרויסע געלע יעגער שטיוועל און איז זיך אריבערגיגאנגען איבער די שטיינער. ערשט דאן האט ער מיך דערזעהן, און ער איז געווארען זעהר פערוואונדערט. אזוי גוט וויא איך. „דאס זייט איהר אונזער הערר!" האב איך אויסגערופען. „יא, האט ער גיענטפערט, איך דארף איינעם זעהן אין ברעשי". דאן האב איך גיזאגט: „איהר קלייבט עפעס אויס א זאנדערבארען וועג". ער האט זיך צולאכט און האט גיענטפערט: „איך האב ניט געוואוסט, אז דער טייך איז ארוים פון די ברעגעס, און איך האב גירעכענט צופאקען איינינע וואסער פויגלען". דערביי האט ער מיר גיצייגט זיין ביקס. איך האב איהם דאן ניט געוואוסט וואס צו ענטפער'ן; אבער יעצט געפין איך די זאך ניט גלאט...

— וויא אזוי איז הערר בואקאראן גיוועזן אנגיטאן? — האט איהם גאלפען גיפרעגט.

— ער האט גיטראגען גרויסע הויזען, א געלבליכע סאמעטענע וועסטיל און א ברייטע שטרויענע הוט.

צייכענס פון וואונדער און שרעק האט מען גיקענט בעמערקען אויף די געזיכטער פון דעם גראף. די גרעפען און אפילו פון דעם דאקטאר, ווען זיי האבען אויסגיהערט די אנטווארט פון דעם יונגען בויער. איבערהויפט האט אלעמען איבערראשט, דאס בואקאראן האט אויסגעקליבען אזא אונגעוועהנליכען וועג ביי אזא רעגען-צייט.

נאר גאלפען האט זיי קיין צייט גיגעבען פיל צו טראכטען, דען ער האט שוין אנגיפאנגען נאכצופרעגען א צווייטען עדות, איין אלטען מאן, אנגיטאן אין שמאטעס, בעדעקט מיט בלאטע, וועלכער האט גיהאט א שלעכטען נאמען צווישען די בויער'ן.

— עס איז גיוועזן זייגער עלף — האט ער אנגיפאנגען — ווען איך בין גיגאנגען דורך דעם וואלד ראשפאמפיע...

— איהר זייט גיגאנגען גנב'ענען האלץ — האט איהם דער סלע-דאוואטעל שטריינג גיזאגט.

— גרויסער הימעל! — האט דער אלטער מאן אויסגעשריען מיט א צבוועצקע מינע — ברעכענדיג די הענד; איז עס מעגליך אויף מיר

צו זאגען אזא זאך!... איך זאל גנב'ענען האלץ! ניין מיין העררי, איך בין גיגאנגען שלאפען אין וואלד, אום גלייך אין דער פריה צו־קלייבען שוועמלאך, אז איך זאל זיי בעצייטענס קענען פערקויפען אין שטאט. איך בין מיר רוהיג גיגאנגען מיין וועג, ווען איך פלוצלונג דערהערט, אז הינטער מיר גייט אמאן, נאטירליך, איך האב מיך דערשראקען...

— וויל איהר האט גיגנב'עט — האט דער סלעדאוואטעל איהם אונטער־בראכען.

— אה, ניין! מיין מהייערער העררי — נאר עס איז דאך גיוועזען ביי נאכט, איהר פארשטייט.. איך האב מיך בעהאלטען הינטער א בוים, און איך האב באלד דערזעהן הערר'ן בואקאראן. ער איז עפעס גיוועזען אין כעס, דען ער האט גירעט צו זיך, גישאלטען, גימאכט מיט דיא הענד און אפט אראפגעריסען דיא בלעטער פון די ביימער ביין וועג.

— האט ער גיהאט א ביקס?

— יא, מיין מהייערער הערר, דאס האט מיך מאכי אזוי דער־שראקען, דען איך האב גירעכינט אז דאס איז א וואלד־וועכטער...

— דער דריטער עדות איז גיוועזען א יונגע בויערקע, וועלכע האט גיוואהנט פון דער אנדערער זייט וואלד. און אלעס וואס זיא האט גיוואוסט איז גיוועזען אין קורצען, דאס זיא איז גיפארען אין מיהל נאך מעהל, און אויפ'ן וועג צוריק, אין וואלד ראשפאמפיע, האט זיא בעגעגענט מארקיז בואקאראן, וועלכער האט איהר גיהאלפען ארויס־שלעפען דעם וואגען פון א זומפף וואו איהר עזעל האט איהר ארייני־גישלעפט.

קיינע נייע עדות האבען זיך מעהר ניט בעוויזען, און דער סלעדאוואטעל האט אהן צערעמאניעס ארויסגעטריבען דיא בויער'ן, אום צוהאלטען א ראטה מיט דעם פראקוראר, און דעם מער, זיינע לאגע איז גיוועזען זעהר א ניט פריילכע. דען בואקאראן איז גיוועזען זיין פריינד און זיין צוקינפטיגער קרוב. גאלפען האט גירעכענט חתונה צו האבען מיט בואקאראן'ס א קוזינע, אום דורך דעם איינפלוס פון דיזע אלטע און רייכע אדעליגע פאמיליע צו בעקומען א העכערע שטעלע און צו בעפרידיגען זיין גיפעהרליכען עהרגייץ — און דא מוז

ער גאר זיין דער אנקלאגער פון דעם מאן, אויף וועלכען ער האט ארויפגעלייגט אזוי פיל האפנונגען און זאגען אדיע צו זיין רייכע כלה! ער האט זיך אליין פערשאלטען, וואס ער האט גאר אנגעפאנגען צו פרעגען דעם אידיאט קאקאלע; אבער נאך דיא נייע עדות־זאגען, וועלכע האבען אלעמען גישראקען און געוואונדערט, האט ער שוין געוויס ניט גיקענט גיין צוריק. עס איז גאר געבליבען זיך אפזאגען נאכפארשען דיזען פארברעכען, און ניט צו ארבייטען געגען זיין פריינד, און דיא זאך איבערגעבען איין אנדער סלעדאוואטעל; אבער זיין עהרגייץ האט איהם ניט צוגילאזען צו טאן, דען ער האט גיהאפט דורך דיזען גרויסען אינטערעסאנטען פראצעס צו קריגען א נאמען און צו בעווייזען זיינע פעהיגקייטען.

אנפאנגס האט ער ניט געוואוסט וואס צו אונטערנעמען און האט זיך גיווענדעט צום פראקוראר; אבער ער האט קיין אנטווארט בעקומען, דען יעדערער האט זיך געבראכען דיא קאפ, וואס דאס אלעס זאל בעדייטען. קיינער האט ניט אנגיהויבען צו גלויבען, אז בואקאראן זאל זיין פעהיג צו בעגיין אזא פערברעכען; אבער זייא האבען גימוזט צוגעבען אז דיא פאקטען זיינען געוויס געגען איהם.

דער סלעדאוואטעל האט דערווייל ביסלאך־ווייס אנגיפאנגען צו־זאמען בינדען דיזע פאקטען אין א בעשולדיגונגס־אקט געגען דעם יונגען מארקיז, און דאס איז איהם אזוי גיפעלען גיווארען, דאס ער האט כמעט בעשולדיגט זיין פריינד.

ווען דער דאקטאר האט אויסגיהערט דעם סלעדאוואטעל׳ס צוגיבע בעשולדיגונג, האט ער מיט היץ אויסגעשריען:

— און אויף וואס שטיצט איהר זיך, הערר גאלפען? איהר נעהמט אן דיא ווערטער פון איין אונגליקליכען, וועלכען איך ערקלער אין נאמען פון מעדיצין פאר איין אידיאט! אבער איהר זאגט, אז דיא אנדערע עדות בעווייזען דאס, ווארום מיינט איהר אזוי? ווייל דיא בעשולדיגונג פון קאקאלע האט גימאכט איין איינדרוק אויף אייך, ווען ניט דער אידיאט, וואלט איהר זיך דען בעשעפטיגט מיט דעם, וואס בואקאראן האט גיטאן דיא גאנצע נאכט? ער האט שפאצירט דעם גאנצען אבענד! האט ער דען קיין רעכט ניט צו־שפאצירען ווען ער וויל און וואו ער וויל? מען האט איהם בעגעגנט!

וואס איז דער וואונדער? זאגט העדר גאלפען, וואס געפינט איהר דא אזוינס צובעשולדיגען? אבער פאר אייך איז גענוג דיא בעשולדיגונג פון א אידיאט, און אלעס שיינט אייך שוין פערדעכטיג. בואקאראן רעט מיט דיא מענשען וואס ער טרעפט אויף'ן וועג, און איהר רופט דאס שוין „דיא קאלטבלוטיגקייט פון א ערפאהרענעם מארדער!" ער שווייגט און ביי אייך הייסט דאס שוין „פחד" „חרטה האבען", און ווייס איך נאך וואס. אה! איהר העררן, ריכטער, פילט זיך גאר ניט מאכען בעשולדיגונגס-פלענער, וואס זיינען ניט געשטיצט און ניט געפלויגען, ווייל אייך שיינט אזוי; און איהר פארגעסט גאר, אז מיט אייער היילענעם און ליכטזיניגקייט, מיט אייער ערהגייץ און אייטעלקייט קענט איהר אומברינגען איין אונשולדיגען מענשען! בעדיינקט זיך, העדר גאלפען, אז דער אידיאט האט גיקענט אזוי גוט אנרופען מיך וויא מיין פריינד בואקאראן, דאן וואלט איהר געזוכט וואס איך האב גיטאן דיזען אבענד, און זייט זיכער אז איהר וואלט שוין עפעס אויסגעפונען געגען מיר אויך...

— דאקטאר! דאקטאר! — האט דער פראקוראר איהם אונטער- בראכען — איהר מיינט געוויס ניט וואס איהר רעט...

— געוויס מיין איך עס! און אפילו...

נאר דא האט דער גראף קלאד זיך אריינגעמישט:

— איך מוז צוגעבען, אז דיא פאקטען, וואס העדר גאלפען ברייגגט צוזאמען, ריידען געגען העדר בואקאראן. אבער העכער פון אלע וואהרשיינליכקייטען שטעל איך דעם כאראקטער פון דעם אנ- גיקלאגטען. איך זאג נאך אמאל: ה' בואקאראן איז א בראווער און א פיינער מאן, עס איז אונמעגליך, אז ער זאל בעגיין אזא פער- ברעכען...

אלע זיינען גיוועזען איינפערשטאנדען דערמיט. דער מער סענעשאל האט נאך אנגיצייגט אויף דעם רייכטהום און דיא גלענצענדע צו- קונפט פון דעם יונגען מארקיז אלס דעם בעסטען בעווייז דאס ער האט אויף קיין פאל ניט גיקענט בעגיין דעם פערברעכען.

דערווייל האט אנגיפאנגען צו טאגען, און נאך איינע ביזע ווארטער פון דיא שיינע גרעפין אז בואקאראן זאל זיך אליין פער- טהיידיגען וויא ער קען, האט מען בעשלאסען גלייך צו פאהרען

צום מארקיז אין זיין שלאס. גראדע אין דער מינוט האט מען אנגע־קלאפט אין טיר, אונ דריי בויערן זיינען אריין מיט צופרידענע געזיכטען.

— מיר האבען דאס ניט ווייט געפונען, א זאנדערבארע זאך — האט איינער פון זיי געזאגט.

— וואס? — האט דער סלעדאוואטעל געפרעגט.

— עפעס א משעשענע זאך. פיטאר דער יענער זאגט, אז דאס איז א שיידעל פון א קויל.

— בעווייזט! — האט דער גראף אויסגערופען, זיך א הייבענדיג פון אויפרעגונג — איך האב דיא לעצטע טעג פיל מאל געשאסען אין דיא פויגלען ארום מיין הויז. אז זיי זאלען ניט עסען די פרוכטען. איך וויל יעצט זעהן, אויב דער קארטוש איז פון מיין ביקס.

דער בויער האט איהם דערלאנגט, אבער ווי ער האט עס בעקוקט, אונ האט אויסגעפונען, אז דארט איז אויסגעקריצט דער ווארט קלעב, איז ער געווארען בלייך ווי א טויטער אונ האט מיט שרעק א קוק געטאן אויף דיא גרעפין, וועלכע איז צוגעגאנגען צוא איהם אונ האט זיך אנגעשטויסען, אז דאס מוז זיין א שלעכטע בשורה פאר דעם יונגען מארקיז.

דער גראף האט זיך איינגעהאלטען צוזאגען פון וועמעס ביקס דער קארטוש קומט, אונ האט נור בעמערקט, אז דאס איז ניט זיינער.

דער סלעדאוואטעל האט אין דער צייט נאכגעפרעגט די בויערן, וואו אונ ווי אזוי זיי האבען געפונען דעם קארטוש, אונ ווען דער סעקרעטאר האט אלעס פערשריבען, האט ער גענומען אבשייד פון דעם גראף אונ איז אוועקגעפאהרען צוזאמען מיט דעם פראקוראר, מיט דעם מער אונ עטליכע זשאנדארען אין בואקאראס שלאס.

6 טער קאפיטעל

בואקאראנ'ס דיענער.

—וואס פאר א שרעקליכע זאך א שרפה איז!—האט אויסגערופען דער מער סענשאל — קוקענדיג מיט טרויער אויף דיא אפגעברענטע הייזער און שפייכלערס. וויא דיא בראווע פייער-לייטע האבען ניט אויפגעהערט צוזוכען זייערע אונגליקליכע צוויי חברים אונטער דיא בערג באלקענס און אש. אין דער האפנונג צו געפינען נאך זייערע קארפערס.

דער פראקוראר און דער סלעדאוואטעל האבען דארויף ניט געענטפערט, דען זייא זיינען צופיל פארנומען געוועזען מיט זייערע אייגענע טרויעריגע געדאנקען. זיי איז גאר ווייניג אין קאפ געלעגען צו בעשעפטיגען זיך מיט פילאזאפיע וועגען דיא שרעקען פון פייער, און זיי האבען זיך געאיילט אוועקצוגיין פון דיא הערצרייסענדע סצענען פון דיא שרפה, און האבען זיך מיט האסט אריינגעזעצט אין דעם וואגען, וואס דיא זשאנדארען האבען אנגעגרייט פאר זיי.

אויפ'ן וועג האט דער פראקוראר אויף-געווארפען דעם סלעדא-וואטעל, וואס ער האט געהאנדעלט געגען זיין פריינד בואקאראן און האט ניט פארשטיקט דיא זאך, ווען עס איז נאך צייט געוועזען; אבער גאלפען האט זיך מיט היץ פערטהיידיגט און האט ענדליך אויס-גערופען:

—נו, וואס וואלט איהר געטהאן אויף מיין פלאץ?

—איך וואלט מיך ענטזאגט נאכצופארשען דיא זאך, אבגלייך עס וואלט שוין געוועזען צו שפעט—האט דער פראקוראר געענטפערט:

—אבער דאס וועט הייסען צוברעכען מיין קאריערע, מיין צוקונפט.

—דאס וועט זיין בעסער, אלס צוטהאן אזא זאך, וואו איהר וועט ניט קענען זיין קאלטבליטיג און אומפארטייאיש, דאס הייסט: וואו איהר וועט ניט קענען ערפילען דיא ערשטע פפליכט פון איין סלעדאוואטעל.

— מיין העדר — האט גאלפען אויסגעשריען מיט כעס — גלויבט איהר דען אז איך בין א מענש וואס זאל ניט קענען טאן מיין פפליכט צוליב פריינדשאפט אין פערזענליכע אינטערעסען?...

— דאס מיין איך ניט צוזאגען.

— האט איהר דען מיר ניט געזעהן ביי מיין ארבייט? האב איך דען בעוויזען, וואס עס האט זיך גיטאן ביי מיר אויף'ן הארצען, ווען דער נאמען בואקאראן איז ארויסגיפלויגען פון קאקאלעס מויל? ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט פון אנדער מענשען, וואלט איך פיליכט מעהר ניט פארנאנדערגיפרעגט. אבער בואקאראן איז מיין פריינד; איך האב פיל געהאפט אויף איהם. אונ דארום בין איך געשטאנען אז מען זאל דיא זאך נאכפארשען אונ איך בלייב ביי מיין מיינונג.

— אלזא, ווייל בואקאראן איז אייער פריינד — האט דער פראקוראר גיענטפערט, שאקלענדיג מיט'ן קאפ — ווילט איהר זיין אונ־בארעמהערציג צו איהם, אפילו אונגירעכט... אזוי וויא איהר האט פון איהם פיל ערווארטעט, ווילט איהר גאר געפינען איהם פארשול־דיג... אונ איהר זאגט נאך אז איהר זייט אונפארטייאיש...

— איך בין זיכער, אז איך האב גענוג ענערגיע צו בלייבען אונפארטייאיש — האט גאלפען בייז גיענטפערט, שילטענדיג ביי זיך אין הארצען דעם פראקוראר, וועלכער איז גיוועזען צו פראסט אונ ווייכהערציג פאר זיין בעשעפטיגונג, אין וועלכער האט נאר געפונען פארגעניגען אין פאעזיא אונ לאטיינישע ביכער.

— היט זיך! איהר שפילט א געפעהרליכע שפיל, איהר קענט אין גאנצען פערלירען אייער רעפוטאציאן — האט איהם דער פראקוראר גיזאגט.

גאלפען האט דארויף גאר ניט גיענטפערט, אונ דעם גאנצען וועג האבען זיי קיין איינציגעס ווארט אויסגירעדט.

ערשט אום אכט אוהר מארגענס, איז דיא „געריכטיגקייט" וויא דער דאקטאר סאבא פלעגט זיך אויסדריקען, אנגעקומען אין בואקא־ראס שלאס. אלע בעדינער זיינען שוין לאנג גיוועזען אויף, אונ פיעלע האבען שוין גיארבייט. דער אלטער שטארקער שלאס איז קרעפטיג געשטאנען, וויא מיט הונדערטע יאהר צוריק, אונ האט

פינסטער געקוקט אויף דיא וועלט. גענוג מלחמות האט ער שוין איבערגילעבט, און ער בלייבט נאך אלץ דער זעלבער.

נאר דיא אנגעקומענע האבען גאנץ ווייניג געקוקט ארום און נאך ווייניגער געטראכט וועגען דעם אלטען שלאס און זיין געשיכטע. זיי זיינען גלייך צוגעקומען צו דעם אריינגאנג, וואו דער אלטער דינער אנטואן האט זיי בעגעגענט מיט פריידע וויא אלטע פריינד.

— אה, מיינע הערר'ן, וואס פאר איין איבערראשונג! דער מארקיז וועט געוויס צופרידען זיין.

ער האט נאך עטוואס גיוואלט זאגען און בעגריסען דיא פריינד פון זיין בעל הבית, נאר דיא ווארטער זיינען ביי איהם געבליבען אויף'ן צונג ווען ער האט בעמערקט דיא פינסטערע פענימער פון דיא געסט.

— איז הערר בואקאראן אויפגעשטאנען? — האט דער סלעדאוואטעל קאלט גיפרעגט.

— נאך ניט — האט דער דינער גיענטפערט, קוקענדיג מיט וואונדער אויף דיא אנגיקומענע — ער האט מיר זאגאר אנגיזאגט, אז איך זאל איהם ניט אויפוועקען, אזוי וויא ער איז געקומען שפעטלאך, האט ער גיוואלט שלאפען ביז שפעט אין טאג.

דער פראקוראר און דער סלעדאוואטעל האבען ניט ווילענדיג אקוק גיטאן איינער אויף דעם אנדער'ן ביי דיא לעצטע ווארטער פון דינער.

— אה, הערר בואקאראן איז געקומען שפעט? — האט גאלפען א פרעג גיטאן.

— ארום צוועלף ביי נאכט, איך גלויב אז נאך שפעטער.

— און ער איז ארויסגיגאנגען?...

— ארום אכט אודער אין אבענד.

— וויא איז ער גיוועזען אנגיטאן?

— וויא געוויינליך, ער האט גיטראגען שארע הויזען, י׳געלבליכען סאמעטענעם דזשאקעט און א גרויסע שטרויענע הוט.

— האט ער מיט גענומען זיין ביקס?

— יא, מיין הערר.

— ווייסט איהר פיליכט וואוהין ער איז גיגאנגען?

דער אלטער דינער איז געוואוהנט געווען אפצוגעבען כבוד די פריינד פון זיין הערר און דאס אליין האט איהם געבראכט צו־ענטפערן אויף די פראגען פון דעם קלעדאוואמעל. אבגלייך ער האט דאס ביי זיך געהאלטען פאר זייער מיאוס און גראב. אבער די לעצטע פראגע האט איהם שטארק אויפגערעגט און בעליידיגט, און ער האט קאלט געענטפערט:

— איך האב ניט די געוואהנהייט צו פרעגען מיין הערר וואו ער גייט און וואס ער טהוט.

— איהר האט גאנץ רעכט, מיין פריינד — האט צו איהם דער פראקוראר געזאגט מיט א ווייכע שטימע — אבער גלויבט ניט אז מיר פרעגען דאס אלץ אוים געוויינליכע נייגעריגקייט. ענטפערט בעסער, מיין פריינד, איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך ווינש אלעס בעסטע אייער הערר'ן, וויא איהר קענט זיך דאס פארשטעלען.

— איך שווער אייך, מיינע הערר'ן, אז איך ווייס ניט וואו היין דער מארקיז איז געגאנגען.

— ווייסט איהר ניט אונגעפעהר, וואו ער האט געקענט פאר־בריינגען געסטערין אבענד.

— ניין.

— וואס האט ער געטאן ווען ער איז געקומען?

דער אלטער דינער איז געווארען אונרוהיג ביי דיזע פראגע, דען ער האט זיך געבראכען דעם קאפ, וואס זאל דאס אלעס קענען בעדייטען.

— אונזער מארקיז — האט ער געענטפערט מיט א זיפץ — איז גלייך אריינגעקומען צו זיך אין צימער און פינף מינוט שפעטער האט ער עטוואס איבערגעביסען און אויסגעטרונקען א גלאז ווין. נאכהער האט ער פארריכערט א ציגאר און האט מיר געהייסען גיין שלאפען. ער האט מיר ערקלערט, אז ער וויל נאך מאכען א שפאציר אין גארטען און אז ער וועט זיך אליין אויסטאן.

— און איהר זייט געגאנגען שלאפען?

— נאטירליך.

— זא דאס איהר ווייסט ניט וואס האט אייער הערר געקענט טאהן?

— איך האב נור גיהערט, וויא ער האט גיעפינט דיא טיר, וואס פיהרט אין גארטען.

— אונ דאס האט אייך ניט געשיינט אונגעוויינליך?

— ניין, ער איז גיוועזען וויא אלע טאג, עטוואס פריילכער... פיליכט האט ער געוואונען...

נאך אייניגע פראגען וועגען דיא צאנקערייען צווישען דעם מארקיז אונ גראף אויף וועלכע דער דינער האט גיגעבען דיא אנטווארטען, וואס אלע האבען געוואוסט אין דער אומגעגענד, האט דער סלע־דאוואטעל פלוצלונג גיפרעגט:

— ווען איהר וואלט גידארפט גיין אין וואלפענסאן, וואס פאר א וועג וואלט איהר גענומען?

— דעם גרויסען וועג וואס גייט פארביי ברעשי.

— איהר וואלט ניט גיגאנגען דורך דעם וואלד אין די זומפען?

— געוויס ניט.

— ווארום?

— ווייל דיא טייך טייל איז ארויס פון דיא ברעגען אונ דיא גריבער זיינען פול מיט וואסער.

— איז דען דער וועג קורצער, ווען מען גייט דורך דעם וואלד?

— מען האט ווייניגער צו גיין, אבער מען פערלירט מעהר צייט, ווייל דער וועג איז שלעכט אונ פארלייגט מיט צווייגען אונ געפאלענע בוימער.

דיא אלע אנטווארטען פון דעם דינער האבען זייער טרויעריג אפגעקלונגען אין דעם פראקוראר'ס הארץ, דען ער האט אין זייא גיזעהן א בעשולדיגונג געגען זיין פריינד.

— יעצט זאגט מיר — האט נאלפען גיפרעגט — ווען א פייער זאל אויסברעכען אין וואלפענסאן, קען מען דא בעמערקען?

— ניין, דען דיא בערג פארשטעלען.

— קענט איהר דא הערען דיא גלאק פון ברעשי?

— דאס הייננט אפ, פון וועלכער זייט דער ווינד בלאזט.

— אונ געסטערן אבענד האט איהר גיהערט?

— ניין, דער ווינט האט גיבלאזען פון אונז צו יענער זייט—

האט דער דינער געזאגט — צייגענדיג מיט די פינגער צו דיא זייט פון וואלפענסאן.

אין דער מינוט זיינען אונטערגעקומען דיא זשאנדארען, און ווי דער אלטער האט זיי דערזעהן האט ער אויסגעשריען:

— מיין גאט!... וואס האט דא אזוינס געטראפען! איך לויף אנזאגען דעם מארקיז.

גאלפען האט איהם אפגעהאלטען.

— בלייבט שטיין און רעט קיין ווארט! — האט ער שארף געזאגט.

ער איז צוגעגאנגען צו דיא זשאנדארען און האט זיי אנגעזאגט ווי זיי זאלען אויפפאסען און וואס זיי זאלען טאן, און נאכהער האט ער וואושגע געזאגט צום דינער:

— יעצט פיהרט אונז אין צימער פון הערר בואקאראן.

טער קאפיטעל

דער בעשולדיגטער און דער סלעדאוואטעל.

— קלאפט אן! — האט דער סלעדאוואטעל געהייסען דעם אלטען דינער אנטואן — ווען זיי זיינען צוגעקומען צום שלאף-צימער פון בואקאראן.

דער אלטער האט געפאלגט, און באלד האט זיך געהערט א יונגע און שטארקע שטימע.

— ווער איז דארט?

— דאס בין איך, מיין הערר — האט דער דינער געענטפערט — איך האב...

— גיי צו אלדע שווארץ יאהר! — האט דיא זעלבע שטימע אויסגערופען.

— איך מוז אבער דאך...

— דו וועסט מיך לאזען שלאפען דו מארדער!? איך האב דיא גאנצע נאכט אין אויג ניט צוגעמאכט.

דער סלעדראוואטעל האט זיך פארצייכענט דיא לעצטע ווארטער און האט פראבירט עפענען דיא טיר; אבער זיא איז געווען פאר־שלאסען, דאס האט איהם געצוואונגען צו זאגען:

—דאס בין איך, הערר בואקאראן, עפענט אויף...

—וואס! דאס זייט איהר, טהייערער גאלפען—האט דיא שטימע פריילאך אויסגערופען.

—איך מוז אייך זעהן און ריידען מיט אייך—האט גאלפען קאלט געזאגט.

—איך עפען גלייך, מיין בעריהמטער מאגיסטראט. איך ברויך נאר א מינוט צו בעדעקען מיין צלם אלהים, און איך וועל אייך אויפ־נעמען וויא א קייזער.

כמעט אין דער זעלבער מינוט האט זיך געעפענט דיא טיר, און בואקאראן האט זיך בעוויזען מיט פערשלאפענע אויגען, מיט צו־ווארפענע האר און מיט א ברייטען שמייכיל אויף זיין געזונדען און פרישען פנים.

ער האט אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג וואס זיינע פריינד זיינען אונערווארטעט געקומען צו איהם צו גאסט און נאך אין אזא אונגעוויינליכע שטונדע.

—דאס שיינט אזוי ווי איהר זייט געקומען מאכען א סלעדסטוויע!—האט ער אויסגעשאסען מיט א שטארקען געלעכטער.

דער קאלטער און פינסטערער בענעהמען פון סלעדראוואטעל, וועלכער האט זיך אפגערוקט, אום ניט צודריקען זיין פריינד'ס אויס־געשטרעקטע האנד, האט בואקאראנען שרעקליך איבערראשט, און ער איז געבליבען שטיין וויא א צודולטער, קוקענדיג דא אויף דעם סלעדראוואטעל דא אויף דעם פראקורור.

—וואס זאל דאס בעדייטען?—האט ער ענדליך געפרעגט—טרייבט איהר שפאס מיט מיר, אדער עס איז עטוואס פארגעקומען?

—מיר מוזען פערגעסען אן אונזער פריינדשאפט, מיין הערר—האט גאלפען אויסגערעט, אנווענדענדיג דיא גרעסטע מיהע צו זיין קאלט וויא אייז—איך קום יעצט צו אייך ניט אלס בעקאנטער נאר אלס ריכטער.

בואקאראן איז נתפעל געווארען, ווען דיא ערד וואלט זיך

געפענט אונטער זיינע פיס, וואלט ער ניט געוואָרען אזוי איבער־ראשט און צומישט, וויא נאך דיא ווערטער פון דעם סלעדאוואטעל.

—צום טייוועל! —האט ער אויסגעשריען—חאטש הרג'ט מיך אוועק—אמור אויב איך הויב דא אן צו פערשטיין.

—איהר וועט באלד אלעס וויסען... לאזט אונז אריין אין אייער צימער.

וויא גאלפען האט איבערגיטראכטען דיא שוועל האט ער זיך אוועקגישטעלט צו בעקוקען דעם צימער גאנץ גענוי, אז קיין זאך זאל ניט פערלארען גיין פון זיין גערעכנים. בואקאראנ'ס קליידער זיינען געלעגען אין אונארדנונג, און גאלפען האט גלייך גיזעהן, אז זיי זיינען דיא זעלבע וויא קאקאלע און אנדערע עדות האבען זיי בעשריבען.

—איך געפין דאס פיר זייער זאנדערבאר—האט בואקאראן אנגיפאנגען האלב מיט כעס, דאס פיליכט טרייבט מען מיט מיר שפאס—אזוי וויא איהר זאגט, אז איהר זייט ניט מעהר מיין פריינד, ערקלערט־זשע מיר מיט וואס האב איך פערדינט דיא עהרע פון אייער פריה־מארגענדיגען וויזיט.

דיא קאלטבלוטיגקייט פון דעם סלעדאוואטעל איז גיוועזען צו־בעוואונדערן; און דער פראקוראר וואס האט ניט ארויסגילאזען פון איהם איין אויג, האט ניט גיקענט בעמערקען אפילו א שטיקעל געפיהל אויף זיין געזיכט.

—זייט אזוי גוט און צייגט מיר אייערע הענד—האט גאלפען גיזאגט.

ארויטקייט האט זיך אפגעשפיגעלט אויף בואקאראנ'ס געזיכט און זיינע אויגען האבען געבליצט מיט פייער.

אויב דאס איז א שפאס, האט ער אויסגעשריען מיט היץ, מוז איך אייך זאגען, אז איהר פארקריכט צו וויט.

דא האט זיך אריינגעמישט דער פראקוראר, אום צו שטילען דעם כעס פון מארקיז.

—צום אונגליק איז דאס זעהר ערנסט, האט ער אויסגירעט מיט א טרויעריגע שטימע, מוט וואס דער סלעדאוואטעל פערלאנגט פון אייך.

בואקאראן האט גיווארפען ארום זיך א בליק, אין וועלכען מען האט גיקענט לעזען וואונדער און עפעס שרעק. ביין מיר איז געשטאנען זיין טרייער דינער אנטואן, בלייך ווי דיא וואנד. לעבען שפיגעל האט דער קלערק (סעקרעטאר) מעשינע פאנאנדער גילייגט אויף א טישעל זיינע פאפירען און שרייב-גיצייג. דאן האט בואקאראן א ציה גיטאן מיט דיא פלייצעס מיט איין אויסדרוק, דאס ער הויבט ניט אן צו פארשטיין, וואס עס קומט דא פאר, און האט אויס-גישטעלט זיינע הענד.

זיי זיינען גיוועזן פאלשטענדיג ריין, דיא נעגעל זיינען גיוועזן זארג-פעלטיג אויסגערייניגט.

— ווען האט איהר דאס לעצטע מאל גיוואשען אייערע הענד? — האט גאלפען גיפרעגט — נאכדעם ער האט זיי שארף ארומגיקוקט.

דא האט בואקאראן אויסגאסען מיט א גילעכטער.

— צום טייוועל! — האט ער אויסגעשריען — איך מוז צוגעבען, אז איהר האט מיך גיפאקט. איך בין עבען גיוועזן שטארק אין כעס, איך האב זאגאר מורא געקריגען...

— און איהר האט גיקענט מורא האבען — האט איהם גאלפען אונטערבראכען — דען א שרעקליכע בעשולדיגונג פאלט אויף אייך. און פון אייער אנטווארט אויף דיא פראגען וואס איך שטעל אייך און וואס שיינען אייך אזוי ווילד און לעכערליך, הייננט פילייכט אפ אייער עהרע, אייער פרייהייט.

דא האט בואקאראן מעהר ניט גיקענט צווייפלען, אז די זאך איז ערנסט, און ער האט אנגיפאנגען פיהלען דעם שרעק, וואס א סלעדאוואטעל רופט ארויס ביי אונשולדיגע מענשען. ער איז בלייך גיווארען, און מיט א דערשראקענע שטימע האט ער אויסגערופען:

— וואס! א בעשולדיגונג געגען מיר! און איהר הערר גאלפען, איהר קומט דאס צומאכען דיא אונטערזוכונג.

— איך בין דאך איין אונטערזוכונג'ס ריכטער.

— אבער איהר זייט אויך גיוועזן מיין פריינד. ווען איינער וואלט זיך ערלויבט צו בעשולדיגען אייך אין מיין געגענווארט וועגען א פער-ברעכען אדער אין א געמיינהייט, וואלט איך אייך פערטהיידיגט, מיין הערר, איך וואלט ניט גיגלויבט אין דיא בעשולדיגונג, ביז מען

וואלט מיר גיבראכט ריכטיגע אונ בעשטרייטבארע בעווייזע פון אייער שולד, אונ ווען מען וואלט מיר שוין אלעס בעווייזען, וואלט איך אייך בעדויערט, אונ איך וואלט יעדען-פאלס ניט פערגעסען, דאס איך בין ניט וייט גיוועזן צו זיין אייערער אקרוב. אבער ווי האנדעלט איהר? מען בעשולדיגט מיך, איך וויים אליין ניט אין וואס; דאס איז געווים פאלש, אונ גלייך גלויבט איהר אין דעם, אונ איהר אונטערשטייט זיך נאך צו זיין מיין ריכטער! נו גוט; זאל זיין אזוי! איך האב גיוואשען מיינע הענד געכטין ביי נאכט, ווען איך בין געקומען צו הויז.

ניט אומזיסט האט זיך גאלפען בעריהמט פאר דעם פראקוראר, אז ער וועט ניט פארלירען זיין קאלטבליטיגקייט.

— אונ וואו איז דאס וואסער מיט וועלכע איהר האט גיוואשען אייערע הענד? — האט ער גיפרעגט, אזוי וויא ער וואלט גאר ניט גיהערט בואקאראנ'ס שארפע ווארטער.

— אה, דאס וועט איהר געפינען אין מיין טואלעט-צימער — האט דער מארקיז מיט פעראכטונג גיענטפערט.

דער סלעדאוואטעל איז גלייך אהין אריינגיגאנגען. אויף דעם וואש-טיש איז געשטאנען א פארצעלייענע שיסעל, פול מיט שווארצע שמוציגע וואסער. אויפ'ן דעק האט מען גיקענט זעהן שטיקלאך קוילען. פון אויבען זיינען גישטאנען שטיקלאך אש אונ ארומגעשוואומען אפגיברענטע פאפיר. מיט גרויס פארזיכטיגקייט האט גאלפען אריינגיטראגען דיא שיסעל אונ אוועקגישטעלט אויפ'ן טישעל לעבען סעקרעטאר.

— איז דאס דיא שיסעל אונ דאס וואסער וואו איהר האט גיוואשען אייערע הענד, ווען איהר זייט געקומען צו הויז? — האט ער גיפרעגט דעם מארקיז.

— יא — האט בואקאראן גיענטפערט מיט א שמייכעל.

— איהר האט אלזא געהאלטען פאפיר אונ קוילען אין אייערע הענד אונ דאס גיברענט?

— איהר זעהט דאך דאס.

דער פראקוראר אונ דער קלערק (סעקרעטאר), וועלכע זיינען גישטאנען איינער געגען דעם אנדערן, האבען זיך איבערגעקוקט

מיט פערוואונדערונג. ביידע האבען גיהאט דעם זעלבען גידאנקען: ווען בואקאראן וואלט ניט גיוועזן אונשולדיג, וואלט ער אזוי ניט גיענטפערט; אבער ער איז א מאן מיט אמערקווירדיגע ענערגיע וואס האט זיך אויסגעארבייט א גוויסען פלאן פון פערטהיידיגונג. דען זיינע אנטווארטען האבען זיי געשיינט אזוי וויא ער איז זיך אליין מודה אין דעם פערברעכען.

דער סלעדראוואטעל אליין איז גיוועזן העכסט פערוואונדערט; אבער ער האט דאס ניט בעוויזען.

— פארשרייבט אלעס פינקטליך — האט ער גיזאגט צום סעקרעטאר — און איהר, הערר בואקאראן, ענטפערט מיר אויף מיינע פראגען: איהר זייט ארויסגיגאנגען נעכטען אבענד ארום אזייגער אכט און זייט צוריקגעקומען ארום אזייגער צוועלף?

— יא.

גאלפען האט ארומגעקוקט דעם ביקס פון אלע זייטען און האט קוים גיקענט בעהאלטען זיין שרעק, ווען ער האט געפונען אויסגעקריצט אויף א זייט פון ביקס דעם נאמען פון פאבריקאנט: קלעבב.

— ווען האט איהר דאס לעצטע מאל גישאסען מיט דעם ביקס? — האט גאלפען גיפראגט.

— מיט א טאג פיער-פינף צוריק.

— וואס האט איהר גישאסען?

— איך האב גישאסען קראליקעס, וועלכע פארוויסטען מיינע וועלדער.

— דערקענט איהר דיזעס? — האט גאלפען גיפראגט ארויסנעמענדיג פון זיין קעשענע דעם קארטוש, וואס דיא בויערן האבען געפונען אין וואלפענסאן.

— געוויס! — האט בואקאראן גיענטפערט — דאס איז דער שיידעל פון א קויל פון מיין ביקס. איך האב דאס געוויס אוועקגיווארפען, ווען איך האב דעם קויל אויסגישאסען.

— גלויבט איהר אז איהר זייט דער איינציגער אין אונזער געגענד, וואס האט אזא מין ביקס?

— איך בין אין דעם זיכער.

— זָא דָאס וֶוען מֶען זָאל גֶעפִינֶען אוֹיף אַ גֶעוִויסֶען פְּלַאץ אַ קַארְטוּש מִיט דֶעם נָאמֶען קְלֶעבֶּב אוֹיף אִיהם, וֶועט דָאס הֵייסֶען, אַז אִיהר זַייט דָארְטֶען גִיוֶוען?

— גַאנְץ גֶעוִויס. אִיךְ הָאבּ פִּילֶע מָאל גִיזֶעהן, וִויא דִי בּוֹיעֶר׳ךְ קִינְדֶער הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִיא קַארְטוּשׁ׳ן וָואס אִיךְ פְּלֶעג אַוֶועקְוַוארְפֶען.

דִיא אַלֶע אַנְטְוָוארְטֶען, וֶועלְכֶע בּוֹאַקַארַאן הָאט גִיגֶעבֶּען מִיט פֶערַאכְטוּנְג אוּנ מִיט פִּילֶע זִיכֶערְהַייט פוּן אוּנְשׁוּלד, הָאבֶּען גִימַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען אַיינְדְרוּק אוֹיף דֶעם פְּרָאקוּרָאר אוּנ אוֹיף דֶעם סֶעקְרֶעטַאר, זָאגַאר דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל אִיז גִיוָוארֶען אַזוֹי צוּטְרָאגֶען אוּנ צוּטוּמֶעלְט, דָאס עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגִיזֶעצְט, אוּם צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען וִויא עֶר זָאל ווייטֶער אָנְגֵיין אִין זַיין שְׁוֶוערֶע אוּנְטֶערזוּכוּנְג.

8 טער קאפיטעל

אַלֶעם גֶעגֶען דֶען בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶען.

דִיא פְּרַאגֶען אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דֶעם טָאן, וִויא דֶער עֶהְרְגַייצִיגֶער סְלֶעדָאנַואטֶעל הָאט זַיי אוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאכֶען, הָאבֶּען אַזוֹי אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט דֶעם מַארְקִיז, דָאס עֶר הָאט זִיךְ קוֹים גִיקֶענְט אַיינְהַאלְטֶען פוּן חַאפֶּען זַיין פַאלְשֶׁען פְרַיינְד אוּנ אִיהם אַרוֹיסְוַוארְפֶען פוּן צִימֶער, נִיט אַכְטֶענְדִיג אוֹיף דִיא גִיזֶעץ.

— עֶנְדְלִיךְ, מַיין הֶערר, זָאגְט מִיר וָואס ווילְט אִיהר פוּן מִיר? — הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן מִיט פַייעֶר, צִיטֶערֶענְדִיג פוּן כַּעַס מִיט אַלֶע אֵבָרִים — אִין וָואס בֶּעשׁוּלְדִיגְט מֶען מִיךְ!

דֶער סְלֶעדָאנוּאטֶעל הָאט זִיךְ נִיט אַרִידְהַר גִיטָאן, אוּנ צוּזַאמֶענְקְלַייבֶּענְדִיג זַיין גַאנְצֶע עֶנֶערְגִיע צוּ בְּלַייבֶּען קַאלְט וִויא אַייז, הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט:

— דָאס וֶועט אִיהר וִויסֶען, וֶוען אִיךְ וֶועל גֶעפִינֶען פַארְנֵייטִיג אַייךְ צוּ דֶערְצֵיילֶען. עֶנְטְפֶערְט מִיר נָאר אוּנ גְלוֹיבְּט מִיר, אַז עֶס אִיז

בעסער פאר איך צו ענטפערן מיר אויפריכטיג. זאגט מיר וואס האט איהר גיטאן נעכטין אבענד?

— בא... איך זאל עס געדיינקען... איך האב שפאצירט...

— דאס איז קיין אנטווארט.

— דאס איז פון דעסטוועגען אמת... איך בין זיך סתם ארוים־גיגאנגען און איך האב ארומגעוואנדערט וואו די אויגען האבען מיך גיטראגען.

— זייט איהר דער ביי אריבערגיגאנגען דעם טייביל סייל?

— ניין.

דער סלעדאוואטעל האט וואזשנע א שאקעל גיטאן מיטן קאפ און האט גיזאגט:

— דאס איז אבער ניט ריכטיג, מיין העדר.

— הערר בואקאראן!...

— אייערע שטיוועל, וואס שטייען דא לעבען בעט, בעווייזען די פאלשקייט פון אייערע ווארטער. פון וואנעט נעהמט זיך די בלאטע אויף זיי?

— די פעלדער ארום מיין שלאס זיינען יעצט פערפלייצט.

— זאגט בעסער דעם אמת! מען האט איך גיזעהן.

— פון דעסטוועגען...

— א געוויסער ריבא האט איך גיזעהן גראדע אין דער מינוט, ווען איהר זייט איבערגיגאנגען דעם טייביל סייל.

בואקאראן האט גאר ניט גיענטפערט.

— וואוהין זייט איהר גיגאנגען? — האט דער סלעדאוואטעל שטרענג גיפרעגט.

צום ערשטען מאל איז בואקאראן גיוועזן אונרוהיג און צוטראגען. א בלייכקייט האט בעדעקט זיין פנים. עס האט איהם געשיינט, אז ער שטייט פאר איין אבגרונד, וואו איין אונבעקאנטע האנד שטופט איהם. ער האט זיך גישלאגען מיט דער דעה, אויב ער זאל דערציילען אדער ניט. ענדליך, זעהענדיג אז אפשטרייטען איז קיין זין ניט, האט ער גיזאגט:

— איך בין גיגאנגען נאך ברעשי.

— צו וועמען?

— צום הָאלְץ־הֶענְדְלֶער, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ פַארקױפְט אַ טְהֵייל פוּן מַיין וַואלְד. וֶוען אִיךְ הָאבּ נִיט גִיטְרָאפֶען אִיהם צוּ־הױזֶע, הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיקגִיקֶערְט דוּרְךְ דֶעם גְרױסֶען וֶועג.

— דָאס אִיז פַאלְש! — הָאט דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל אִיהם אִיבֶּער־גִישְׁלָאגֶען — אִיהר זַייט נִיט גִיגַאנְגֶען נָאךְ בְּרֶעשִׁי.

— אָבֶּער עֶרְלױבְּט דָאךְ.

— אַ בֶּעוַוייז הָאט אִיהר, אַז אַרוּם עֶלְף אַ זֵייגֶער בַּיי נַאכְט הָאט מֶען אַייךְ גִיזֶעהֶן שְׁנֶעל גֵייהֶענְדִיג דוּרְךְ דֶעם וַואלְד רָאשְׁפָּאמְפֵּיֶע.

— אִיךְ!...

— גֶעוִוים, אוּנ לֵייקֶענְט נִיט, דֶען אַייֶערֶע הױזֶען זַיינֶען נָאךְ בֶּעדֶעקְט מִיט דִיא שְׁטֶעכֶעלַאךְ פוּן דִיא בּױמֶער ווּאוּ אִיהר זַייט דוּרְכְגִיגַאנְגֶען.

— עֶס גִיבֶּען בּױמֶער אױךְ אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער.

— דָאס אִיז רִיכְטִיג אָבֶּער מֶען הָאט אַייךְ דָארְטִין נִיט גִיזֶעהֶן.

— גָאדְרִי דֶער הָאלְץ גַנָב הָאט אַייךְ אַזוֹי גוּט גִיזֶעהֶן, דָאס עֶר קֶען אוּנְז בֶּעשְׁרַייבֶּען וִויא אִיהר הָאט זִיךְ דַאן גֶעפִיהְלְט. אִיהר זַייט גִיוֶועזֶען צוּטְרָאגֶען אוּנ אַזוֹי אִין כַּעַס, דָאס אִיהר הָאט גֶעשְׁרִייֶען אוּנ גֶעשָׁאלְטֶען אױפ'ן קוֹל אוּנ הָאט אַרָאפְּגֶערִיסֶען צְוַוייגְלַאךְ אוּנ בְּלֶעטֶער פוּן דִיא בּױמֶער.

אוּנ אַזוֹי רֵיידֶענְדִיג הָאט זִיךְ דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל אױפְגִיהױבֶּען. הָאט גִינוּמֶען בּוּאַקָארַאן'ס רָאק, הָאט אַרוּמְגֶעטַאפְּט דִיא קֶעשֶׁענֶעס, אוּנ הָאט פוּן זַייא אַרױסְגֶעשְׁלֶעפְּט אַ פוּלֶע הַאנְד מִיט צוּדַארְטֶע בְּלֶעטְלַאךְ.

— אָט הָאט אִיהר אַ בֶּעוַוייז. אַז גָאדְרִי הָאט קַיין לִיגֶען נִיט גִיזָאגְט.

— עֶס גִיבֶּען אִיבֶּעראַל בְּלֶעטְלַאךְ פוּן בּױמֶער — הָאט בּוּאַקָארַאן גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַרָאפְּגִילָאזֶענֶע אױגֶען אוּנ אַ גֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִימֶע.

— יַא, אָבֶּער דִיא בּױעֶר'ן קוּרְטוּאַ הָאט אַייךְ גִיזֶעהֶן אַרױס־גֵייהֶענְדִיג פוּן וַואלְד רָאשְׁפָּאמְפֵּיֶע, אִיהר הָאט אִיהר אֲפִילוּ גִיהָאלְפֶען אַרױסְשְׁלֶעפֶּען דֶעם וֶועגֶעלֶע פוּן זוּמְפּ. וֶועט אִיהר עֶס אָפְּלֵייקֶענֶען? נַיין, אוּנ אִיהר הָאט רֶעכְט, דֶען, זֶעהְט אִיהר, דָא אױף דִי אַרְבֶּעל

פון אייער ראק בעמערק איך א ווייסען שטויב וואס קומט נאטירליך פון מעהל...

בואקאראן האט אראפגעלאזען דיא קאפ.

— גיט דאך צו, אז נעכטען אבענד, צווישען צעהן אונ עלף אוהר, זייט איהר געוועזען אין וואלפענסאן.

— ניין, איך בין דארטין ניט געוועזען.

— אט זעהט איהר דיזען קארטוש פון אייער ביקס: מען האט איהם היינט געפונען אין וואלפענסאן. וואס זאגט איהר דערצו?

— אה, מיין העדר — האט בואקאראן אויסגעשריען — האב איך אייך דען ניט געזאגט, אז איך האב ווייניגסטענס צוואנציג מאל געזעהן וויא קינדער האבען זיך געשפילט מיט דיזע קארטושען? יעדענפאלס, ווען איך וואלט שוין געוועזען אין וואלפענסאן — וואס פאר א אינטערעס וואלט איך געהאט דאס אפצולייקענען.

נאלפען האט זיך אויסגעצויגען אונ האט אנגענומען א וואזשנע מינע, אונ מיט א הויכע אונ שארפע שטימע האט ער אויסגירעט:

— דאס וועל איך אייך זאגען: נעכטען אבענד, צווישען צעהן אונ צוועלף א זייגער, האט מען אונטערגעצונדען דעם שלאס וואלפענ-סאן, אונ אויף זיין פלאץ איז יעצט א בארג אש.

— אה! איז עס מעגליך?

— דאס איז נאך ניט אלעס: מען האט נאך אין דער זעלבער צייט צוויי מאל געשאסען אין דעם גראף קלאד...

— גרויסער הימעל!...

— אונ מען רעכענט, מען האט שטארקע בעווייזען, אז דער אונטערצינדער, דער מערדער זייט איהר, זשאן בואקאראן!...

בואקאראן איז געבליבען וויא א פערשטיינערטער. אלע קאלירען האבען זיך שנעל געביטען אין זיין אפענעם געזיכט. ווי א צומישטער האט ער געווארפען בליקען אויף אלעמען אין צימער, ווען ער איז א ביסעל געקומען צו זיך. ער האט אבער נאר געזעהן פינסטערע אונ פערטרויערטע פענימער. זיין דינער אנטואן האט זיך געהאלטען אנגעשפארט אן מויער אום ניט צו פאלען פון שרעק אונ הארצקלעמענעס.

דער סעקרעטאר מעשינע איז געבליבען מיט זיין פעדער אין דער-לופטען אונ מיט א אפענע מויל. דער פראקוראר איז געזעסען מיט

איין אראפגילאזענעם קאפ, מיט טרערין אין דיא אויגען.

— דאס איז שרעקליך! — האט בואקאראן אקרעכץ גיטאן און האט זיך אראפגילאזען אויף א שטוהל, בעדעקענדיג זיין געזיכט מיט ביידע ציטערענדע הענד.

נאר גאלפען איז געבליבען ניט געריהרט. דאס גיזעץ, וועמעס דיענער ער האט זיך גירעכענט האט קיין געפיהל, ווייס ניט פון שרעק און רחמנות. אויף דעם סלעדאוואטעל'ס ליפען האט מען אפילו גיקענט בעמערקען איין איינגעהאלטענעם קורצען שמייכעל — דער שמייכעל פון איין עהרגייציגען, וועלכער איז צופרידען מיט זיין קונסט און געשיקטקייט.

נאך א מינוט פון שווייגען, וועלכע האט גישיינט צו דויערין א גאנצע עוויגקייט, האט גאלפען זיך ברייטלאך אוועקגישטעלט לעבען מארקיז, האט אויסגיצויגען זיין האנד און האט אויסגירעט:

— נו, איהר זייט זיך מודה?

בואקאראן איז אויפגעשפרונגען אזוי וויא איין אנגעצויגענע ספרונדזינע.

— וואס! — האט ער אויסגעשריען מיט פייער, זיך געבענדיג א קלאפ אין הארצען — וואס?! וואס, איהר ווילט איך זאל זיך מודה זיין?

— אז איהר זייט שולדיג אין דעם פערברעכען פון וואלפענסאן.

— אבער דאס איז א משוגעת!... האט דער מארקיז אויסגעשריען, זיך רייבענדיג דעם שטערין מיט דיא הענד. איך! איך זאל זיין איין אונטערצינדער! איין מערדער! גרויסער הימעל! בין איך אויף דער וואהר אדער אין חלום!... איז עס מעגליך? האט דאס א זין! זאל איך מודה זיין, וועט איהר מיר ניט גלויבען... ניין! איהר וועט מיר ניט גלויבען!...

ער וואלט געריהרט א שטיין, אבער גאלפען איז זיך גישטאנען אזוי וויא ניט איהם מיינט מען.

— עס האנדעלט זיך דא ניט וועגען א פערזאן — האט ער קאלט גיזאגט — ווארום זאלען מיר ריידען פון אונזער פריהערע פריינדשאפט, וועלכע דארף פערגעסען ווערין? דא רעט מיט אייך ניט א פריינד, אפילו ניט א מענש, נור א ריכטער. מען האט אייך גיזעהן...

—ווער? וועלכער עלענדער נפש האט אויף מיר גיקענט ארויפווארפען אזא בלבול?...

—קאקאלע!

—קאקאלע!—האט בואקאראן אויסגערופען מיט פערוואונדערונג, גלאצענדיג מיט דיא אויגען—דיזער ארימער אידיאט, וואס די גרעפין האט צוגענומען צו זיך אוים מיטלייד? און איהר, הערר גאלפען, האט עס גלייך גיגלויבט!

—א שטונדע ווייניגסטענס איז דער אונגליקליכער אידיאט גיוועזן ביין זינען. דיא וועגען פון גאטס השגחה זיינען אונבעגרייפליך.

—אה, מיין הערר, וואס פאר א גלויביגער איהר זייט גיווארען!

—ער האט אבער פארט דערציילט, אז ער האט גיזעהן, וויא איהר האט אונטערגעצונדען און דערנאך גישאסען אין דעם גראף.

—און דאס האט איך גישיינט גאנץ איינפאך!...

—אה, ניין!—איך בין אנפאנגס גיוועזן אויפגיבראכט געגען דעם אידיאט, וויא אלע אנדערע צוהערער. איהר זייט גישטאנען העכער פאר יעדען פערדאכט. אבער זעהט איהר, באלד נאכדעם האט זיך בעוויזען עדות און מען האט גיפונען דעם קארטוש פון אייער ביקס. און דא ביי אייך האב איך גיפונען שטיקלאך קוילען און פארברענטע פאפיר אין דעם שיסעל וואו איהר האט זיך גיוואשען...

—דאס איז ווירקליך אזוי וויא באשערט—האט בואקאראן ברעכענדיג דיא הענד געמורמעלט.

—און דאס איז נאך ניט אלעס—האט דער סלעדאוואטעל ווייטער גיזאגט מיט אלין א שארפערע שטימע—איך פרעג אייך נאך און איהר גיט צו, אז איהר האט פארבראכט דעם אבענד ניט צו הויז. איך פערלאנג אז איהר זאלט מיר ערקלערען וואו איהר האט פארבראכט די צייט צווישען אכט און צוועלף א זייגער, און איהר ענטזאגט זיך. איך פאדער עס ערנסט און איהר זאגט א ליגען. איך בין דאך געצוואונגען מיט צוטהיילען אייך וואס די עדות זאגען און וויא זיי בעווייזען דיא פאלשקייט פון אייער אויסרייד. זאגט, איז דאס אלין ניט גענוג צו בעשולדיגען אייך? וואס האט איהר גיקענט אזוינס טאן, אז איהר קענט דאס ניט דערציילען? איהר זאגט, אז

איהר זייט אונשולדיג. העלפט מיר דאס צו בעווייזען. רעט! וואס האט איהר גיטאן צווישען אכט אונ צוועלף א זייגער נעכטין ביינאכט?...

דא איז דער סלעדאוואטעל אונטערבראכען גיווארען דורך א זשאנדאר, וועלכער איז אריינגעקומען אין גרוים היילענס, זעהר צוטראגען.

9 טער קאפיטעל

דער ארעסט.

אין דער צייט, ווען דער סלעדאוואטעל האט נאכגיפרעגט דעם מארקיז, האבען זיך צוזאמענגעקליבען א סך בויערן ארום דעם שלאס. דיא נייעס וועגען דיא שרעקליכע שרפה פון וואלפענסאן האט זיך פארשפרייט מיט דיא שנעלקייט פון א בליץ, אונ פון אלע ארומיגע דערפער זיינען זיך דיא נייגיריגע צוזאמענגילאפען זעהן דעם רייכען אונ אדעליגען פערברעכער. וואס מעהר עס איז בעקאנט גיווארען, וויא דיא שרפה אונ דער פערזוך צו ערמארדען דעם גראף קלאד איז צוגיגאנגען, אלץ מעהר זיינען דיא פערזאמעלטע בויערן אויפגעבראכט גיווארען, אונ באלד האבען זיך גיהערט גישרייען, אז מען דארף בואקאראנען ארייננווארפען אין וואסער אדער אנדערע נגישות אנטאן. דיא קולות זיינען אלץ העכער אונ היציגער גיווארען, אונ דיא זשאנדארען האבען קוים גיקענט איינהאלטען דיא בויערן. דארום איז איינער פון דיא זשאנדארען אריינגילאפען צום סלעדאוואטעל צופרעגען וואס מען זאל טאן, אונ אין דער צייט וואס ער האט דערציילט וואס עס טוהט זיך אין דרויסען, האבען זיך גילאזט הערען ווילדע קולות:

— אין וואסער בואקאראן! אין וואסער דעם אונטערצינדער!

דער פראקוראר איז אויפגעשפרונגען אונ מיט א דערשראקענע שטימע גיזאגט צום זשאנדאר:

— זאגט דיא בויערן אז מען פארשט נאך דיא זאך וויא דיא

געזען פארדערט, אז זיי שטערען אונז און אז זיי וועלען האבען צו-טאן מיט מיר, ווען זיי וועלען ניט אויפהערען צו לארעמען:

דער זשאנדאר איז גלייך ארויסגיגאנגען, און בואקאראן, וועלכער איז גיוועזען בלייך וויא דער טויט און האט מיט פערצווייפלונג גיבראכען דיא הענד, האט אויסגעשריען:

— גרויסער הימעל! דיזע אלע אונגליקליכע גלויבען טאקי אז איך בין דער פערברעכער!...

— יא — האט גאלפען גיענטפערט — און איהר וועט אויך מוזען צוגעבען, אז זיי מעגען זיין אויפגעבראכט, ווען איהר וועט וויסען וואס עס איז פארגעקומען געסטער'ן ביי נאכט.

— וואס נאך?! — האט בואקאראן מיט שרעק אויסגערופען.

— צוויי פייער-לייטע פון סאוטער, איינער פון זייא א פאטער פון פינף קינדער, זיינען אומגעקומען אין די פלאמען. צוויי אנדערע מענשען, א בויער פון ברעשי און א זשאנדאר, וועלכע האבען פרובירט צו רעטין דיא אונגליקליכע, האבען בעקומען אזוינע וואונדען פון פייער דאס מען האט מורא פאר זייער לעבען.

בואקאראן האט אראפגילאזען דיא קאפ און האט גאר ניט גיענטפערט.

— און איך, הערר בואקאראן, אייך בעשולדיגט מען דאס אין דעם גאנצען אונגליק! איהר זעהט אלזא, אז עס איז נייטיג, דאס איהר זאלט גלייך אראפנעהמען פון זיך דיא שרעקליכע בעשולדיגונג.

— אה!... ווען איך וואלט דאס גיקענט!...

— ווען איהר זייט אונשולדיג קענט איהר דאס בעווייזען. זאגט מיר, וויא און וואו איהר האט פארבראכט נעכטיגע נאכט?

— איך האב אייך שוין גיזאגט אלעס וואס איך קען זאגען...

דער סלעדאוואטעל האט א מאך גיטאן מיט'ן האנד, און נאך א מינוטע טראכטען, האט ער שטרענג גיזאגט:

— נעהמט אייך אין אכט, הערר בואקאראן, איך וועל געצוואונגען זיין צו הייסען אייך ארעטירען.

— טוט וויא איהר פארשטייט.

— איך וועל געצוואונגען זיין צו הייסען אייך אריבערפיהרען אויף'ן שטעל אין געפענגניס פון סאוטער.

— זאל זיין אזוי.

— אלזא איהר בעקענט אז...

— איך ערקלער — האט בואקאראן האסטיג אונטערבראכען דעם סלעדאוואטעל — אז איך בין איין אפפער אין איין אונגעהערטען צו־זאמענטרעפען פון צופעלען. איך מוז צוגעבען, אז איהר האט רעכט, אז מען מוז ווירקליך אננעהמען דעם גלויבען אין א גאטליכע השגחה, אום צו ערקלערען דיזע שרעקליכע געשיכטע. אבער אין נאמען פון אלעס וואס עס איז היילינ שווער איך אייך אז איך בין אונשולדיג.

— בעווייזט דאס!...

— איהר וואלט דאס פארשפארט ביי מיר צו פערלאנגען, ווען איך וואלט גיקענט.

— אלזא זייט אזוי גוט און טוט זיך אן, אום צו פיהרען אייך אין געפענגניס פון סאוטער.

בואקאראן האט קיין ווארט גיענטפערט און איז אריינגגאנגען אין זיין טואלעט־צימער. דער סלעדאוואטעל איז אזוי פערטיעפט גיוועזן אין דיקטירען זיין סעקרעטאר וויא צו פערשרייבען די פראגען און אנטווארטען, דאס ער האט פערגעסען אן דעם אנגיקלאגטען.

דער אלטער דינער אנטואן, וועלכער האט אריינגיטראגען דיא קליידער צו בואקאראנען, האט דאס בענוצט און האט גיזאגט דעם מארקיז אויפ'ן אויער אין דער צייט ווען ער האט איהם גיהאלפען זיך אנטאן:

— מיין ליבער הערר!...

— וואס?

— ש. ש... ניט הויך... דיא פענסטער פון דיזען צימער איז אפען און ניט הויך... דיא ערד איז דארטין זייער וויך... גלייך דערביי זיינען דיא קעלערען, און דארטין, ווייסט איהר דאך, געפינט זיך דער סעקרעטנער ארט, וואו קיינער וועט אייך די ערשטע צייט ניט געפינען... דער ים איז בלויז פינף מייל פון דאנען... איך וועל זיין דיזע נאכט מיט א גוטען פערד לעבען פארק...

א ביטערער שמייכיל האט זיך בעוויזען אויף בואקאראן'ס ליפען.

— און דוא אויך — האט ער גיזאגט — דוא מיין אלטער פריינד, גלויבסט אז איך בין שולדיג...

—איך בעט אייך רחמים, מיין הערר, איך פערזיכער אייך אז איהר וועט קענען אנטלויפען בשלום... איהר וועט נאר איין שפרונג טאן... אין נאמען פון אייער מוטער!...

אנשטאט צו ענטפער'ן זיין טרייען דינער, האט זיך בואקאראן אומגעקערט און האט צוגערופען דעם סלעדאוואטעל.

—זעהט איהר דיזע פענסטער—האט ער גיזאגט, ווען גאלפען איז אריינגעקומען—איך האב געלד, גוטע רייט-פערד, און דער ים איז נאר פינף מייל פון דאנען. א שולדיגער וואלט גלייך אנטלאפען... איך בין אבער אונשולדיג און איך בלייב.

גאלפען האט נאר א קוועטש גיטאן מיט דיא פלייצעס. ער האט בואקאראנ'ס ווערטער נאר אנגינומען פאר א שפיצעל איהם אפצונארען. אין אמת'ן, בואקאראן וואלט זייער לייכט גיקענט אנטלויפען, אבער מען וואלט איהם געווים גיכאפט איידער ער וואלט צוגעקומען צום ים, און ווען ער וואלט שוין יא אנטלאפען, וויא אזוי וואלט ער זיך גיקענט בעהאלטען פון דער פאליציי, אז מען זאל איהם ניט ארויס-געבען? יעדען-פאלס, וואלט דאס גיוועזען דער בעסטער בעוויז, אז ער איז דער פערברעכער. פאר בואקאראנען האט שוין בעסער גילוינט צו בלייבען און פערטהיידיגען זיך געגען א בעשולדיגונג, וועלכע איז סוף כל סוף בעגרינדעט אויף דיא עדות פון א אידיאט.

דאס אלעס האט ביי זיך אין דער מינוט געטראכט דער סלעדאוואטעל. יעדערער אורטהיילט אנדערע מענשען נאך זיך נאך. גאלפען איז גיוועזען א קאלטער, פארזיכטיגער נפש, און ער האט ניט גיוואלט צוגעבען, אז עס געבען פלעצליכע, אונבעוואנענע טהאטען. דארום האט ער גלייכגילטיג גיענטפערט:

—מיין הערר, איך קען אייך צוליב טאן און דאס אריינשרייבען אין פראטוקאל.

אבער דער פראקוראר און דער קלערק האבען אנדערש גידיינקט דערפון. זיי זיינען ניט גיוועזען אזוי פערבלענדעט אין דעם גלויבען, אז בואקאראן איז ווירקליך דער אונטערצינדער פון וואלפענכאן, אז זיי זאלען ניט קענען בעמערקען, דאס זיין גאנצער ריידען און בענעהמען זיך איז עפעס ניט ווי פון א געוויינליכען פערברעכער. וואס מעהר

בואקארען איז געווארען בעשולדיגט, אלין שטייפער און זיכערער איז ער געווארען ביי זיך.

— דאס איז מערקווירדיג! — האט דער קלערק (סעקרעטאר) אזוי ווי צו זיך געזאגט.

דער פראקוראר האט געשוויגען, אבער ווען בואקאראן איז אריינגעקומען אנגיטאגענער־הייט, האט ער געזאגט:

— איך וויל אייך שטעלען א פראגע, איך וועל זאגען קורץ. איהר זייט זעהר אויפגעבראכט און פערוואונדערט, דאס מען בעשולדיגט אייך. די גערעכטיגקייט טאר אבער ניט אורטהיילען נאכדעם שיין נאך. בעטראכט זיך גאר, און איהר וועט צוגעבען אז אלע פאקטען זיינען געגען אייך.

— צום אונגליק איז דאס ריכטיג! — האט בואקאראן געענטפערט — אנוועהנדיג די גאנצע קראפט פון זיין ווילען צו בעווייזען זיך רוהיג, קאלטבלוטיג און זיכער אין זיין אונשולד.

— שווערט, אז איהר וועט פערדאמען א מענשען, וואס וועט זיך געפינען אין דער זעלבער לאגע ווי איהר.

— ניין, מיין העהר, ניין.

דער פראקוראר האט א שפרונג געטאן אין דער גרעסטער איבערראשונג.

— איהר זייט ניט אויפריכטיג, מיין העהר — האט ער געזאגט.

— מיין העהר — האט בואקאראן געענטפערט מיט א געבראכענע שטימע, אראפלאזענדיג דעם קאפ — איך האב קיין האפנונג אייך איבערצייגען אין מיין אונשולד, אבער איך שווער אייך, אז איך בעהאלט גאר ניט און רייד וואס ליגט מיר אויפ'ן הארצען. ניין, איך וועל ניט פערדאמען א מענשען אין מיין לאגע, ווען ער וועט בעהויפטען, אז ער איז אונשולדיג, און ווען איך וועל ניט אויסגעפינען א ריכטיגע אורזאכע וואס האט איהם געקענט טרייבען צו בעגיין דעם פערברעכען. איהר וועט דאך געוויס צוגעבען, אז מען בעגייט ניט א פערברעכען צוליב פערגעניגען, סיידען מען איז משוגע. וואס אנבעלאנגט צו מיר, וואס איך בין יונג, רייך, פעליבט אין א שיינע און רייכע מיידעל, מיט וועלכע איך האב געזאלט הייראטהען אין עטליכע טאג ארום — פרעג איך אייך, וואס פאר א צוועק האב איך

געקענט האבען צו גיין אונטערצינדען וואלפענסאן און זוכען צו ערמאר־דען דעם גראף?

דא האט זיך אריינגעמישט דער סלעדראוואטעל, וועלכער האט מיט בייזע אויגען געקוקט אויף דעם פראקוראר, פאר וואס ער שטעלט פראגען.

— אייער צוועק, מיין הערר, איז געווען פטור צו ווערין פון א מענשען, וואס איהר האסט. אייערע רייד זיינען אומזיסט, אלע ווייסען, אז איהר זייט א טויט־פיינד פון דעם גראף און דיא גרעפין.

בואקאראן איז געווארען א צוקאכטער און האט געווארפען אויף'ן סלעדראוואטעל א בליק מיט פעראכטונג, און האט אויסגעשריען:

— ווען דאס וואלט ווירקליך געווען אזוי, מיט וואס פאר א רעכט ערלויבט איהר זיך צו בענוטצען יעצט ווארטער, וואס איך האב אייך א מאל געזאגט ווען איהר האט זיך גערופען מיין פריינד? אבער דאס איז ניט אזוי. קיין מאל האב איך אייך אזא זאך ניט געזאגט. איך קען אייך יעצט זאגען דאס זעלבע וויא פריהער. איך האב אייך בעמערקט, אז דער גראף איז א בייזער שכן, אז איך קען זיך מיט איהם ניט פערטראגען. איך האב אייך ערקלערט, אז ער האלט מיינע פאליטישע מיינונגען פיר שאנדליכע און אז איך האלט זיינע מיינונגען פאר לעכערליכע און געפעהרליכע. וואס אנבעלאנגט צו דיא גרעפין, האב איך אין שפאס געזאגט, דאס איך וואלט געווען איין אונגליקליכער, ווען איך וואלט געהאט אזא הייליגע פרוי.

— און דארום האט איהר טאקי ארויפגילאזען א פאטש דעם גראף? — האט גאלפען מיט א בייזען שמייכיל געפרעגט — ווארום זאל מען ניט אננעהמען, אז אין א גראסערע אויפרעגונג האט איהר געקענט בעגיין א מארד?

בואקאראן האט זיך קוים געקענט איינהאלטען פון כעס.

— מיין אויפרעגונג איז געווען פיל קלענער וויא מען מיינט — האט ער מיט א הייזעריגע שטימע געזאגט — איך אכטע דעם האראקטער פון גראף קלאד. דאס איז פאר מיר דיא גראסטע הארצקלעמענעס צו דיינקען, אז ער קען מיך בעשולדיגען...

— ער האט אייך גאר ניט בעשולדיגט! — האט זיך אפגערופען

דער פראקוראר — פארקעהרט ער האט מעהר פון אלעמען געזוכט צו פערטהיידיגען איך... צום אונגליק אבער, בעווייזט דאס גאר ניט אייער אונשולד. אויב איהר וועט שווייגען, זאלט איהר וויסען אז איך ערווארטעט דאס געריכט אונ קאטארגע. אויב איהר זייט אונשולדיג, ווארום זאלט איהר ניט זוכען צו בעווייזען די פאלשקייט פון דיא בעשולדיגונג געגען איך? וואס ווארט איהר? אויף וואס האפט איהר?

— איך ווייס אליין ניט...

דער סעקרעטאר מעשינע האט גראדע געענדיגט זיין פראטאקאל אונ דער סלעדאוואטעל האט אויסגערופען:

— מיר מוזען פאהרען!

בואקאראן האט זיך אפילו קיין קרים גיגעבען. ער האט גידולדיג גיווארט ביז דער סלעדאוואטעל האט גיענדיגט ארויפצולייגען די זיגלען אויף דיא טירען פון בואקאראנ'ס צימער ווִיא דיא גיזעץ פאדערט, אונ איז נאכדעם אוועקגיפאהרען אין זיין אייגענע פוהר, בעגלייטעט פון צוויי זשאנדארען אונ פון דיא הויכע קללות פון אלע צוזאמענגילאפענע בויערן, נאך דיא גיפענגנים פון סאוטער.

10 טער קאפיטעל

בואקאראנ'ס עלטערן.

דיא הויז פון דיא פאמיליע בואקאראן אין דער אריסטאקראטישער אוניווערזיטעט גאס פון פאריז, האט פון דרויסען אויסגיזעהן ניט זעהר שיין אונ רייך; אבער דערפאר זיינען אינעווייניג דיא זאלען גיוועזען אזוי רייך אונ קינסטליך, דאס זיי האבען גיהאט א שם אין פאריז. דיא מארקיזע בואקאראן האט זעהר ליב גיהאט לוקסוס אונ פלעגט אויסזוכען ארומצורינגלען זיך מיט בעקאנטע פאליטיקער. אין איהרע יונגע יאהרען האט זיא געשפילט א גרויסע ראלע אין קאניגליכען הויף פון לואי פיליפ צוליב איהר שיינהייט אונ שכל; אונ אויף דער עלטער, אונטער דיא היינטיגע רעפובליק איז איהר נאר

געבליבען צו בעשעפטיגען זיך מיט קריטיקירען און בעשמוצען דיא פיהרערס פון דיא רעפובליק אויף דיא אריסטאקראטישע אבענד-אונטערהאלטונגען. דער מארקיז אליין, האט זיך שוין לאנג אבגיזאגט פון פאליטיק. ער האט כמעט אין גאנצען פערלאזען די אריסטאקראטישע וועלט מיט איהרע בעלער, באנקעטען און אנדערע פערגעניגונגען. זיין איינציגע בעשעפטיגונג איז גיווען צו קויפען און צוזאמלען פארצעלייענע און פאיאנסענע זאכען. און זיין קאלעקציאן איז גיווען איינע פון דיא רייכסטע און דיא אינטערעסאנטעסטע אין דיזען פאך.

ער איז זיך אזוי גיזעסען אין זיין גרויסען קאבינעט און האט אויפמערקזאם ארומגעקוקט מיט א פערגרעסערונגס גלאז עטליכע פאיאנסענע זאכען מיט פיגורען און סצענען פון די ערשטע פראנצויזישע רעוואלוציאן, זוכענדיג צו בעשטימען וויא און ווען זיי זיינען גימאכט גיווארען — ווען דיא טיר האט זיך גיעפינט און דיא מארקיזע איז אריין מיט א דעפעשע אין האנד. זי איז גיווען אין טרערן, שרעקליך בלייך. זא דאס דער מארקיז, וועלכער האט זיך מיט קיין זאך ניט אינטערעסירט אויסער זיינע פאיאנסען און האט איהר איבערגיגעבען דיא גאנצע פיהרונג פון הויז, האט ער איהר מיט פערוואונדערונג גיפרעגט:

— וואס זאל דאס בעדייטען? וואס האט פאסירט?

— א שרעקליכער אונגליק.

— זשאק איז געשטארבען?

— ניין, עס איז נאך פיליכט שרעקליכער — האט זי גיענטפערט, און טרערין האבען זיך א גאס גיטאן פון איהרע אויגען.

דער אלטער איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אראפגילאזען אויף זיין שטול זייער דערשראקען.

— זאגט! דערציילט! — האט ער שטיל אויסגירעט — איך האב גענוג מוטה אויסצוהערען דיא שרעקליכע זאכען.

זי האט איהם דערלאנגט דיא דעפעשע, וועלכע האט גיגעבען צו וויסען דעם ארעסט פון זייער זוהן און ווארום מען האט איהם ארעטירט. דיא מארקיזע האט ערווארטעט, אז איהר אלטער מאן וועט בעקומען דיא פאפלעקסיע, ווען ער וועט איבערלעזען דיא

דֶעפֶּעשֶׁע. און זיא איז גיוֶוען דארום הֶעכסט איבֶּערראשט. וֶוען ֶער הָאט אַ קְוֶועטְשׁ גיטָאן מִיט דיא פְּלֵייצֶעס און הָאט אויסגֶערוּפֶען:

— דָאס איז איין אוּנזִין.

— אִיהר הָאט גֶעווים נִיט פֶערשְׁטאַנֶען, מֵיין פְרֵיינד — הָאט זיא גיעֶנטְפֶערְט — אִיהר...

— אִיךְ הָאבּ גַאנְץ גוּט פֶערשְׁטאַנֶען — הָאט ֶער אִיהר אוּנְטֶער־בְּרָאכֶען — מֶען בֶּעשׁוּלְדִיגְט אוּנְזֶער זוּהְן אַ פֶערבְּרֶעכֶען. וָואס ֶער הָאט נַאטִירְלִיךְ נִיט בֶּעגַאנְגֶען. איז עֶס מֶעגְלִיךְ צוּ צְווֵייפְלֶען אִין זַיין אוּנ־שׁוּלְד? וָואס פַאר אַ מוּטֶער זַייט אִיהר? אִיךְ בִּין גַאנְץ רוּהִיג. זְשַׁאק איין אוּנְטֶערצִינְדֶער!... זְשַׁאק אַ מֶערדֶער!... בֶּערוּהִיגְט אַייךְ דָאךְ... דָאס איז אַ מְשׁוּגַעת.

— אַה, אִיךְ זֶעה אַז אִיהר הָאט דָאךְ נִיט גִילֵייעֶנְט דִי דֶעפֶּעשֶׁע! — הָאט דִיא מַארְקִיזֶע אויסגֶעשְׁרִיֶען — הָאט אִיהר דֶען נִיט בֶּעמֶערְקְט, אַז מֶען הָאט גֶעפוּנֶען בֶּעווייזֶע גֶעגֶען אִיהם?

— אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גִיזֶעהֶן אוּן גִילֶעזֶען. אִיהר קֶענְט דָאךְ אַלֵיין פארשְׁטֵיין, אַז מֶען וָואלְט אִיהם נִיט אַרֶעסטִירְט, וֶוען ֶעס וָואלט ַקיינֶע בֶּעווייזֶע זַיין גֶעגֶען אִיהם. דָאס איז נַאטִירְלִיךְ זֶעהר טְרוֹיעֶריג, זֶעהר אוּנאַנְגֶענֶעהם...

— אָבֶּער ֶער הָאט זִיךְ נִיט פֶערטְהֵיידִיגְט! — הָאט זִי אִיהם אוּנְטֶער־בְּרָאכֶען.

— בַּא!... גְלוֹיבְּט אִיהר דֶען דָאס אִיךְ וֶועל זִיךְ פֶערטְהֵיידִיגֶען, וֶוען מֶען זָאל מִיךְ מָארְגֶען בֶּעשׁוּלְדִיגֶען, דָאס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעבְּרָאכֶען אוּן בֶּעגַנְבְ'עט אַ גָאלְד אוּן בְּרִילְיַאנְטֶען גִישֶׁעפְט (מַאגַאזִין).

— אָבֶּער אִיהר זֶעהט דָאךְ, אַז אֲפִילוּ זַיין טְרֵייֶער דִינֶער אַנְטוּאַן גְלוֹיבְּט אִין אוּנְזֶער זוּנ'ס שׁוּלְד.

— אַנְטוּאַן איז איין אֵייזֶעל — הָאט דֶער מַארְקִיז קַאלְט גִיעֶנְטְפֶערְט, גֶעבֶּענְדִיג אַ גוּטֶען שְׁמֶעק־טַאבַּאק פוּן זַיין פַאיַאנְסֶענֶע טַאבַּאק־פּוּשְׁקֶע; לָאמִיר דִיא זַאךְ רוּהִיג בֶּעטְרַאכְטֶען. הָאט אִיהר מִיר דֶען נִיט גִיזָאגְט, אַז זְשַׁאק איז פֶערלִיבְּט אִין דִיא קְלֵיינֶע דֶעניסֶע זְשַׁאנְדָארְעֶ?

— וויא אַ מְשׁוּגֶעגֶער, וויא אַ קְלֵיין קִינְד.

— אוּנ זִיא?

— זִיא פֶערגֶעטֶערְט אִיהם. זְשַׁאק הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז זַייעֶר

חתונה איז שוין בעשטימט און אז ער וועט קומען אהער קויפען זאכען פאר דיא חתונה.

— און קענט נאך מיינען — האט דער מארקיז אויסגעשריען — אז אזא יונגער מאן וויא אונזער זוהן, א בואקאראן, א פערליבטער, געליבטער, וועלכער קלייבט זיך חתונה צו האבען און איז נאר פערנומען צו קויפען פרעזענטען פאר זיין כלה — זאל בעגיין אזא שרעקליכען נידערטרעכטיגען פערברעכען!... איך וויל גאר דעריבער ניט ברעכען מיין קאפ, און א בעוויז האט איהר. דאס איך זעץ מיך טאן מיין ארבייט וויא געוויינליך.

דיא זיכערהייט פון דעם מארקיז האט בערוהיגט דיא מארקיזע, און זיא האט גיזאגט:

— פיליייכט האב איך ווירקליך אנגינומען דיא זאך צו ערנסט.

— דאס איז געוויס — האט ער שנעל גיענטפערט, ניט פארגינענדיג זיך אפצוקערען פון זיינע טהייערע פאיאנסען — און צווישען אונז גירעט, בעט איך אייך ניט דערציילען דאס. בעטראכט נאר, וואס וועט זאגען דער סלעדאוואטעל, ווען ער וועט הערען, אז אפילו זיין מוטער קען צווייפלען אין זיין אונשולד.

— אבער וואס וועלען מיר יעצט טאן?

דער מארקיז איז אזוי אפגיוויינט גיוועזן פון אזעלכע פראגען פון זיין פרוי, וועלכע האט אליין אלעס געפיהרט אזוי וויא ער וואלט גיוועזן אויף יענער וועלט, דאס ער איז גיווארען צומישט.

— אה, וואס זאל מען טאן? — האט ער איבערגיפרעגט — איך וויים נאר, אז מען מוז זשאקן גלייך ארויסשלעפען פון געפענגניס... מען דארף זעהן... נאכפרעגען איין אדוואקאט.

אין דער מינוט האט מען אנגיקלאפט אין טיר, און ווען דער מארקיז האט אויסגערופען: „קומט אריין" האט א דינער אריינגעטראגען א דעפעשע.

— אט זעהט איהר! — האט דער מארקיז גיזאגט, ווען דער דינער איז ארויסגיגאנגען — איך בין גיוועזן זיכער, אז מען וועט איהם באלד ארויסלאזען. דיזע דעפעשע וועט דאס אונז געוויס אנזאגען.

אבער וויא ער האט נאר אנגיפאנגען צו לעזען, איז זיין שמייכל

פערגליווערט געווארען אויף זיינע ליפען, אונ ער האט מיט א געבראכענע שטימע אויסגעשריען:

„מיין גאט!"

דיא גרעפין האט ארויסגעריסען פון זיינע הענד די דעפעשע, וואו עס איז געשטאנען: „קומט אויפ'ן שטעל! זשאק איז אין געפענגניס, בעשולדיגט אין א שרעקליכען פערברעכען. דיא גאנצע שטאט זאגט, אז ער איז שולדיג אונ אז ער האט זיך אפילו מודה געווען. דאס איז א שענדליכער ליגען. זשאק איז אונשולדיג, דאס איז א נידערטרעכטיגע אינטריגע. דער זיידע אונ איך וועלען אנווענדין אונזערע קראפטין צו בעווייזען זיין אונשולד, אבער אייער הילפע איז נויטווענדיג. קומט! קומט. — דעניסע זשאנדארע".

— אה, מיין זוהן איז פערלארען! — האט דיא מארקיזע אויסגעשריען, ווען זיא האט איבערגילעזען דיא דעפעשע; אונ זיא האט זיך בעגאסען מיט טרערין.

דער מארקיז איז אויפגעשפרונגען וויא א ווילדער.

— אונ איך — האט ער מיט כעס אויסגעשריען — איך זאג דאס זעלבע וויא דיא בראווע מיידיל דעניסע: זשאק איז אונשולדיג, אבער ער איז אין געפאהר, דאס זעה איך יעצט. א קרימינאל-פראצעס איז א געפעהרליכע זאך, וואס מאכט מען דען ניט זאגען א מענשען, וואס זיצט פארשפארט אין א סעקרעטקע?...

— מען טאר קיין מינוט ניט פערלירען... מען מוז שנעל האנדלען — האט דיא מארקיזע איהם אונטערבראכען.

— געוויס! געוויס! מיר האבען נאך פריינדע, וואס האבען איינפלוס... דערוויילע לאמיר הערען, וואס אונזער אלטער אדוואקאט וועט אונז ראטהען. מען מוז גלייך שיקען נאך איהם.

אונ ריידענדיג אזוי, האט ער מיט אזא האסט געקלונגען, דאס אלע דינער זיינען זיך צוזאמענגילאפען.

11 טער קאפיטעל

בואקאראנ'ס מוטער און כלה.

וויא נאך שאפעלי דער אדוואקאט, פון דער פאמיליע בואקאראן, האט דורכגעלעזען דיא דעפעשען, האט ער ערקלערט, אז פאר איהם אליין איז צו שווער צו פיהרען דעם פראצעס און האט גיראטהען צו נעמען א יונגען אדוואקאט מיט דעם נאמען פאלגא, וואס זיינע זעלטענע פעהיגקייטען האט ער גוט גיקענט. אין אמת'ן האט שאפעלי ניט גיוואלט נעמען אויף זיך דעם פראצעס, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז מען ארעסטירט ניט אין אזוינע פעלע אהן שום אורזאכע און בעווייזען, און ער האט דארום גיגלויבט, אז בואקאראן איז שולדיג. פאלגא, האט ער גירעכענט, וועט זיך אן דעם אנחאפען, אום צו קריגען א נאמען; און אזוי איז עס אויך גיוועזן.

דעם זעלבען אבענד איז פאלגא אוועקגיפאהרען צוזאמען מיט דער מארקיזע נאך סאוטער. דער אלטער מארקיז איז געבליבען אין פאריז, אום צו זעהן זיך מיט זיינע פריינד, וואס האבען א דעה אין דער רעגירונג, אבער ער האט גאר ניט גיטאן, דען ער האט שטארק גיגלויבט אין דיא אונשולד פון זיין זוהן און איז צו פיל גיוועזן בעשעפטיגט מיט זיינע פינאנסען. ווען ער וואלט נאך וויסען וואס פאר א גוטען אדוואקאט ער האט געקראגען, וואלט ער זיך אין גאנצען בערוהיגט.

פאלגא איז גיוועזן אלט א יאהר דרייסיג, מיט גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע פלעגען דורכנעהמען א מענשען, מיט שווארצע האר און מיט איין אלגעמיינעם אויסדרוק פון קאלטבלוטיגקייט, שכל און ענערגיע. צווישען דיא יונגע אדוואקאטען אין פאריז האט ער גיהאט א שם פאר א פעהיגען, קאלטבלוטיגען, הארטהערציגען מאן; אבער ער איז נאך גיוועזן אונבעקאנט ביים פובליקום, ווייל עס האט זיך איהם ניט גימאכט צו האבען א בעריהמטען פראצעס. ער איז גיוועזן איין אויסגעצייכענטער רעדנער און ער האט גיברענט צו בעווייזען דיא וועלט זיינע פעהיגקייטען. דארום האט ער זיך אנגיחאפט אן בואקאראנ'ס פראצעס מיט גרויס פרייד און האט זיך גלייך גינומען

צו דער ארבייט מיט א זעלטענע קונסט און ענערגיע. צו אלע זיינע מעלות האט ער נאך גיהאט איינע, וועלכע זיינען זעהר זעלטען ביי אדוואקאטען; טרייהייט און עהרליכקייט. וויא מיר וועלען זעהן, האט מען גאר קיין בעסער'ן און געשיקטער'ן אדוואקאט ניט גיקענט אויס־געפינען פאר אזא פערפלאנטערטען און שווערען פראצעס, ווי זשאק בואקאראנ'ס איז גיוועזן.

אסך נייגיריגע האבען גיווארט אויף דעם וואקזאל פון סאוטער צו זעהן דיא מוטער פון דעם פערברעכער. דען אין דער קליינער שטאט האט מען מעהר ניט גירעדט וויא פון דיא שרעקליכע שרפה פון וואלפענסאן, און מען האט אלעס נאכגיפרעגט און גיוואוסט. דיא מארקיזע האט זיך דעם גאנצען וועג ניט גיקענט איינהאלטען צו בעקלאגען און צו בעוויינען איהר זוהן, און האט גיוואלט אנ־קומען אין שטאט, אז קיינער זאל איהר ניט זעהן. אבער דער אדוואקאט האט איהר גיראטהען און האט ביי איהר גיפועלט, אז זי זאל זיך גראדע בעווייזען פאר דעם עולם מיט שטאלץ און פעסט־קייט, אזויא וויא איהר זוהן וואלט גאר ניט גיוועזן בעשולדיגט אין א שרעקליכען פערברעכען; אום צו מאכען דאמיט איין איינדרוק אויף דיא איינוואהנער, וועלכע זיינען גיוועזן אויפגירעגט אויף זשאק'ן מעהר וויא אלץ צו ליב דעם טויט פון דיא בראווע פייערלייט. ערשט מיט א טאג פריהער האט מען זיי בעגראבען מיט גרויס פאראד, און אויף זשאק'ס קאפ האבען זיך גישאטען קללות פון אלע זייטען. ווען זיי האבען דערזעהן דיא מארקיזע, רוהיג און שטאלץ גייענדיג גיארעמט מיט דעם אדוואקאט, זיינען זיי טאקי ניט ווייניג פארוואונדערט גיווארען. אייניגע האבען זיך גיזאגט: „זיא האט חוצפה" און אנדערע האבען גיענטפערט: „ניין, זיא איז זיכער, אז איהר זוהן איז אונ־שולדיג".

א קאראט איז גישטאנען גרייט אויפצונעמען דיא מארקיזע, און זיא איז גלייך אוועקגיפאהרען מיט דעם אדוואקאט צו איהר זוהן'ס כלה, דעניסע זשאנדארע.

דער באראן זשאנדארע האט גיהערט צו דיא רייכסטע און אריסטאקראטישע פאמיליען פון דער געגענד. פאר דיא רעוואלוציאן האבען דיא זשאנדארעס געשפילט דיא גרעסטע ראלע אין לאנד, און

נאכהער זיינען זיי געבליבען טרייע אנהענגער פון קאניג און בלוטיגע פיינד פון אלע נייע אידעען און איינפיהרונגען. אין דער צייט ווען עס האט פאסירט דיא זעלטענע געשיכטע וואס מיר בעשרייבען דא איז פון דער גאנצער אלטער פאמיליא געבליבען דער באראן, איין אלטער מאן, און זיין איניקיל דעניסע, וועלכע האט זיך פערליבט אין זשאק בואקאראן וויא נאר זיא האט זיך מיט איהם דערקענט. דער באראן איז געוועזען זייער רייך, און זיין הויז איז געווען דיא שענסטע אין דער געגענד, זיין יורשטע איז געווען זיין איניקיל, דיא יונגע און שיינע מיידיל דעניסע, צו וועלכע אלע יונגע לייט האבען זיך שטענדיג געשדכ׳ענט.

דער אלטער האט איהר געליבט וויא זיין לעבען. זיינע קינדער זיינען אלע אויסגעשטארבען, און דעניסע איז געבליבען א יתומה ווען זי איז אלט געווען דריי יאהר. איהר פאטער, דעם אלטען׳ס זוהן איז געטויטעט געווארען אין א דועל, און איהר מוטער איז אין קורצען געשטארבען פון הארצקלעמענעס, זיא האט ניט געקענט איבערלעבען איהר הייס געליבטען מאן. איהרע צוויי שוועסטער, דיא פריילינס לאוואלאנד, האבען דאן בעשלאסען ניט חתונה צו האבען אום צו קענען ערציהען דיא קליינע דעניסע.

יעדערער פון דיא דריי ערציהער האט געוואלט איבערטרייבען דעם אנדער׳ן אין ליבע צו דיא קליינע, און זיי האבען איהר דארום געמאכט שטארק קאפריזנע. וואס זיא האט געוואלט, פלעגט זיא אויפ׳ן שטעל אויספיהרען. דיא גאנצע שטאט האט דער פון געלאכט. און אלע האבען גערעכנט, אז פון דעם מיידיל וועט גאר ניט ווערין, אבער דיא נאטור האט פארזארגט מיט גוטע פעהיגקייטען, שכל און א חשק צום לערנען, זא דאס איהרע קאפריזען זיינען געווען אפט ניט אזוי משוגע וויא זיי וואלטען געקענט זיין. ווען זיא איז געווארען אלטער, פלעגט זיא אליין לאכען פון דעם, וואס זיא קען אלעס טאן וואס זיא וויל. אין בואקאראנען האט זיא זיך פערליבט, ווען זיא האט איהם דערזעהן ביי איהר זיידען; אבער זיא האט דאס געהאלטען אין סוד א יאהר צוויי, ביז זשאק האט איהר ערקלערט זיין ליבע. דעם אלטען איז זייער שווער געווען אפצולאזען פון זיך זיין איינציגע טרויסט; אבער ער האט געמוזט

נאכגעגעבען איהר ווילען. גראדע מיט א טאג פאר דיא שרפה אין וואל-
פענסאן האט מען בעשטימט דעם טאג פון דיא חתונה, אונ דעניסע
איז גיוועזען אין רעכטין מיטען פון איהר פארבערייטונגען צו איהר
חתונה, ווען עס איז איהר געקומען דיא שרעקליכע נייעס, אז איהר
חתן איז איינגעשפארט אין געפענגניס אלס איין אונטערצינדער אונ
מערדער. זיא איז גיפאלען אין חלשות מיט א הערצרייסענדען געשריי,
צו דיא גראסטע שרעק פון איהר זיידע אונ מומעס; אבער ווען
מען האט איהר אפגעמונטערט, האט זיא גלייך אויסגעשריען:

— בין איך דען ניט משוגע? וויא אזוי האב איך גיקענט אזוי
דערשראקען ווערין? ער איז דאך געווים אונשולדיג.

זיא האט זיך אזוי גיהאלטען שטייף ביז דיא מארקיזע איז
געקומען; אבער וויא זיא האט איהר דערזעהן, האט זי אויסגעשריען
מיט א געוויין:

— אה, מיין מוטער! מיין מוטער! וואס פאר א שרעקליכער
אונגליק!... ארימער זשאק!...

דיא מארקיזע האט זיך אזוי צוויינט, אז זיא האט גאר ניט
גיקענט ענטפערן, אונ דער אלטער באראן האט זיי ביידע אזוי
וויא אריינגעשפארט אין זאל, וואו דיא מומעס האבען אונטערגיהאלטען
דעם גיוויין-כאר צו דיא גראסטע פערלעגענהייט פון דעם אדוואקאט,
וועלכער האט ניט גיוואוסט וואס ער זאל טאן.

דעניסע האט איהם דיא ערשטע בעמערקט אונ האט אויסגעשריען
מיט כעס:

— אונזער פיהרונג איז שאנדליך! וואס וואלט זאגען זשאק, ווען
ער וואלט דאס דערזעהן וויא מיר וויינען וויא נארען? ווארום זאלען
מיר אונזערע קעפ פערלירען אונ אזוי פאלען ביי זיך? איז ער דען
שולדיג? קען עס דען זיין אז ער זאל זיין א פערברעכער?... איך
האב אין זיין אונשולד גאר ניט געצווייפעלט, אונ וויא אזוי זאל
איך קענען צווייפלען, ווען אין דעם זעלבען אבענד פון דיא שרפה
האט ער מיר געשריבען א לאנגען ליבע-בריף? איך האב דיזען בריף
גיצייגט דעם זיידען, אונ ער האט אויך גיזאגט, אז עס איז ניט
מעגליך דאס א מענש זאל קענען שרייבען אזא בריף אידער ער
קלייבט זיך צובעגיין א מארד.

— יא, דאס האב איך געזאגט אונ דאס דיינק איך אויך יעצט — האט דער באראן געענטפערט — אונ יעדער פערנינפטיגער מענש וועט אזוי מוזען דיינקען; אבער...

דעניסע האט איהם ניט געלאזען ענדיגען אונ האט שנעל געזאגט:

— עס איז אלזא זיכער, אז זשאק איז איין אפפער פון איין שרעקליכע אינטריגע, וועלכע מיר מוזען אויפדעקען. גענוג צו וויינען, לאמיר האנדלען אונ קיין מינוטע ניט פערלירען צו רעטען זשאק'ן! איך האב אייך אהער גירופען, טהייערע מוטער, אז איהר זאלט אונז העלפען — האט זיא געזאגט, זיך ווענדענדיג צו דער מארקיזע.

— אונ איך בין גלייך געקומען אהער, וויא איהר זעהט; איך קען זאגען, אז איך בין זיכער אין דיא אונשולד פון מיין זוהן.

— אונ וואו איז דער מארקיז? — האט דער באראן געפרעגט.

— ער איז געבליבען אין פאריז.

— אה, קיין זאך קען איהם ניט ריהרען, וויא איך זעה — האט דער אלטער מיט אונצופרידענהייט געזאגט — זיין איינציגער זוהן איז אין געפענגניס, איין אפפער פון א שרעקליכע אינטריגע אונ ער בלייבט זיצען! אה, ווען איך וואלט נאר געהאט א זוהן!...

— מיין מאן — האט דיא מארקיזע געענטפערט — דיינקט, אז ער וועט מעהר נוטצען בריינגען אז ער וועט בלייבען אין פאריז. ער דארף זיך זעהן מיט איינינע פריינד. ער האט מיר אויסגעקליבען איין אדוואקאט, העררן פאלגא, וועמעס טאלענט אונ טרייהייט זיינען בעקאנט.

דער אדוואקאט האט זיך געלאסען א נייג געטאהן אונ האט געזאגט:

— איך האב אויך האפנונג, אונ איך האלט מיט פריילין שאנדארע, אז מען טאר קיין מינוט ניט פערלירען צו רעטען העררן בואקאראן; אבער פריהער פאר אלץ מוז איך בעקאנט ווערין מיט דעם פלאץ אונ גענוי וויסען וויא אלעס איז צוגעגאנגען.

נאך א קורצען געשפרעך איבער דיא בעלי־הבתים פון שטאט איז געבליבען, אז דער אדוואקאט זאל גיין מיט דעם באראן צום

מער סענעשאל, וועלכער איז געוועזן איין אלטער פריינד פון דיא פאמיליע׳ס בואקאראן און שאנדארע.

דער גוטער מער האט פון טיפסטען הארצען בעדויערט דעם יונגען מארקיז; אבער ער איז אזוי געוועזן אונטער דעם איינפלוס פון דעם סלעדאוואטעל, דאס ער האט אנגעפאנגען צו גלויבען גלייך מיט אלע איינוואהנער פון שטאט, אז זשאק איז דער אונטערצינדער. ער האט זיך זאגאר דעריבער צוקריגט מיט דעם בראווען און היציגען דאקטאר סאבא, וועלכער האט ניט אויפגעהערט צושרייען איבעראל, אז ער האט בעוויזען, דאס מען האט ארויפגעווארפען א בלבול אויף זיין פריינד זשאק צוליב זיינע פאליטישע מיינונגען. איבערהויפט האט דער דאקטאר געפלאמט אין דעם קלוב פון דיא פריידענקער און רעפובליקאנער געגען גאלפענען; און דיא רעפובליקאנער האבען טאקי גלייך אויסגעפייפט דעם סלעדאוואטעל, ווען ער איז דורכגעגאנגען לעבין קלוב.

דער מער האט זיך האסטיג אנגעטאן צו גיין זעהן דעם פראקוראר וועגין דעם אידיאט קאקאלע, וואס איז פלוצלונג פארפאלען געווארען, ווען מען האט איהם אנגעזאגט, אז שאנדארע און נאך א הערר ווילען איהם זעהן.

דער וויזיט האט איהם אפילו ניט געשמעקט, נאר ער איז פון דעסטוועגין אליין ארויסגעגאנגען בעגעגענען דיא געסט. ער האט געמיינט, אז דער באראן וועט איהם בעטען צוטאן עטוואס געגען געזעץ און ער איז דארום געווארען זעהר פערוואונדערט, ווען ער האט בעמערקט, אז דער אלטער האלט זיך אזוי רוהיג און מיט וואס פאר א קאלטבלוטיגקייט ער האט פארגעשטעלט דעם אדוואקאט.

דער מער, וועלכער איז זייער צופרידען געוועזן וואס מען איז ניט געקומען צו איהם קלאגען און האט זיך געפונען געשמייכעלט, וואס דער פאריזער אדוואקאט איז געקומען צו איהם פריהער, וויא צום פראקוראר, האט זייער גערין דערציילט אלעס, וויא דיא סלעדסטוויע איז צוגעגאנגען און וואס בואקאראן האט געענטפערט.

פון זיינע רייד האט מען געקענט שליסען, אז ער אליין און יעדער איינער מוז קומען צום שלוס אז בואקאראן איז שולדיג און

דער באראן האט זיך ווירקליך גיבראכען דיא הענד, שרעקליך דערשראקען, אונ האט אויסגעשריען:

— וואס וועט טאן דעניסע, אה! מיין גאט!...

אבער פאלגא האט נאר א קוועטש גיטאן מיט דיא פלייצעס, אונ האט גיזאגט:

— נאך אלעם דעם גלויב איך דאך, אז בואקאראן איז אונשולדיג, אונ איך האף, אז איך וועל דאס אויך קענען בעווייזען.

12 טער קאפיטעל

פאלגא נעהמט זיך פעסט צו זיין ארבייט.

דיא ערשטע זאך, וואס דער אדוואקאט פאלגא האט גיטאן, איז גיוועזען אוועקצופאהרען אין בואקאראנ׳ס שלאס צו בעטראכטען דעם פלאץ, אונ נאכצופרעגען, וויא דיא אונטערזוכונג איז צוגיגאנגען. אויפ׳ן הויף איז אלעס גיוועזען טרויעריג אונ שטיל, אזוי ווי עס וואלט גיוועזען ארומגערינגעלט פון ווילדע מענשען אונ חיות. פאלגא אונ דער באראן האבען אלאנגע צייט גיהאט צוקלאפען, איידער אנטואן האט אויפגיעפענט דיא טירען. דער בראווער אלטער דינער איז גיוועזען צוטראגען, דערשראקען אונ צוטומעלט, זא דאס דיא אנגיקומענע האבען אנפאנגס גימיינט, אז ער איז פון זינען אראפ. עס האט זיך אבער ארויסגיצייגט, אז דער דינער האט ניט גיקענט ארויסגיין, וויייל דער סלעדאוואטעל האט איהם געהייסען היטען דיא פארחתמעטע טירען, אונ ער האט שטארק מורא גיהאט, אז דיא גאנצע בעשולדיגונג איז גימאכט גיווארען פון דעם סלעדאוואטעל אום צופערניכטען זיין הערר.

דער אלטער האט אלעס דערציילט, וואס ער האט גיזעהן אונ גיהערט אונ וואס ער דיינקט וועגען דיא גאנצע געשיכטע, אונ דער אדוואקאט האט פערצייכענט, וואס ער האט געפונען פאר נייטיג. איין זאך איז גיוועזען בעזאנדערס וויכטיג אונ האט ניט גילאזען רוהען דעם דינער. בואקאראן האט נעמליך גיזאגט דעם סלעדאוואטעל, אז

דֶעם לֶעצְטֶען מָאל הָאט עֶר גֶישָׁאסֶען מִיט זַיין בִּיקְס פִינְף טֶעג פַאר דיא שְׂרֵפָה אִין וָואלְפֶענְסָאן, אוּנ דֶער דִינֶער אִיז גֶיוֶוען זִיכֶער, אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֵייניגְט דֶעם בִּיקְס מִיט אַ טָאג פְרִיהֶער.

— צוּם טֵייוָועל! — הָאט דַאן אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן דֶער בַּארָאן — וָוארוּם הָאט אִיהר עֶס אוּנְז נִיט גֶיזָאגְט פְרִיהֶער? אוֹיב דֶער סְטְוָואל פוּן בִּיקְס אִיז רֵיין, אִיז דָאךְ דָאס אַיין אוּנְבֶּעשְׁטְרֵייטְבַּארֶער בֶּעוַוייז, אַז זְשַׁאק אִיז אוּנְשׁוּלְדִיג.

— דָאס אִיז רִיכְטִיג — הָאט דֶער אַלְטֶער גֶיעֶנְטְפֶערְט, שָׁאקְלֶענְדִיג מִיטְ'ן קָאפּ — אָבֶער זַייט אִיהר זִיכֶער, אַז דֶער סְטְוָואל פוּן בִּיקְס אִיז רֵיין? הֶערר בּוּאַקָארַאן הָאט גֶיקֶענְט אַ טָעוּת הָאבֶּען וֶועגֶען דִיא צַייט, אוּנ דַאן וֶועט דֶער סְטְוָואל זַיין שְׁוַוארְצְלַאךְ. אַנְשְׁטָאט צוּ־רֶעטֶען אִיהם, וֶועט מַיין עֶרְקְלֶערוּנְג זַיין אַ גֶיפֶעהְרְלִיכֶער קְלַאפּ פַאר הֶערר בּוּאַקָארַאן. נֵיין, אֵיידֶער אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילֶען, מוּז אִיךְ זַיין זִיכֶער.

פָאלְגַא אִיז גֶיוֶוען אֵיינְשְׁטִימִיג דֶערְמִיט אוּנ הָאט גֶיבֶּעטְ'ן דֶעם אַלְטֶען צוּשְׁוַוייגֶען, בִּיז עֶר וֶועט וִויא עֶס אִיז קֶענֶען צוּ קוּמֶען צוּם בִּיקְס, וֶועלְכֶער אִיז גֶילֶעגֶען מִיט דִיא אַנְדֶערֶע זַאכֶען אִין דִי פֶערְזִיגֶעלְטֶע צִימֶערְ'ן.

נָאכְהֶער הָאט פָאלְגַא אָנְגֶיפַאנְגֶען פַאנַאנְדֶער צוּפְרֶעגֶען דֶעם דִינֶער וֶועגֶען דִיא לִיבֶּע גֶעשִׁיכְטֶען פוּן דֶעם בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶען. דֶען דֶער קְלוּגֶער אַדְוָואקַאט הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶישְׁטוֹיסֶען, אַז אִין דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער גֶעשִׁיכְטֶע מוּז זַיין אַרַיינְגֶעמִישְׁט אַ פְרוֹי. אַנְדֶערְשׁ הָאט זִיךְ פָאלְגַא נִיט גֶיקֶענְט עֶרְקְלֶערֶען, וִויא אַזוֹי עֶס הָאט גֶיקֶענְט קוּמֶען, אַז אַזַא מַאן וִויא דֶער מַארְקִיז בּוּאַקָארַאן זָאל קֶענֶען בֶּעגֵיין אַ פֶערְבְּרֶעכֶען, אוֹיב עֶר הָאט עֶס וִוירְקְלִיךְ בֶּעגַאנְגֶען. בַּיי דֶער עֶרְשְׁטֶער פְרַאגֶע פוּן דֶעם אַדְוָואקַאט, אִיז דֶער בַּארָאן שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיסְגֶיגַאנְגֶען, אוּם דֶער דִינֶער זָאל קֶענֶען דֶערְצֵיילֶען דֶעם אֶמֶת. דֶער בַּארָאן הָאט אִין זַיין יוּגֶענְד נִיט וֶוענִיג גֶעזִינְדִיגְט, אַז עֶר זָאל נִיט פַארְשְׁטֵיין, דָאס זַיין אֵיינִיקֶעלְ'ס חָתָן הָאט אוֹיךְ גֶיהַאט לִיוּבָּאווִנִיצֶעס, וִויא אַלֶע יוּנְגֶע־לַייט אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִיא פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע אַרִיסְטָאקְרַאטֶען. אַנְטוּאַן הָאט דֶעם אַדְוָואקַאט דֶערְצֵיילְט אַלֶע לִיבֶּענְס גֶעשִׁיכְטֶען, פוּן וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶיוואוּסְט; נוּר אֵיינֶע אִיז גֶיוֶוען זֵייעֶר אוֹיפְפַאלֶענְד אוּנ זֶעלְטֶען.

אנטואן האט אבער ניט פיל געוואוסט דערפון. דיא דאמע האט ער קיין מאל ניט געזעהן. זיין הערר האט געקויפט א בעזונדערע הויז אונטער דעם נאמען פון איין ענגלישען באראנעט, וואו ער פלעגט איהר אויפנעהמען, אז קיינער זאל ניט בעמערקען, ווער זיין געליבטע איז. אפילו דיא דינסט-מיידיל האט איהר קיין מאל ניט געקענט זעהן — אזוי געהיים האט בואקאראן געהאלטען זיין ליבע מיט דער דאמע, וועלכע האט געמוזט געהערען צו דיא הויכע אריסטאקראטיע.

פאלגא האט זיך בעשלאסען אויסצוגעפינען דיא הויז אין פאריז אונ נאכפארשען דיא זאך גרינדליך. דען ער האט געפיהלט, אז ווען בואקאראן האט דאס אזוי געהאלטען אין סעקרעט, מוז דאס האבען א וויכטיגע בעדייטונג. ווער ווייסט, פיליינט איז דיזע ליבע פערבונדען מיט דער שרפה אין וואלפענסאן? — האט ער ביי זיך געטראכט — אונ דיא מעשה האט איהם איבערהויפט זייער פאר־אינטערעסירט.

— קענט איהר מיר פיליינט ערקלערען — האט פאלגא געפרעגט דעם דינער — ווארום האט בואקאראן ניט געקענט קומען צו זיין כלה אין דעם אבענד פון דיא שרפה? וואס האט איהם אבגעהאלטען?

— איך ווייס דערפון גאר ניט.

— דאך לאמיר זעהן. ער האט געוויס געמוזט האבען איין אורזאכע, וואס האט איהם געטריבען צו גיין דורך פארפלייצטע פעלדער, דורך וועלדער אונ בלאטעס?

— אה! — האט דער אלטער אויסגעשריען, זיך רייסענדיג דיא האר פון פערצווייפלונג — ווען איך וואלט דאס געוואוסט? איהר פרעגט גראדע דאס זעלבע, וויא דער סלעדאוואטעל.

— אונ יעדער פערנינפטיגער מענש וועט דאס זעלבע פרעגען.

— יא, דאס פארשטייא איך גאנץ גוט; אונ זשאק אליין האט דאס אזוי קלאר געזעהן, דאס ער האט אפילו ניט געזוכט אויסטראכטען איין אויסוועג. ער איז דאך אזוי קלוג אונ געשייט, אונ זעהט איהר, ער האט אויסגעפונען אזא אויסרייד, דאס יעדערער קען איינזעהן, אז דאס איז איין אונזין. ער האט געזאגט, אז ער איז געגאנגען אין ברעשי צוזעהן זיין האלץ-הענדלער.

— אונ ווארום דען ניט? — האט דער באראן זיך אריינגעמישט.

— ווייל דיזער זשענדלער איז א גנב — האט דער דינער געענטפערט מיט א טרויעריגען קול — יעדער ווייסט, אז זשאק האט איהם שוין זייט דריי יאהר פאריאגט. מיר פערקויפען אונזער האלץ אין שטאט.

— לאמיר דאס דערווייליע לאזען אן א זייט — האט דער אדוואקאט בעמערקט, נאכדעם וויא ער האט פערצייכענט איינינע ווארטער פון דעם דינער — מיר ווילען דאס אלץ זעהן צו ערקלארען מיט דער צייט. זאגט מיר יעצט וואס איז געווארען מיט דעם קאקאליע?

— אה, דיזער פערפלוכטער אידיאט — האט דער אלטער דינער אויסגעשריען — איך וואלט איהם, דאכט זיך, צוריסען אויף שטיקלאך, ווען איך וואלט איהם געפאקט.

— אלזא, עס איז זיכער דאס ער איז איין אידיאט? — האט דער אדוואקאט איבערגעשלאגען.

— יא, מיין הערר; אבער איך האב געהערט פון איינינע בויערן, אז ער איז ניט אזוי נאריש וויא מען מיינט; ער מאכט זיך אפט אידיאטיש און קראנק, מען זאל איהם גיכער געבען א נדבה.

— וועגען דעם — האט אונז דער באראן בעמערקט — קען אונז דער דאקטאר סאבא א ריכטיגע ערקלארונג געבען, דען ער האט צוויי יאהר ביי זיך געהאלטען דיזען אידיאט.

— אויף אזא אופן — האט פאלגא געענטפערט — ווילען מיר באלד פאהרען צום דאקטאר. נאר פריהער מוז מען קאקאליע אויפזוכען.

— דיא זשאנדארען, וואס דער מער האט פאנאנדערגעשיקט איהם אויפצוזוכען, ווילען איהם געוויס גיך געפינען — האט דער באראן געזאגט.

דער דינער האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און האט ערקלערט, אז קאקאליע קען אזוי גוט אלע פלעצער פון דער געגענד, דאס דיא זשאנדארען ווילען איהם וואהרשיינליך ניט פאקען; און ער האט דארום פארגעשלאגען צונעהמען א יונגען בויער, וועלכער איז דער איינציגער וואס ווייסט וואו קאקאליע קען זיך בעהאלטען. דעם בויער האט מען גלייך אויפגעזוכט, און נאכדעם וויא מען האט איהם פער־שפראכען א גוטע בעלאהנונג, האט ער זיך אונטערגענומען צופאקען דעם אידיאט.

דער אדוואקאט און דער באראן זיינען אין דער זעלבער צייט

אַוועקגיפאהרען צוריק אין שטאט אַנזאָגענדיג דעם דינער, אַז ער זאָל ווי עס איז בעקומען בואקאראַנ'ס ביקס. ווען דער סלעדאוואטעל וועט קומען אַראָפּנעהמען דיא זיגלען.

דיזע רייזע האט געדויערט אַ צולאַנגע צייט. אַז די אונגעדולדיגע כלה פון בואקאראַן זאָל קענען זיצען און וואַרטען.

— אַך ווי אונגליקליך דאַרף ער זיך פיהלען אין דער העסליכער געפענגניס! — האט זיא אויסגעשריען — עס איז שרעקליך! ושאק קען נאָך מיינען, אַז מיר האַלטען איהם פאַר שולדיג און אַז מיר האבען זיך אָבגעזאָגט פון איהם. דער זיידע האט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך בערוהיגען און זאָל וואַרטען, ביז ער וועט קומען צוריק, אַזוי ווי איך קען זיך בערוהיגען זאָ לאַנג מיין ושאק זיצט אין געפענגניס! גיין, איך מוז איהם זעהן. טהייערע מוטער! לאָמיר גיין אין געפענגניס... עס איז אונמעגליך אַז מען זאָל אונז ניט צולאָזען.

— געוויס וועט מען אונז צולאָזען — האט די מאַרקיזע געענטפערט און האט גלייך אָנגעטאָן איהר הוט און מאַנטעל — קומט לאָמיר גלייך גיין! — האט זיא געזאָגט.

נאַטירליך דער וועכטער האט זיי ניט צוגילאָזען צום געפאַנגענעם. דיא פרויען האָבען קיין בעגריף ניט גיהאַט וואס עס הייסט זיצען אין סעקרעטקע אין דער צייט ווען דיא אונטערזוכונג גייט אָן. און זיי האָבען דארום אָנגיפאַנגען צובעטען און צוסטראַשען. דער וועכטער האט זיי מיט גרויס מיהע גיקענט ערקלערען, אַז אָהן איין ערלויבניס פון סלעדאוואטעל קען ער זיי, צו זיין גרעסטען בעדויערן, ניט אַריינלאָזען; אָבער צוליב זיין אַכטונג צו דיא פרייליין שאַנדאַרע, אָבער ריכטיגער צוזאָגען, צו איהר געלט, האט ער איהר דערציילט, אַז בואקאראַן איז אָנפאַנגס גיוועזן אין פערצווייפלונג און האט זאָגאר גיוויינט; אָבער באַלד האט ער זיך בערוהיגט, אויסרופענדיג: „ווי דום איך בין, דאס איך פאַל ביי זיך אַזוי אַרונטער!".

— האט איהר דאס אַליין גיהערט? — האָבען ביידע פרויען אויס-געשריען.

— ניט איך אַליין, אָבער שעמינא האט דאס אונטערגיהערט.

— שעמינא?

— יא, איינער פון דיא אַרעסטאַנטען; אַגאַר גישט, אָבער

אַ גַאנְץ שְׁטִילֶער קֶערל. עֶר אִיז אָנְגִישְׁטֶעלְט צוּבֶּעוואַכֶען יֶעדֶע בֶּעוֶועגוּנְג פוּן הֶערר'ן בּוּאַקָאראַן... וַוייל, זֶעהט אִיהר, דִיא בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶע זוּכֶען אָפְּטְמָאל זִיךְ צוּ עֶרְמָארְדֶען.

אַ צִיטֶער' הָאט אָנְגִיחַאפְּט דִיא מַארְקִיזֶע, וֶועלְכֶע הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט פַארְשְׁטַאנֶען אִין וָואס פַאר אַ ווירְקְלִיכֶע גֶעפַאהר גֶעפִינְט זִיךְ אִיהר זוּהְן.

דֶער וֶועכְטֶער הָאט זַיי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט, אַז בּוּאַקָאראַן הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיף צוּ פְרַיילַיין שַׁאנְדָארֶע אוּן אַז דֶעם בְּרִיף הָאט דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל צוּגֶענוּמֶען. דָאס הָאט שְׁרֶעקְלִיךְ אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט דִיא מֵיידִיל, וֶועלְכֶע הָאט נִיט גֶעוואוּסְט, דָאס אַלֶע אַרֶעסְטַאנְטֶען וֶוערֶען אַזוֹי בֶּעהַאנְדֶעלְט. זִיא הָאט גִימֵיינְט, אַז דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל הָאט אִיהר דֶערְמִיט גִיוָואלְט בֶּעלֵיידִיגֶען, אוּן בְּרֶענֶענְדִיג מִיט כַּעַס אוּן בֶּעגִיסֶענְדִיג זִיךְ מִיט טְרֶערִין, הָאט זִיא זִיךְ אַלָאז גִיטָאן צוּ גַאלְפֶענֶען צוּ פָארְדֶער'ן אִיהר בְּרִיף.

13 טער קאפיטעל

קַאקָאלֶע גִיפַאנְגֶען אָבֶער עֶר דֶערְצֵיילְט גָאר גִיט.

אוֹיף'ן וֶועג הָאט זִיךְ דֶענִיסֶע אִיבֶּערְגִילֵייגְט אוּן הָאט בֶּעשְׁלָאסֶען צוּוַוארְטֶען בִּיז פָאלְנַא מִיט דֶעם בַּארָאן וֶועלִין קוּמֶען.

דִיא לַאגֶע פוּן דֶעם סְלֶעדָאוַואטֶעל אִיז אוֹיךְ נִיט גִיוֶוען אַ פְּרַייליבֶע. דִיא הַאלְטוּנְג פוּן בּוּאַקָאראַנֶען הָאט אִיהם זַייעֶר בֶּעאוּנְרוּהִיגְט. וָואס וֶועט וֶוערִין פוּן אִיהם וֶוען זְשַׁאק אִיז ווירְקְלִיךְ אוּנְשׁוּלְדִיג? בַּיי דִיזֶען גִידַאנְקֶען פְלֶעגְט גַאלְפֶען אָנְהֵייבֶּען צוּ צִיטֶער'ן אוּן פְלֶעגְט זִיךְ פַארְשִׁילְטֶען דֶעם לֶעבִּין, פַאר וָואס הָאט עֶר נִיט גִיפָאלְגְט דֶעם פְּרָאקוּרָאר. עֶר אִיז יֶעצְט גִיצְוואוּנְגֶען גִיוֶוען צוּמַאכֶען אוּנְגְלִיקְלִיךְ זַיין אַלְטֶען פְרַיינְד, אוּם זִיךְ אַלֵיין צוּרֶעטֶען, אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר בֶּענוּצְט אַלֶע זַיינֶע פֶעהִיגְקֵייטֶען. וֶוען עֶר וָואלְט ווִיסֶען, וָואס פַאר אַ גֶעפֶעהרְלִיכֶען גֶעגְנֶער עֶר הָאט אִין דֶעם אַדְוָואקַאט פָאלְנַא, וָואלְט עֶר זִיךְ

געוויס גלייך אפגיזאגט צו זיין דער סעלעדאוואטעל אין דער פער־פלאנטערטע געשיכטע פון דיא שרפה ייז וואלפענסאן. דער בריף פון זשאקן צו זיין געליבטע, אין וועלכע ... ערקלערט, אז ער איז איין אפפער פון איין אונגיהערטען צוזאמענטרעפען פון אונגליקליכע אומשטענדען, און אז צום ענדע וועט דער אמת אויפדעקען, — האט אויף דעם סלעדאוואטעל גימאכט דעם טרויעריגסטען איינדרוק, און ברעכענדיג זיינע הענד האט ער אויסגערופען:

— וויא זיכער ער איז אין זיין אונשולד!...

ער איז פון דעסטוועגען גיוועזן אזוי העפליך, דאס ער האט צוגעשיקט א קאפיע פון זשאקס בריף צו דעניסע, וועלכע האט עס גלייך גיצייגט דעם אדוואקאט, אום צו איבערצייגען איהם אין איהר געליבטענס אונשולד.

— דיזער בריף זאגט מיר קיין נייעס — האט פאלגא בעמערקט פארטראכטערהייט — איך בין זיכער, אז דיזע געשיכטע איז פערבונדען מיט א טיפען סעקרעט, וואס קיינער פון אונז האט איהם נאך ניט אויסגעפונען. איך מוז אבער זאגען, אז הערר בואקאראן איז צו־אונפארזיכטיג און קינדיש צושפילען זיך מיט אזא וויכטיגען קרימינאל־פראצעס. ווארום האט ער ניט געזוכט אראפצונעהמען פון זיך דעם חשד גלייך אין אנפאנג? וואס וואלט גיוועזן לייכט געבטין, קען ווערין שווער מארגין און אונמעגליך אין א וואך ארום.

אין דער צייט איז אנגיקומען דער בראווער מער, אום צו־הערען וואס מען רעכינט צוטאן פיר זשאקס בעפרייאונג און צודער־ציילען וואס מען רעט אין שטאט. ער האט אבער קוים צייט גיהאט צודערציילען, וויא ווייט דיא איינוואהנער פון סאווטער זיינען איבער־צייגט, אז בואקאראן איז דער אונטערצינדער, ווען פון קארידאר האבען זיך גילאזט הערין קולות און א גערויש אזוי וויא פון ראנגלען זיך. באלד האט זיך גיעפינט דיא טיר, און עס האט זיך בעוויזען דער בויער, וואס בואקאראנ׳ס דינער האט געשיקט צופאנגען דעם אידיאט.

— איך האב איהם גיפאקט, איך ברייננ איהם! — האט ער אויסגערופען, שלעפענדיג קאקאלע, וועלכער האט זיך געביסען און גיווארפען, וויא א ווילדע חיה.

— נו, איהר האט בעוויזען א קונץ, אלע שאנדארען וועלן אייך מקנא זיין — האט דער מער געזאגט צום בויער.

דער בויער [illegible] ברייטיץ שמייכיל גיטאן און בעווייזענדיג זיינע צובלוטיגטע הענד האט ער גיזאגט:

— עס איז א גאנצע געשיכטע, וויא אזוי איך האב גיפאקט דעם אידיאט. איך בין געצוואונגען גיוועהן צובינדען איהם דיא הענד און דיא פים, און אזוי האב איך איהם געפיהרט... קוקט נאר אויף דעם העלד! — האט ער גיענדיגט, געבענדיג דעם אידיאט א קלאפ איבער'ן פלייצע, אז יענער האט זיך א פאר מאל איבערגידרייט.

עס איז גיוועהן א שרעק א קוק צוטאן אויף דעם אונגליקליכען, וועלכער איז גיוועהן בעדעקט מיט בלאטע פון קאפ ביז דיא פים. פון זיין ברייטען מויל מיט אויסגעשצירעטע גרויסע ציינער, האט גערונען שפייעכץ איבער זיינע אראפגעהאנגענע ליפען.

— ווארום האסטו דא ניט גיוואלט קומען? — האט איהם דער מער גיפרעגט.

דער אידיאט האט געקוקט אן א זייט, אזוי וויא ניט איהם מיינט מען.

— ווארום האסטו איהם געביסען? — האט דער מער איהם ווייטער גיפראגט, ווייזענדיג אויף דעם בויער.

קאקאלע האט דיא אויגען ניט אראפגילאזען פון פונקט וואו ער האט געקוקט און האט גאר ניט גיענטפערט.

— ווייסטו אז הערר בואקאראן זיצט יעצט איז געפענגניס צו־ליב דעם בלבול וואס דו האסט ארויפגיווארפען אויף איהם?

קאקאלע האט אלץ געשוויגען.

— אה! עס איז איין אומזיסטע זאך איהם צופרעגין — האט זיך דער בויער אריינגעמישט — איהר וועט איהם פאסעווען און שלאגען ביז מארגען, און איהר וועט פון איהם קיין ווארט ניט ארויסרייסען, ווען ער וויל ניט ריידען.

— איך... וויל... עס... ען! — האט פלוצלונג אויסגעאיקעט דר אידיאט.

פאלגא איז אויפגעשפרונגען מיט כעס און האט אויסגעשריען מיט פעראכטונג.

— הייגט בעטראכט נאר, דאס מען בעשולדיגט א מאן אין א מארד אויף דעם עדות-זאגען פון אזא אידיאט.

— פיהרט איהם אוועק פון דאנען, איך קען אויף איהם ניט קיקען! — האט דעניסע אויסגערופען.

— איך פיהר איהם גלייך אוועק, פריילין, אין האספיטאל — האט דער מער געזאגט — דער דאקטאר סאבא וועט זיין צופרידען.

ווירקליך ווען דער דאקטאר האט דערהערט, אז מען האט אויסגעפונען קאקאלע, איז ער אויפגעשפרונגען פון פריידע. ער האט ניט אויפגעהערט צופערטהיידיגען מיט זיין געוויינליכע היץ זיין פריינד בואקאראן, און צובעווייזען דעם עולם, אז ער האט רעכט, וואס ער גלויבט ניט אין דיא בעשולדיגונג, האט ער קיין בעסער'ן מיטעל ניט אויסגעפונען אויסער דעם צובעווייזען, אז קאקאלע איז אין אמת'ן קיין אידיאט, און אז מען האט איהם אנגירעט צו בעשולדיגען בויאקאראנען.

ווען ער האט אבגיטאן זיין ארבייט ביי דעם פערוואונדעטען גראף קלאד, האט ער פאר'ן אוועקגיין גיהאט א לאנגען גישפרעך מיט דיא גרעפין וועגען דעם וויא אזוי זיא האט צוגילאזען, אז מען זאל אויסהערען דעם אידיאט. ער האט איהר אויפגיווארפען, אז נאר צוליב איהר האט קאקאלע גירעט, און זיא האט איהם קיין ריכטיגע אנטווארט ניט גיקענט און ניט גיוואלט געבען; ווארום זיא האט אזוי גיטאן. זיא האט איהם דאך צוגיגעבען, אז קאקאלע ווייסט צייטענווייז וואס ער טוט, וויא א קלארער מענש.

דער דאקטאר איז דארום גלייך אוועקגיפאהרען צו דעם מער מיט דער פאדערונג, אז מען זאל ארעסטירען דעם אידיאט.

— וואו איז ער? — האט ער אויסגערופען, ווען דער מער האט איהם גיזאגט, אז מען האט גיפונען קאקאלע — און קוים האט דער מער אויסגירעט דעם ווארט האספיטאל, איז שוין סאבא גיוועזען אין דרויסען.

פארסאפעטער-הייט און פערגאסען מיט שוויים איז ער אנגיקומען אין האספיטאל; אבער דארט האט מען אנגיזאגט, אז מען קען ניט זעהן דעם אידיאט אהן דיא ערלויבניס פון דעם סלעדאוואטעל. זיין כעס האט ניט גיוואוסט קיינע גרענצען; ער האט געשריען, געשפרונגען

אונ זיך גיקלאפּט אין הארצען וויא א משוגענער ; אונ ווען נאלפען וואלט אין דער מינוט אריינגיפאלען אין זיינע הענד, וואלט ער איהם צוריסען אויף שטיקלאך. נאר גראדע איז אונטערגיקומען דער לוסטיגער פּראקוראר, אונ האט איהם וויא עס איז בערוהיגט, ערקלערענדיג איהם, אז נאלפען האנדעלט נאך דעם גיזעץ נאך. דער פּראקוראר האט גלייך געשיקט רופען דעם סלעדאוואטעל, אונ אלע צוזאמען זיינען זיי אריין אין דעם צימער, וואו מען האט פארשפּארט דעם אידיאט.

— האט קיין מורא ניט מיין יונגע — האט דער סלעדאוואטעל גיזאגט צום אידיאט — מיר וועלען דיר קיין שלעכטעס ניט טאן. נאר דוא דארפסט אונז אלעס ריכטיג דערציילען. נו זאג אונז, וואס האסטו גיזעהן, ווען דער פייער האט אויסגיבראכען אין וואלפענסאן ?...

קאקאלע האט אויסגישאסען מיט א אידיאטישען גילעכטער ; אבער ער האט קיין ווארט גיענטפערט. א גאנצע שטונדע האבען איהם דער סלעדאוואטעל, דער דאקטאר אונ דער פּראקוראר גישטעלט פראגען, בעטענדיג, סטראשענדיג, אונ פערשפּרעכענדיג איהם גוטע זאכען — אבער זיי האבען פון איהם ניט גיקענט ארויסרייסען קיין איינציגען ווארט.

דער סלעדאוואטעל אונ איבערהויפט דער דאקטאר זיינען גיוועזען אויסער זיך פאר ערגערניס.

— נו, מיר וועלען מיט דעם אידיאט גאר ניט מאכען — האט דער סלעדאוואטעל אויסגערופען מיט א זיפץ — ער איז נאך דוממער וויא א חיה.

— אבער אין דערצייט ווען ער האט אנגירעט אויף בואקאראנעו, איז ער גיוועזען א קלארער — ניט אמת ? — האט איהם דער דאקטאר גיפרעגט מיט א בייזן שמייכיל.

דער סלעדאוואטעל האט זיך גימאכט ניט הערענדיג אונ האט גיזאגט:

— איך ווארט אויף אייער ראפּארט — הערר דאקטאר.

— אין צוויי טעג ארום וועל איך אייך איהם צושטעלען פיקס אונ פערטיג — האט דער דאקטאר גיענטפערט.

דער ראפּארט איז שוין אפילו גילעגען א פארטיגער אין זיין

קעשענע; אבער ער האט ביי זיך בעשלאסען פריהער צו צייגען דעם ראפארט זיין פריינד'ס אדוואקאט. אבגלייך עס איז פערבאטען פון געזעץ.

ער איז דארום גלייך אוועקגעפאהרען צום אדוואקאט.

14 טער קאפיטעל

אלעם געגען בואקאראנ'ען.

— אויב איהר זעהט מיך דא — האט דער בראווער דאקטאר אויסגערופען, ווען ער איז אין היילענעם אריינגעלאפען צום באראן שאנדארע — איז נאר דארום, ווייל איך גלויב אין מיין פריינד בואקאראנ'ס אונשולד. אויף מיין עהרען ווארט איך גלויב דאס!

ווען דעניסע וואלט זיך ניט געשעמט, וואלט זיא איהם געהאלזט פאר דיזע ווערטער. זיא האט איהם אויפגענומען מיט איהר בעסטען שמייכל, און האט איהם מיט איר זיסעסטע שטימע געבעטען נעהמען פלאץ.

— מיין איבערצייגונג איז — האט דער דאקטאר אנגעפאנגען, זיך ווענדענדיג בעזאנדערס צום אדוואקאט — אז בואקאראן איז איין אפפער פון זיין מוטה, מיט וועלכען ער פלעגט ארויסצייגען זיינע רעפובליקאנישע מיינונגען. אייער צוקונפטיגער איידים איז א רעפובליקאנער, העדר באראן... האט ער געענדיגט דעם אלטען אנהענגער פון קאניג צו להכעיס.

דער באראן האט אבער ניט געענטפערט; דען פאר איהם איז געוועזן גענוג צוּוויסען, אז דעניסע ליבט בואקאראנען, אום ניט צו־קימערן זיך וועגען אנדערע זאכען.

דער בראווער דאקטאר האט נאכהער ערקלערט, דאס ער איז אויך א רעפובליקאנער, און דאס ער וועט אלעס טאן, אום צורעטען זיין פאליטישען פריינד. דאס איז געוועזן איין הקדמה. ווארום ער האט זיך בעשלאסען צובעווייזען דעם אדוואקאט זיין מעדיצינישען ראפארט וועגען דעם צושטאנד פון קאקאלע און די וואונדען פון גראף קלאד.

דעם ראפארט האט ער גילאזען אויף צוויי טעג דעם אדוואקאט, אום ער זאל קענען דיא זאך גוט נאכפארשען. פאלגא איז נאטירליך גיוועזען דאמיט העכסט צופרידען און האט דעם דאקטאר מיט אונגיווינליכע היץ בעדאנקט.

— איהר ווייסט — האט לאנגזאם אויסגירעדט דער דאקטאר, ווי־שענדיג זיינע שפאקולען און שאקלענדיג מיט'ן קאפ — איהר ווייסט אז מען האט צוויי מאל גישאסען אויף דעם גראף. אבער דאס ווייסט איהר ווארשיינליך ניט, אז מען האט גישאסען פון צוויי שטעלין; דער צווייטער שאס איז גיוועזען נאהענטער וויא דער ערשטער.

— דאס ווייס איך אויך — האט פאלגא גיענטפערט.

דער דאקטאר האט פון דעסטוועגין אלעס גענוי בעשריבען. דאס וויכטיגסטע האט ער גילאזען צום סוף. נעמליך, אז דיא דראב וואס ער האט ארויסגיצויגען פון דעם גראפ'ס וואונדען זיינען ניט גלייך, אזוי וויא פון צוויי בעזונדערע ביקסען. דערביי האט ער גיצייגט דיא דראב.

— איז עס מעגליך, אז עס זיינען גיוועזען צוויי מערדער?! — האט פאלגא אויסגערופען מיט פערוואונדערונג, נאכדעם וויא ער האט גוט בעקוקט דיא דראב.

— איך גלויב אבער — האט זיך דער באראן אריינגעמישט — אז דער ביקס איז גיוועזען אנגילאדען מיט פערשידענע דראב, וויא אלע יעגער טוהען עס, אום צו קענען שיסען אי פויגלאך אי האזען.

— יעדען פאלס — האט פאלגא גיזאגט — דאס בעווייזט אונז, אז מען האט ניט פריהער גיהאט דיא כוונה צושיסען. ווען מען בעשליסט צושיסען א מענשען, לאדעט מען ניט אן א ביקס מיט דראב. דאס איז אלעס זעהר וויכטיג, דאקטאר, איך דאנק אייך פאר אייער הילפע.

דער בראווער דאקטאר האט זיך געפונען זעהר געשמייכילט; און זיך אויפהויבענדיג אום אוועקצוגיין האט ער בעמערקט:

— מכח דעם אידיאט איז נאך דא זעהר פיל צורידען. ווען מען וועט איהם גוט נאכפארשען, וועט מען פיליי׳כט אויסגעפינען אזוינע זאכען, וואס מען גלויבט גאר ניט... אבער וועגין דעם וועלין מיר איין אנדערס מאל ריידען. גוטען טאג מיינע דאמען און הערר'ן.

דער אדוואקאט האט זיך גלייך אנידערגיזעצט לעזען דעם ראפארט פון דעם דאקטאר. ער האט אויף דעם פארבראכט א האלבען טאג און האט זיך געבראכען דעם קאפ צוגעפינען עטוואס נייעס; אבער ער האט נאר גיפונען וואס דער דאקטאר האט שוין דער־ציילט. ער איז גיזעסין פארטיפט אין דיא, וויא אזוי ער וועט קענען בענוצען דיא פונקטען וואס ער האט שוין אויסגעפונען, ביז דער אלטער דינער אנטואן איז אנגיקומען. אנטואן איז עבען בעפרייט גיווארען פון צוהיטין דיא צימער'ן. דען דער סלעדאוואטעל איז נאך אמאל גיווען דארט מיט זשאק'ן און דעם סעקרעטאר, האט אלע נייטיגע זאכען און בעווייזען אריינגילייגט אין א קאסטין און איז אוועק־גיפאהרען.

— און וויא האט זיך גיהאלטען זשאק? — האט דעניסע גיפראגט.

— ער האט אויף אלעם גיקוקט מיט א שמייכיל פון פער־אכטונג.

— האט איהר מיט איהם גירעט? האט איהר נאכגיזעהן דעם ביקס? — האט פאלגא גיפראגט.

— צום אונגליק האב איך אויף קיין ארט ניט גיקענט צוקומען צוזאגען א ווארט צו מיין הערר. אויף דעם ביקס האב איך נאר גיקענט א בליק טאן.

— נו, און וואס האט איהר גיזעהן?...

דער אלטער האט טרויעריג א שאקעל גיטאן מיטן קאפ.

— איך האב גיזעהן — האט ער גיענטפערט — אז איך האב רעכט גיהאט צושווייגען... דער ביקס איז אינעווייניג שווארץ — א בעווייז, אז מיין הערר האט גישאסען נאך מיין אויסרייניגען.

דער באראן און דער אדוואקאט האבען גיווארפען טרויעריגע בליקען איינע אויף דעם אנדער'ן. איינע פון זייערע בעסטע האפנונגען איז פערשוואונדען גיווארען.

— יעצט דערציילט מיר, וויא אזוי הערר בואקאראן פלעגט אנ־לאדען זיין ביקס? — האט פאלגא גיפראגט.

— דאס פלעגט אפהייגגען פון דיא צייט פון געיעג — האט דער דינער גיענטפערט — אין דער צייט, ווען מען קען נאר שיסען האזען

אָדער פָארבַּייפְלִיהֶענְדֶע פויגְלאך אִין בְּלָאטֶעס, פְלֶעגְט עֶר אַיין פוּלְוָוער קֶעסְטְעלֶע פוּן בִּיקְס אָנְפִּיהלֶען מִיט גְרוֹיסֶע דְרָאבּ פַאר הָאזֶען אוּנ דיא אַנְדֶערֶע מִיט קְלֶענֶערֶע דְרָאבּ פַאר פויגְלאך.

— דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיך — הָאט דֶענִיסֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיֶען — אַלֶעס אִיז גֶעגֶען אוּנְז!... מַיין אָרִימֶער זְשַׁאק.

דֶעם אַדְוָואקַאט אִיז אוֹיךְ נִיט פְרֵיילאךְ גִיוָוארֶען אוֹיף'ן הַארְצֶען, אָבֶּער עֶר הָאט דָאס נִיט אַרוֹיסְגִיצֵייגְט.

— מַיין בְּרַאוֶוער אַנְטוּאַן — הָאט עֶר גִיזָאגְט — הָאט דֶען דֶער סֶלֶעדְרָאוָואטֶעל מִיט גִינוּמֶען דיא גַאנְצֶע דְרָאבּ?

— אָה, נַיין — מַיין הֶערר.

— גוּט — פָאהרְט גְלַייךְ אַוֶועק אִין שְׁלָאס אוּנ בְּרֵיינְגְט דְרַיי אָדֶער פִיעֶר דְרָאבּ פוּן יֶעדֶען זָארְט.

דֶער דִינֶער הָאט זִיךְ נִיט גִילָאזְט לַאנְג בֶּעטִין אוּנ זַיין רַייזֶע הָאט עֶר גִימַאכְט אַזוֹי שְׁנֶעל, דָאס אִין דְרַיי שְׁטוּנְדֶען אִיז עֶר גִיקוּמֶען מִיט אַ קֶעסְטְעלֶע דְרָאבּ.

דֶער בַּארָאן אוּנ דֶער אַדְוָואקַאט הָאבֶּען זִיךְ גִינוּמֶען גֶענוֹי צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען דיא דְרָאבּ, אוּנ וֶוען זֵיי הָאבֶּען אוֹיסְגֶעפוּנֶען, אַז דִיא גֶעבְּרַאכְטֶע דְרָאבּ אִיז גְלַייךְ מִיט דִיא וָואס דֶער דָאקְטָאר הָאט גִיבְּרַאכְט. הָאט דֶער בַּארָאן מִיט שְׁרֶעק אוֹיסְגֶעשְׁרִיֶען:

— דָאס אִיז אוּנְבֶּעגְרֵייפְלִיךְ. עֶס אִיז אַ בֶּעשֶׁערְטֶער אוּנְגְלִיק.

פַאלְגַא אִיז גִיוֶוען נָאהֶענְט צוּפֶערְלִירֶען זַיין מוֹחַ אוּנ אַוֶועקְצוּ-וַוארְפֶען דֶעם פְּרָאצֶעס. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער בֶּעדֵיינְקְט אוּנ הָאט גִיזָאגְט:

— עֶס אִיז אַ מְשׁוּגַעַת צוּזוּכֶען אוֹיסְצוּגֶעפִינֶען בּוּאָקַארָאן'ס אוּנְשׁוּלְד זָא לַאנְג מִיר וֶועלִין נִיט קֶענֶען מִיט אִיהם רֵיידֶען אוּנ אִיהם פַאנַאנְדֶער-פְרֶעגִין.

— אוּנ וֶוען מֶען וָואלְט דָאס גִיקֶענְט טָאן מָארְגִין? — הָאט דֶענִיסֶע גִיפְרֶעגְט.

— דַאן, פְרֵיילַיין, וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבֶּען דֶעם שְׁלִיסֶעל צוּ דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וֶועלְכֶע מִיר זוּכֶען דיא גַאנְצֶע צַייט אוּמְזִיסְט. יֶעדֶענְ-פַאלְס וֶועט עֶר אוּנְז אָנְצֵייגֶען, וויא מִיר זָאלֶען נָאכְזוּכֶען דיא זַאךְ. אָבֶּער מִיר קֶענֶען גָאר נִיט דֵיינְקֶען דֶערְפוּן. הֶערר בּוּאָקַארָאן זִיצְט

אִין סֶעקְרֶעטֶנֶע אוּן אִיהר מֶעגְט זַיין זִיכֶער, אַז הֶערר גַאלְפֶּען הָאט אֶנְגִינוּמֶען אַלֶע מִיטֶעל, אַז מֶען זָאל נִיט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ זְשַׁאקֶ'ן.

— וֶוער וֵוייסְט? אֶפְשַׁר וֶועלֶין מִיר דָאךְ קֶענֶען צוּקוּמֶען — הָאט דֶעניסֶע אוֹיסְגִירוּפֶען — אוּן נִיט וַוארְטֶענְדִיג קֵיין סֶעקוּנְדֶע, הָאט זִיא אָפְּגִירוּפֶען אִיהר זַיידֶען אִין אַיין אַנְדֶער צִימֶער, אוּן הָאט אִיהם גִיפְרֶעגְט:

— גוּטֶער פַּאפַּא, זָאגְט מִיר, בִּין אִיךְ רַייךְ?

דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ זַייעֶר פֶּערְוואוּנְדֶערְט. דֶען דֶעניסֶע הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִיט גִימִישְׁט אִין זַאכֶען, וָואס זַיינֶען גִיוֶוען פֶּערְבּוּנְדֶען מִיט דֶעם וָוארְט גֶעלְט.

— יָא, מֵיין קִינְד, דוּ בִּיסְט רַייךְ — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט.

— וִויא פִיל גֶעלְט הָאבּ אִיךְ דֶען?

— דוּ הָאסְט פוּן דַיין מוּטֶער 26 טוֹיזֶענְד פְרַאנְק פְּרָאצֶענְט אַ יָאהר, דָאס הֵייסְט אַ קַאפִּיטַאל פוּן 800 טוֹיזֶענְד פְרַאנְק.

— אוּן דָאס אִיז אַסַךְ?

— דָאס אִיז גֶענוּג, אַז דוּ זָאלְסְט בֶּעטְרַאכְט וֶוערֶין אֵיינֶע פוּן דִיא רַייכְסְטֶע כַּלּוֹת אִין דֶער גֶעגֶענְד. נִיט רֶעכֶענֶענְדִיג דִיא יְרוּשָׁה וָואס דוּ וֶועסְט בֶּעקוּמֶען פוּן מִיר.

— אוּן וִויא פִיל קַאפִּיטַאל דַארְף מֶען הָאבֶּען, אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַנְשְׁטֶענְדִיג לֶעבֶּען אִין סָאווָטֶער?

— הוּנְדֶערְט צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד פְרַאנְק. דָאס וֶועט מַאכֶען זֶעקְס טוֹיזֶענְד פְרַאנְק אַ יָאהר אוֹיף פִינְף פְּרָאצֶענְט.

— דָאס הֵייסְט אַ זֶעקְסְטֶעל פוּן מֵיין קַאפִּיטַאל. גוּט, הָאסְטוּ יֶעצְט אַזַא קַאפִּיטַאל?

— יָא, אָבֶּער וָוארוּם פְרֶעגְסְטוּ דָאס אַלֶעס?

— וַוייל אִיךְ מוּז דָאס הָאבֶּען.

— דוּ מַאכְסְט גֶעוִויס שְׁפַּאס. וָואס ווִילְסְטוּ דֶען מַאכֶען? — הָאט דֶער אַלְטֶער מִיט שְׁרֶעק גִיפְרֶעגְט.

— אָה, נֵיין, גוּטֶער פַּאפַּא. אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִיט אַזוֹי עֶרְנְסְט גִירֶעט וִויא יֶעצְט. אִיךְ בֶּעט דִיךְ אִין נָאמֶען פוּן דַיין לִיבֶּען צוּ מִיר, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר גְלַייךְ גֶעבִּין דָאס גֶעלְט... דוּ ווִילְסְט נִיט? אָה, מֵיין גָאט! דוּ עֶנְטְזָאגְסְט מִיר מֵיין לֶעבִּין.

דער אלטער האט זיך מעהר ניט גיאמפערט.

— ווען דו ווילסט אזוי — האט ער מיט א זיפץ גיזאגט — גוט, איך וועל דיר גלייך געבען.

דעניסע האט גיפאטשט מיט דיא הענד פאר פרייד.

— גיי, טוא זיך אן, פאפא, מיר וועלין גלייך פאהרען, דען דו מוזט מיך בעגלייטען.

ווען דער באראן איז ארויסגיגאנגען, האט זיא צו זיך גיזאגט:

— אה, איך וועל שוין צוקומען צו מיין טהייערן זשאק!...

15 טער קאפיטעל

דער סעקרעטאר און [illegible]סע.

דעניסע שאנדארע איז גלייך אוועקגיפאהרען מיט דיא נייטיגע געלד אין דיא בעגלייטונג פון איהר זיידען צו מעשינע, דער סעקרע־טאר פון דעם סלעדאוואטעל. איהר געדאנק איז גיוועזן אונטער צו־קויפען דעם ארימען סעקרעטאר, וועלכער האט זיך גיווארפען וויא א פיש אין וואסער צומאכען א לעבען. זיין געהאלט איז גיוועזן זייער קליין, און ער פלעגט אמאל שרייבען פראשעניעס, א מאל צייכענען און טאן פערשידענע זאכען, אום וויא עס איז דורכצוקומען. ער איז גיוועזן צוועהרלאך צונעהמען לא־יחרין געלד און פלעגט שטענדיג שווער ארבייטען פאר זיין חיונה. ער האט גילעבט ביי זיינע צוויי שוועסטער, וועלכע זיינען גיוועזן בעקאנט פאר דיא בעסטע נייטערינס אין שטאט.

צו זיי איז דאס אוועקגיפאהרען דעניסע, אום צוהאבען איין אויסרייד, אז איהר בעגעגענעס מיט זייער ברודער זאל ניט זיין אויפ־פאלענד

— דאס זייט איהר?!... האט אויסגעשריען די עלטערע שוועסטער ווען דעניסע איז אריינגעקומען.

— יא, דאס בין איך — האט זיא גיענטפערט מיט א שמייכיל אויף איהרע שיינע ליפען — איהר האט זיך ניט צוווונדערן אזוי, איך בין פשוט

גיקומען בעשטעלין צוויי קליידער, וואס איך מוז האבען פארטיג ביז נעכסטע וואך.

מעשינע, וועלכער איז גראדע דערביי גיוועזן, איז זיך שטילערהייט ארויסגיגאנגען מיט א טיפען נייג צו דעניסען.

— וואוהין גייט אייער ברודער? — האט דעניסע שנעל גיפרעגט.

— צו זיך אין צימער, פרייליין — האט די שוועסטער גיענטפערט.

דעניסע איז רויט גיווארען ווי א פייער. זי האט זיך גישעמט צוזאגען נאך וואס זי איז גיקומען און האט מורא גיהאט, אז ער וועט פילייכט אוועקגיין. ענדליך האט זי צוזאמענגעקליבען איהר גאנצע ענערגיע און האט גיזאגט:

— אבער איך האב גאר פערגעסען! איך האב עטוואס צוזאגען אייער ברודער, מיינע ליבע פרייליינס... ווארט אויף מיר, איך קום גלייך צוריק.

און זי איז ארויסגיפלויגען צו די גרעסטע איבערראשונג פון די ניי־טערקעס, וועלכע האבען אנגיפאנגען צודיינקען, אז דעניסע איז א ראפ פון זינען, נאך דעם אונגליק, וואס איהר האט גיטראפען.

מעשינע אליין איז ניט ווייניגער נתפעל גיווארען ווי זיינע שוועסטער, ווען ער האט גיעפינט די טיר פון זיין צימער און האט דערזעהן דעניסען.

— איך מוז מיט אייך ריידען אויפ'ן שטעל! — האט זי גיזאגט ניט בעמערקענדיג זיין פערוואונדערונג און ניט געבענדיג איהם צייט צוקומען צו זיך.

— איהר קענט מיך ניט אמת? — האט זי אנגיפאנגען — און איהר ווייסט דאך געוויס, אז איך בין בוא־קאראנ'ס כלה.

— אה, יא. ווי דום איך בין גיוועזן, דאס איך האב גלייך ניט פערשטאנען צו וואס איהר זייט גיקומען.

— הערר מעשינע, איך זאג אייך אפען, אז איך בין גיקומען צו אייך וועגען מיין חתן... איהר פארשטייט געוויס, וואס פאר שמערצען און הארצקלעמענעס איך האב זייט ער זיצט אין געפענגניס און איז בעשולדיגט אין א מארד!...

— אָה, איך פֶערְשְׁטֵיי עֶס, פְרֵיילַיין, אוּנ איך בֶּעדוֹיעֶר עֶס פוּן מַיין גאַנְצֶען הַארְצֶען — הָאט מֶעשׁינֶע גֶיעֶנְטְפֶערְט, זֶעהר גֶערִיהְרְט פוּן אִיהרֶע וֶוערְטֶער — איך פֶערְזִיכֶער אַייך אַז איך, וָואס איך הָאבּ אַזוֹי פִּיל עֶרְפַאהרוּנְג אִין גֶעשֶׁיקְטֶע אוּנ גֶעהֵיימְנִיסְפֶאלֶע פֶערבְּרֶעכֶען גְלוֹיבּ דָאךְ, אַז הֶערר בּוּאַקאַראַן אִיז אוּנְשׁוּלְדִיג. דָאס אִיז אָבֶּער, צוּם אוּנְגְלִיק, נִיט דִיא מֵיינוּנְג פוּן דֶעם סְלֶעדְאוַואטֶעל, פוּן דֶעם פְּרָאקוּרָאר אוּנ פוּן דִיא גאַנְצֶע שְׁטָאט. נָאךְ דִיא עֶרְשְׁטֶע אַנְטְוָוארְטֶען פוּן הֶערר בּוּאַקאַראַן, נָאךְ זַיין מִינֶע נָאךְ זַיין גאַנְצֶע הַאלְטוּנְג הָאבּ איך גִיזֶעהְן, אַז עֶר אִיז אוּנְשׁוּלְדִיג.

— אָה, איך דַאנְק אַייךְ, איך דַאנְק אַייךְ! ... הָאט דִיא מֵיידִיל גִיזָאגְט מִיט טְרֶערִין פוּן פְרֵיידֶע אִין דִיא אוֹיגֶען.

דֶער סֶעקְרֶעטַאר הָאט אִיהר דַאן עֶרצֵיילְט אַלֶעס, וָואס עֶר דֵיינְקְט וֶועגֶען דִיא גאַנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אוּנ וִויא אַזוֹי דֶער סְלֶעדְאַ־וַואטֶעל וֶוענְדֶעט אָן אַלֶע זַיינֶע קְרֶעפְטִין צוּבֶּעוַוייזֶען, אַז בּוּאַקאַראַן אִיז דֶער פֶערבְּרֶעכֶער.

דֶעניסֶע הָאט גֶעשְׁלוּנְגֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועלְכֶע זַיינֶען גִיוֶוען דִיא גְרֶאסְטֶע טְרֵייסְט פַאר אִיהר, אוּנ זִיא הָאט גָאר פֶערגֶעסֶען נָאךְ וָואס זִיא אִיז גִיקוּמֶען.

אָבֶּער זַיינֶע לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער, וואו עֶר הָאט אִיהר גִיבֶּעטִין מִיט שְׁרֶעק, אַז זִיא זָאל קֵיינֶעם נִיט דֶערְצֵיילֶען, וָואס עֶס הָאט זִיךְ פוּן זַיין הַארְץ אַרוֹיסְגֶערִיסֶען וֶועגֶען דִיא פַאלְשְׁקֵייט פוּן דֶעם סְלֶעדְאוַואטֶעל, הָאט אִיהר דֶערְמַאנְט אָן דֶעם צְוֶועק פוּן אִיהר קוּמֶען אוּנ זִיא הָאט גִיזָאגְט:

— אִיהר קֶענְט זִיךְ פֶערְלָאזֶען אוֹיף מִיר, אַז איך קֶען הַאלְטֶען סוֹד. איך דַאנְק אַייךְ פַאר דָאס וָואס אִיהר הָאט מִיר גִיזָאגְט; אָבֶּער איך וֶועל אַייךְ נָאךְ מֶעהר דַאנְקְבַּאר זַיין, וֶוען אִיהר וֶועט מִיר הֶעלְפִין צוּהֶערִין עֶטְוָואס פוּן מַיין גֶעלִיבְּטֶען.

דֶער סֶעקְרֶעטַאר אִיז בְּלַייךְ גִיוָוארֶען פוּן שְׁרֶעק אוּנ הָאט אִיהר גִיבֶּעטֶען, אַז זִיא זָאל גָאר דֶערְפוּן נִיט דֵיינְקֶען. זִיא הָאט אָבֶּער נִיט אוֹיפְגִיהֶערְט צוּבֶּעטִין אִין נָאמֶען פוּן אִיהר חָתָן, וֶועלְכֶער קֶען נָאךְ גִיקֶעפְּט וֶוערִין אוֹיף דֶעם עֶשַׁאפָאט, וֶוען מֶען זָאל אִיהם בֶּעצַייטֶענְס

ניט העלפין, און ניט ווייסענדיג וואס צו טאן האט ער אויסגערופען:

— און ווען מען וועט דאס אויסגעפינען... דאס וועט הייסען: פערלירען מיין פלאץ, רואינירען מיינע שוועסטער׳ס, פערניכטען מיין צוקונפט!...

דעניסע האט זיך אהאפ געטאן מיט האסט צו איהר קעשענע און האט אוואָרף געטאן אויפ׳ן טיש א פאַק באנק־נאָטען, וואס דער זיידע האט איהר געגעבין.

— דא ליגט פאר אייך הונדערט צוואנציג טויזענד פראנק... האט זיא מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט.

— געלד! — האט ער אגעשריי געטאן, אפשפרינגענדיג אן א זייט — איהר שלאגט מיר פאר געלד!... מיר!...

— אה, בעליידיגט זיך ניט! — האט דיא מיידיל געזאגט מיט א ריהרענדע און בעטענדע שטימע — קען איך אייך דען בעליידיגען, ווען איך קום צו אייך בעטין נאך מעהר וויא מיין לעבין? עס זיינען דא טובות, וואס מען קען ניט שעצען און בעצאהלען מיט געלד, אבער ווען דיא פיינד פון זשאקן וועלין זיך דערוויסען, אז איהר האט אונז געהאלפען, וועט איהר דאך דארפען ליידען...

א שרעקליכער קאמפף האט זיך פון דעסטוועגין אנגעפאנגען אין דעם ארימען סעקרעטאר׳ס הארצען. עס איז איהם שרעקליך הייס געוואָרין, עס האט איהם געשטיקט.

— הונדערט צוואנציג טויזענד פראנק!... האט אויסגעשריען מיט א הייזעריגע שטימע.

וויא א צומישטער איז ער צוגעגאנגען צום טיש. מיט ווילדע אויגען האט ער זיך איינגעקוקט אין דיא באנק־נאָטען. ער האט געציטערט וויא אין קדחת, און עטליכע מאל צו זיך געזאגט:

— זעקס טויזענד פראנק יעהרליכע פראצענטין!... זעקס טויזענד פראנק!...

— יא — האט דעניסע געענטפערט — דאס איז נאך ניט אלעס; איהר קענט רעכענען אויף אונזער דאנקבארקייט, אויף דיא הילפע פון א זעלכע צוויי רייכע און מעכטיגע פאמיליעס וויא שאנדארע און בואקעראן.

אבער דער סעקרעטאר האט זיך ביסלאַך־ווייס אפגעקיהלט און צוזאמענקלייבענדיג זיין גאנצע ענערגיע געגען דיא צוציהונגס קראפט פון אזוי פיל געלד אויף איין ארימען מענשען, האט ער גיזאגט:

— גענוג, פריילין! גענוג! נעהמט אוועק אייער געלד. ווען איינער טוט אזא זאך וויא איהר פארדערט צוליב געלד, איז ער א טויגעניכטס, א נידערטרעכטיגער מענש... ווען אבער מען טוט דאס צוליב איבערצייגונג, אין נאמען פון וואהרהייט, קען מען פארעכענט ווערין פאר א משוגענעם. אבער מען בלייבט דאך איין עהרליכער מענש און מען פערליערט ניט דיא אכטונג פון אנדערע מענשען... נעהמט צוריק דיא מאסע געלד, וועלכע האט שיעור ניט גימאכט איין עהרליכען מענשין פאר א נידערטרעכטיגען. גוט, איך וועל טאן וואס איהר פערלאנגט; אבער... פאר גאר ניט...

דעניסע האט ניט ווילענדיג אנגיפאנגען צו וויינען.

— אה, וויא זאל איך אייך בעדאנקען, זאגט! — האט זיא אויסגערופען — וויא אזוי זאל איך אייך ווייזען מיין דאנקבארקייט!... איך קען אייך פערזיכערין, דאס מיר וועלין קיינמאל ניט פערגעסען דעם אפפער וואס איהר בריינגט אונז.

מעשינע האט שוין אבער ניט גיהערט וואס זיא האט גיזאגט, איין מאל האט ער זיך בעשלאסין צו האנדלען געגען זיין פפליכט און צו העלפין דעניסע'ן צוהערין עטוואס פון איהר חתן, האט ער אנגיפאנגען צוטראכטען, וויא אזוי ער קען דאס אם בעסטען און לייכטסטען אויספיהרען. דער סלעדאוואטעל איז גיווען גענוג געשייט צוהיטען, אז מען זאל ניט קענען צוקומען צו בואקאראנ'ען.

ענדליך האט זיך קיין בעסערער מיטעל ניט גיפונען וויא איינצוריידען דעם געפענגניס־וועכטער בלאנגען, אז ער זאל צונעהמען און איבערגעבען בריף פון בואקאראנ'ען און זיין כלה.

— נו גוט — האט ער גיזאגט — איך וועל שוין וויא עס איז דיא זאך בעזארגען. דערווייל שרייבט אן א בריף, פריילין. אט האט איהר טינט און פאפיר.

דיא מיידיל האט זיך שווייגענד א נידערגיזעצט לעבין טיש; אבער אין דער מינוט, ווען זיא האט גינומען דיא פעדער, האט זיא גיפראגט:

— ווייסט איהר ניט, בעקומט העדר בואקאראן ביכער אין געפענגניס?

— יא, פריילין. אויף זיין בקשה איז דער סלעדאוואטעל אליין גיגאנגען צום פראקוראר נעהמען פאר איהם איינינע ראמאנען פון קופער...

א פרייליכער גישריי פון דעניסע האט איהם אונטערבראכען.

— אה, זשאק! — האט זיא אויסגירופען — איך דאנק דיר, וואס דו האסט גירעכינט אויף מיר.

און ניט קוקענדיג אויף דיא פערוואונדערונג פון מעשינע, וועלכער האט ניט אנגעהויבען צופערשטיין וואס זיא פרייט זיך אזוי, האט זיא אנגעשריבען פאלגענדען בריף.

— „מיר זיינען זיכער אין אייער אונשולד, זשאק; און פון דעסטוועגין זיינען מיר אין פערצווייפלונג. אייער מוטער איז דא, זיא איז גיקומען מיט איין אדוואקאט פון פאריז, נאמענס פאלגא, וועלכער איז אונז זייער טריי. וואס זאלען מיר טאן? גיט אונז וואס גיכער צו וויסען. איהר קענט אפען ענטפערין, דען איהר האט אונזער בוך".

דעניסע.

— לעזט איבער — האט זיא גיזאגט, דערלאנגענדיג איהר בריף דעם סעקרעטאר, ווען זיא האט איהם גיענדיגט.

אבער ער האט אפילו קיין קוק ניט גיטאן אויף דיא געשריבענע. ער האט צוזאמענגילייגט דעם בריף און האט איהם פערזיגעלט אין א קאנווערט.

— אה, איהר זייט א גוטער, עהרליכער מאן! — האט גיזאגט דיא מיידיל, וועלכע איז זעהר גערירט גיווארען פון מעשינע'ס עדעלקייט.

— ניין — האט ער גיענטפערט — איך זוך בלויז אויסצופיהרען וואס עהרליכער א זאך, וועלכע איז... אונעהרליך. מארגען, פריילין, האף איך, וועל איך אייך צושטעלין איין אנטווארט.

אין דערצייט וואס דעניסע האט געשריבען, האט מעשינע זארגפעלטיג צוזאמענגילייגט דיא באנק-נאטען און האט זיי איהר אפגיגעבין, ווען זיא האט גיהאלטען ביין אוועקגיין, זאגענדיג:

— אויב איך וועל ברויכען געלד פאר דעם וועכטער, וועל איך

איך לאזען וויסען. פאהרט יעצט גלייך אוועק. עס איז ניט נייטיג, אז איהר זאלט יעצט זעהן מיינע שוועסטער. איך וועל זיי שוין ערקלערען אייער וויזיט.

---

16 טער קאפיטעל

בואקאראן׳ס ערשטער בריף.

מעשינע האט גיהאלטען ווארט. ארום צוועלף א זייגער אויף דעם אנדער׳ן טאג האט מען אריינגעבראכט א בריף פיר דעניסען, אונ דער אלטער באראן, וועלכער האט גלייך פערשטאנען, אז דאס איז פון בואקאראנ׳ען, האט איהם מיט גרויס אונגעדולד גיעפענט; אבער ער איז גלייך געבליבען שטיין מיט א אפענע מויל אונ אויסגעגלאצטע אויגען.

נו, פראבירט איהר צופערשטיין עטוואס — האט ער גיזאגט צום אדוואקאט, געבענדיג איהם דעם בריף.

פאלנא האט נאר א שמייכיל גיגעבין אנשטאט איין אנטווארט. דער בריף איז גיוועזן אנגעשריבען מיט ציפער׳ן אנשטאט בוכשטאבען.

אויפהייבענדיג דיא הענד הויך, האט דער באראן אויסגעשריען:

— אבער וויא גיפעלען אייך אונזערע אונשולדיגע מיידלאך! ווער האט דאס גיקענט רעכענען, אז מיין דעניסע זאל בענוצען א סעקרעטנעם אלף-בית אין איהרע בריף צו איהר חתן?...

אין דער מינוט איז דעניסע אריינגילאפען פאטשענדיג מיט דיא הענד פאר שמחה.

— מיר זיינען גירעטעט — האט זיא אויסגעשריען — מיר וועלין יעצט אלעס וויסען!... יא, מיין זשאק איז גירעטעט.

— אבער וויא איך זעה, מיין שיינע פריילין — האט דער באראן מיט פערדרוס גיזאגט — האט איהר גיהאט גרויסע סעקרעטען צווישען זיך; דען זאנסט וואצו וואלט איהר גידארפט שרייבען מיט ציפער?

ניט איך אונ ניט הערר פאלגא האבען גאר ניט גיקענט פאר־שטיין.

דיא מיידיל איז רויט גיווארין ביז איבער דיא אויערן, דערזעענדיג דעם אדוואקאט וועמען זיא האט אנפאנגס גאר ניט בעמערקט פון פריידע.

—אה, דאס האט מיר זשאק אויסגעלערונגט צום צייט פערטרייב— האט זיא גיזאגט—איך וויים אליין ניט, ווארום ער האט מיר דאס גילערנט; אבער וויא איהר זעהט, קומט מיר דאס יעצט גאנץ גוט צונייץ—האט זיא גיענדיגט מיט אפרייליכע שטימע אונ האט זיך אנידערגיזעצט צוקלייבען דיא ווארטער פון דיא ציפער.

דאס האט געדויערט גאנצע צוויי שטונדען, אונ ווען זיא האט גיענדיגט, האט זיא ניט ווילענדיג אויסגעשריען ניט מיט איהר קול:

—דאס איז שרעקליך! שרעקליך!...

דער באראן אונ דער אדוואקאט זיינען בלייך גיווארין. דען ביידע האבען ניט אנדערש גירעכינט, אז בואקאראן האט זיך מודה גיוועזן.

—„איך פארשטיי צו גוט—האט בואקאראן געשריבען—דיא שמערצין אונ הארצקלעמענעס, וואס איהר האט יעצט, זעהענדיג, דאס איך זיץ אלץ אין געפענגניס אונ צייג ניט אויף מיין אונשולד. איך האב ביז יעצט געשוויגען, ווייל איך האב גיגלויבט, אז מען וועט זיך סיי וויא סיי קענען איבערצייגען, דאס איך בין גאנץ אונ־שולדיג; אבער יעצט מוז איך געשטיין, דאס עס וועט זיין א משוגעת דארויף צוווארטען אונ צוהאפען. איך וועל מוזען ריידען. נאר דאס וואס איך וויל דערציילען, איז אזוי וויכטיג, דאס איך מוז שווייגען ביז איך וועל נאכפרעגין א מענשען, צוועמען איך האב פולען צו־טרויען. איך מוז ניט נאר זיין פארזיכטיג, זאנדערן אויך זעהר געשיקט. ביז יעצט בין איך גיוועזן רוהיג, ווייל איך בין גיוועזן שטארק מיט מיין אונשולד; אבער נאך דעם לעצטין דאפראס (פערהער) פון דעם סלעדאוואטעל זיינען מיר דיא אויגען גיעפינט גיווארין אויף דיא גרויס פון דיא געפאהר. אין וועלכע איך געפין זיך.

„מיינע ליידען וועלין זיין אונערטרעגליך ביז דעם טאג. ווען איך

וועל קענען ריידין מיט איין אדוואקאט. איך דאנק מיין מוטער וואס זיא האט מיט גיבראכט איין אדוואקאט פון פאריז; אבער איך האף, אז ער וועט מיך ענטשולדיגען, ווען איך וועל מיר אנפאנגס ווענדען צו אנאנדער אדוואקאט, דען איך מוז האבען איינעם, וואס איז פאלקאמען בעקאנט מיט אונזער געגענד און מיט דעם גייסט און געוואהנהייטען פון זיינע איינוואהנער.

„איך קלייב דארום אויס דעם אדוואקאט מערזשי און בעט אייך דאס איהם צולאזען וויסען, אז ער זאל גלייך קומען מיט מיר ריידין, ווען דיא אונטערזוכונג וועט זיין צו ענדע.

„ביז דער צייט קען מען גאר ניט מאכען, סיידען זעהן, אז מען זאל מיין פראצעס צונעהמען פון גאלפעניען, דען דיזער נפש זוכט נאר מיך צובעגראבען. ער וויל ניט אנדערש אז איך זאל זיין דער שולדיגער, און ער ווענט אן דאצו אלע זיינע קרעפטין און שפיצלאך.

„אה, מיין טהייערע דעניסע, איך וועט יעצט שרעקליך בעשטראפט פר א פעהלער, וועלכען איך האב ביז יעצט כמעט ניט איינגיזעהן און גיפיהלט! וועט איהר מיר, מיין היים-געליבטע, אמאל פערגעבען דיא אונערטרעגליכע שמערצין וואס איך ברייננ אייך יעצט?

„איך האב אייך נאך פיהלע זאכען צושרייבען; אבער דער מאן וואס האט מיר איבערגיגעבין אייער צעטעלע, זאגט אז עס איז שוין צייט צוענדיגען, און עס נעהמט אזוי פיל צייט צושרייבען מיט ציפער".

דיזער בריף האט גימאכט דעם טרויעריגסטען איינדרוק אויף דעם אדוואקאט און אויף דעם באראן. זיי האבען געקוקט אן א זייט, אז דעניסע זאל ניט בעמערקען זייער שרעק; אבער זיא האט דאס פערשטאנען און האט אויסגירופען:

— זיידע! צווייפעלט איהר דען אין זשאקן?...

— ניין — האט ער גיענטפערט מיט א גיבראכענע שטימע, אום איהר צובערוהיגען.

— און איהר, העדר פאלגא — האט זיא גיפרעגט — וואס דיינקט איהר וועגין דעם, אז זשאק זאל איינלאדען איין אנדער אדוואקאט?

— איך וואלט איהם אליין גיראטען נאכצופרעגען איין אדוואקאט

פון דיזער געגענד — האט ער געענטפערט פארטראכטער-הייט.

אין דער מינוט איז אריינגעקומען בואקאראן׳ס מוטער. און ווען מען האט איהר דערציילט וועגען וואס עס האנדעלט זיך און זי האט דורכגעלעזען איהר זוהן׳ס בריף, איז זי א צוציטערטע געווארען און האט מיט פערצווייפלונג אויסגעשריען:

— וואצו נאך קעמפפען, מיר זיינען פערלארען!!...

דעניסע איז דאן אויפגעשפרונגען ווי א ווילדע. איהרע אויגען האבען געפונקעלט מיט פייער, און איהר גאנצער אויסזעהן האט אויסגעדריקט איינגעהאלטענעם כעס, זעלטענע ענערגיע און עדעלען שטאלץ. פאלנא האט קוים געקענט אראפלאזען זיינע אויגען פון דיזען שיינעם בילד, פון איין אויפגערעגטע שטאלצע שיינע מיידיל.

— ווארום זאגט איהר שוין ניט, מיין מוטער — האט זי מיט א קרעפטיגע שטימע אויסגעשריען — אז אייער זוהן איז איין אונטער-צינדער און א מארדער.

און געבענדיג א שטאלצין מאך מיט איהר שיינעם קאפ, ציטער-ענדיג פון כעס און פעראכטונג און ווארפענדיג ארום זיך א בליק, אזוי ווי זי וואלט זיך קלייבען צושלאגען זיך מיט די גאנצע וועלט פאר איהר היים-געליבטען, האט זי צוגיזעצט:

— ווען איך זאל אפילו בלייבען איינע אליין צופערטהיידיגען מיין חתן, וועלכער האט געציילט אזוי פיל פריינד אין דער צייט, ווען עס האט איהם געגליקט... גוט! איך וועל איהם ניט אויפהערין צופערטהיידיגען און צושרייען, אז ער איז אונשולדיג.

— איהר וועט יעדען-פאלס האבען צו זיך נאך איינעם, פריילין — האט דער אדוואקאט גיענטפערט, וועלכער איז גיווארען געריהרט און ענטציקט פון דעניסע. יא, איך וועל ביי מיר קיין ענטשולדיגונג געפינען, ווען איך וועל מיך לאזען אפשרעקין פון דיזען בריף. איך וייס פון ערפאהרונג דאס, וואס אייער הארץ זאגט אייך. דאס געפענגניס שוואכט אפ דעם שטארקסטען כאראקטער. די טעג ציהען זיך אהן א סוף און די נעכט רופען ארויס איין אומעט און שמערץ, אז מען קען לייכט משוגע ווערין.

אבער עס האט איהם ניט גילאזען פארטזעצען און האט אויס-גערופען:

— אָה, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעפִיהְלְט; אָבֶּער אִיךְ וָואלְט דָאס נִיט גִיקֶענְט אַזוֹי אוֹיסְדְרִיקֶען אַזוֹי וִויא אִיהר.

דֶער בַּארָאן אוּנ דִיא מַארְקִיזֶע הָאבֶּען זִיךְ פַארְשֶׁעמְט, זֶעהֶענְדִיג, אַז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְשׁ הָאט מֶעהְר גְלוֹיבֶּען אִין בּוּאַקָארַאן׳ם אוּנְשׁוּלְד וִויא זֵיי, אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶשְׁטְרֵיינְגְט צוּפֶערְשְׁטִיקֶען דֶעם צְוַוייפֶעל וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעגַנְבֶ׳עט אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

— גוּט — הָאט דִיא מַארְקִיזֶע גִיזָאגְט מִיט אַ שְׁוַואכֶע שְׁטִימֶע — אָבֶּער וָואס זָאלֶען מִיר יֶעצְט טָאן?

— אַייעֶר זוּהְן, מַאדַאם, זָאגְט דָאךְ אַייךְ אִין זַיין בְּרִיף — הָאט זִיךְ דֶער אַדְוָואקַאט אָפְּגֶערוּפֶען — מִיר הָאבֶּען נָאר צְווַוארְטֶען בִּיז דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל וֶועט עֶנְדִיגֶען דִי אוּנְטֶערְזוּכוּנְג.

— אָבֶּער מִיר הָאבֶּען דָאךְ אוֹיךְ צוּזֶעהְן, אַז מֶען זָאל בֶּעשְׁטִימֶען אַ נַייעֶם סְלֶעדָאוַואטֶעל — הָאט זִיךְ דֶער בַּארָאן אַרַיינְגֶעמִישְׁט.

דֶער אַדְוָואקַאט הָאט אָבֶּער עֶרְקְלֶערְט, אַז עֶס וֶועט פִיל בֶּעסֶער זַיין, אַז מֶען זָאל גָאר נִיט אָנְפַאנְגֶען צוּאַרְבֵּייטֶען גֶעגֶען גַאלְפֶּענְ׳עֶן, וַוייל, אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען וֶועט דָאס נִיט פוּיעֶלִין, וֶועלִין אַלֶע זַייטִיגֶע מֶענְשֶׁען גֶעווִיס זָאגֶען, אַז מֶען וִויל הָאבֶּען אַ נַייעֶם סְלֶעדָא־וַואטֶעל, וַוייל גַאלְפֶּען אִיז אַיין עֶהְרְלִיכֶער מַאן אוּנ לָאזְט זִיךְ נִיט אוּנְטֶערְקוֹיפֶען.

עֶס אִיז דַארוּם גֶעבְּלִיבֶּען, אַז מֶען זָאל גְלַייךְ שִׁיקֶען נָאךְ דֶעם אַדְוָואקַאט מֶערְזְשִׁי, וָואס בּוּאַקָארַאן הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען. דִיזֶער אַדְוָואקַאט הָאט אִין דֶער גַאנְצֶער גֶעגֶענְד גִיהַאט אַ נָאמֶען נִיט נָאר פַאר דֶעם בֶּעסְטֶען אוּנ גֶעשִׁיקְטֶעסְטֶען אַדְוָואקַאט, נָאר אוֹיךְ פַאר אַ זֶעהְר עֶהְרְלִיכֶען מַאן. עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִיט אָנְגִינוּמֶען צוּ־פֶערְטְהֵיידִיגֶען אַיין אוּנֶעהְרְלִיכֶע זַאךְ, וִויא פִיל גֶעלְד מֶען פְלֶעגְט אִיהם דֶערְפַאר אָנְבָּאטֶען. עֶר הָאט דַארוּם גִיהַאט אַ גְרוֹיסֶע ווִירְקוּנְג אִי אוֹיף דִיא רִיכְטֶער, אִי אוֹיף דֶעם אַקְרוּזְשְׁנָא סוּד (גֶעשְׁוָוארֶענֶע). דֶער וָואס הָאט אִיהם גֶעקְרָאגֶען פַאר אַ פֶערְטְהֵיידִיגֶער, הָאט גֶעמוּזְט זַיין זִיכֶער, אַז עֶר וֶועט דוּרךְ דֶעם זֶעהְר פִיל גֶעווִינֶען.

בּוּאַקָארַאן הָאט אַלְזָא קֵיין בֶּעסֶער׳ן אוֹיסְוָואהל נִיט גִיקֶענְט מַאכֶען; אָבֶּער צוּ זַיין אוּנְגְלִיק, הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגִיצֵייגְט, אַז מֶערְזְשִׁי צְוַוייפֶעלְט אִין זַיין אוּנְשׁוּלְד. עֶר הָאט דָאס נַאטִירְלִיךְ אָפֶען נִיט גִיזָאגְט,

ווען ער איז גיקומען צום באראן; אבער מען האט דאס גיקענט זעהן נאך זיין גאנצע האלטונג. ער איז גיוועזן א פריינד פון בואקאראן און האט זעהר בעדויערט, וואס ער איז אזוי אריינגיפאלען; אבער ער האט דאך ניט גיוואלט אננעהמען צו זיין בואקאראן'ס פערטהיידיגער, ביז ער וועט זיך זעהן מיט איהם. דיא הויפט שוויריגקייט איז גיוועזן, ווארום בואקאראן ערציילט גאר ניט, ווארום ער זוכט גאר ניט צו בעווייזען זיין אונשולד, און אויב ער איז ווירקליך אונשולדיג. דאס איז גיוועזן דער גרויסער סעקרעט פון דיא גאנצע זעלטענע געשיר ; און קיינער האט זיך נאך ניט גיקענט אנשטויסען אויף דאס מי.. סטע פון דיזען סעקרעט.

ווען דעניסע האט גיציינט דעם אדוואקאט בואקאראן'ס בריף, האט ער אנפאנגס אויסגעדריקט זיין אונצופרידענהייט, דאס מען בענוצט אזוינע אונגעזעצליכע מיטעל, און האט צולעצט גיזאגט:

—גוט. דאס קען איך אננעהמען; אבער ליבע פריילין, ווען איהר האט נאר דיא מעגליכקייט צושיקען נאך א בריף צו הערר'ן בואקאראן, בעט איהם אין נאמען פון זיין רעטונג, אז ער זאל וואס גיכער זוכען צובעווייזען, אז ער איז אונשולדיג. מען טאר ניט צולאזען, אז דיא אנקלאגע זאל פארקומען אויף דעם געריכט, זא לאנג מען האט דיא מעגליכקייט צובעווייזען איינעמס אונשולד. ווען איין אנגעקלאגטער קומט אריין אין געריכט-זאל איז ער שוין דריי-פירטעל פעראורטהיילט...

גלייך נאך דעם אוועקגיין פון דעם אדוואקאט האט דעניסע אין האסט אנגעשריבען א צעטעלע צום קלערק מעשינע, אז זיא מוז איהם דעם זעלבען אבענד זעהן. זיא האט זיך ווידער בעשלאסען עטוואס ענערגישעס צוטאן, אום צוהעלפען איהר געליבטען.

17 טער קאפיטעל

דעניסע נעכטיגט אין געפענגניס און זעהט זיך מיט איהר חתן.

מעשינע איז גלייך גיקומען וויא ער האט נאר בעקומען דאס צעטעלע פון דעניסע׳ן. ער האט זיך ניט אזוי פיל געשראקען צו פערלירען זיין שטעלע, וויא עס האט איהם געקריינגט, דאס ער האנדעלט געגען דעם גיזעץ און זיין פפליכט. נאר איינמאל האט ער זיך בעשלאסין צוהעלפין בואקקאראנ׳ען, איז ער שוין גיגאנגען ווייטער, וויא דעניסע האט פון איהם פערלאנגט. זיא האט ניט אנדערש גיוואלט זיך זעהן און ריידין מיט איהר חתן. אום איהם צו צווינגען, אז ער זאל אלעס דערציילען נאך איידער עס וועט פאר־קומען פאר׳ן געריכט. מעשינע האט נאך מעהר פאר דעניסע׳ן פער־שטאנען דיא נויטווענדיגקייט, אז בואקקאראן זאל ניט אפלייגען זיין ערקלארונג, און דארום האט ער גלייך פערשפראכען צוהעלפין דעניסע נאך זיין מעגליכקייט. דער פלאן וואס זיי ביידע האבען אויס־געארבייט, איז בעשטאנען גאנץ איינפאך אין דעם, אז מען זאל אונטערקויפען דעם געפענגניס־וועכטער בלאנגען. מעשינע האט זיך אונטערגינומען איבערצוריידין מיט דיזען וועכטער און אויף מארגען צובריינגען איין אנטוואָרט.

פול מיט דיא זיסעסטע האפנונגען האט דעניסע פארבראכט דיא צייט ביז מעשינע איז איהר גיקומען אנזאגען דיא אנטוואָרט פון בלאנגען און איהר שמחה איז גיוועזען אונבעשרייבליך, ווען זיא האט דערהערט, אז זיא וועט באלד קענען זעהן איהר היים־געליבטען חתן.

— אבער איך מוז אייך זאגען, פריילין — האט מעשינע ערקלערט — אז בלאנגען פאדערט 14 טויזענד פראנק.

— אה, דאס איז ניט פיל — האט זיא איהם שנעל אונטער־בראכען.

— נו גוט; אבער דאס וויכטיגסטע איז, אז ער וויל דיא זאך אזוי אפמאכען, אז מען זאל גאר ניט קענען אויסגעפינען. ער האט אזוי בעשלאסין: מארגען ארום זעקס אוהר נאכמיטאג, זאלט איהר פארבייגיין געגען געפענגניס. זיין פרוי, וועלכע איהר קענט גאנץ גוט,

ווייל זיא האט בּײַ איך געדינט, װעט שטײן לעבּין טויער. אויב
זיא װעט איך ניט בּעגריסען, זאָלט איהר אַװעק־גײן — דען דאס װעט
צײַגען, אַז עס איז פֿאָרגעקומען אַ שטערונג. אויב זיא װעט איך יא
בּעגריסען, זאָלט איהר גלײַך צו איהר צוגײן, און זיא װעט איך
אַרײַנפֿיהרען צו זיך. דאָרטען װעט איהר נאַטירליך וואַרטען, בּיז
בּלאַנגען װעט געפֿינען דיא בּעסטע געלעגענהייט איך אַרײַנצופֿיהרען
אין בּואַקאַראַן'ס קעמעריל. נאָך אײַער געשפּרעך, װעט איהר מוזען
פֿערבּלײַבּען בּײַ דעם װעכטער אין דאָרטין איבּערנעכטיגען, דען דאס
אונאַנגענעהמסטע פֿון דער גאַנצער זאַך איז, אַז איהר װעט ערשט
בּײַ טאָג קענען אַרויסגײן פֿון געפֿענגניס.

דיא מיידיל איז אַ צוציטערטע געוואָרען. דער געדאַנקען, אַז זיא
װעט מוזען נעכטיגען אין אַ געפֿענגניס, האט איהר זייער געשראָקען,
און זיא האט ניט געוואוסט וואס זיא זאָל דא טאָן. ענדליך האט
זיא זיך בּעשלאָסען און האט מיט טרערין אין דיא אויגען אויס־
גערופֿען:

— זאָל זיין וואס עס װעט זיין!... איך נעהם עס אָן! זאָגט
דעם װעכטער, אַז איך װעל קומען וויא ער פֿערלאַנגט.

ווען דער קלערק איז אַװעקגעגאַנגען, האט דעניסע אָנגעפֿאַנגען
צוטראַכטין, וויא אַזוי קען מען דיא זאַך דורכפֿיהרען, אַז איהר
זיידע זאָל דערפֿון גאָר ניט וויסען. זיא האט פֿאַרשטאַנען, אַז דער
אַלטער בּאַראָן, וועלכער האט איהר בּיז יעצט נאָכגעגעבּען אַלע איהרע
קאַפּריזען, װעט דיזעס מאָל זיך פֿעסט אײַנשפּאַרען און מאַכען גיוואַלדען.
זיא האט אָבּער קיין אַנדער בּרירה ניט גיהאט, וויא צודערציילען
איהם אַלעס. דען דער אַלטער וואָלט זיך געוויס געחאַפּט, אַז זיא
איז אַװעקגעגאַנגען, און וואָלט פֿילײַכט גישטאָרבּען פֿון שרעק. זיא
איז דארום צוגעגאַנגען צום בּאַראָן, און וויא נאָר ער האט דער־
הערט וועגין וואס עס האַנדעלט זיך, האט ער מיט אימפּעט אויס־
געשריען:

— נימאָלס! נימאָלס! דאס וויל איך ניט צולאָזין! דאס איז אונ־
מעגליך!...

אַלע איהרע רייד און טענות זיינען געווען אַ לאַנגע צייט אומ־
זיסט. דער אַלטער האט זיך אַלץ גיהאַלטען בּײַ דאס זייניגע, אָבּ־

גלייך ניט מיט אזא פעסטקייט וויא אין אנפאנג. זיא האט אנגעפאנגען ביטער צוויינען אונ צוברעכין מיט דיא הענד, שרייענדיג, אז זיא וועט שטארבען, ווען זיא וועט ניט זעהן בואקא...'ען. אונ דער באראן האט זיך מיט א קרעכין אראפגעלאזען אויף א שטול אונ האט מיט פערצווייפלונג אויסגערופען.

— זיא איז משוגע!... אונגליקליכע!... דו ביזט משוגע!...

אבער ער איז שוין געווען בעזיעגט; אונ אויף דעם אנדערין טאג, פינף א זייגער נאך מיטאג איז ער מיט א צוברראכענע הארץ ארויס מיט דעניסען געארימט אום איהר צובעגלייטען ביז דעם געפענגניס, וואו בלאנגען'ס פרוי האט שוין געווארט אויף איהר מיט אונגעדולד לעבין טויער.

דאס געפענגניס פון סאוועטער איז געוועזן אין דעם אלטען שלאס, וועלכער האט ביז דער רעוואלוציאן געהערט צו דיא עלטעסטע אריסטאקראטישע פאמיליע פון אומגעגענד. דיא גאסען ארום זיינען געווען זעהר ווייניג בעוואהנט, זעהר בלאטיג אונ טרויעריג. דאס געפענגניס גופא איז אויך געווען זעהר ווייניג בעזעסען, דען אין שטעטיל זיינען געווען אלע, גאנץ רוהיגע אונ אנשטענדיגע לייט. דער וועכטער בלאנגען פלעגט אפט זאגען: „אונזער געפענגניס איז א שטייג אן פויגלאך". אין דער צייט ווען בואקאראן איז דארט געזעסען, האט זיך דארט געפונען נאך איין ארעסטאנט — א געוויסער טויגעניכטס מיט דעם נאמען שעמינא, וועלכער פלעגט רעגעלמעסיג אנטלויפען אונ רעגעלמעסיג קומען צוריק, ווען ער פלעגט שוין ניט קענען אויסהאלטען דעם הונגער אויף דער פרייהייט. דורך איהם האט דאס מעשינע איבערגעגעבען דעם ערשטען בריף בואקאראנ'ן פון דעניסע'ן.

א פייכטקייט אונ א קעלט האבען ארומגענומען דיא בראווע מיידיל ווען זיא איז אריינגעקומען אין געפענגניס. עס איז איהר פינסטער געווארען אין דיא אויגען אונ זיא האט אזוי געציטערט מיט אלע אברים, דאס זיא וואלט געוויס אנידערגעפאלען, ווען דעם וועכטער'ס פרוי וואלט איהר ניט אונטערגעהאלטען. זיא איז אבער באלד געקומען צו זיך אונ האט גלייך אהן צערעמאניס אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש טויזענד פראנק אין גאלד, וואס האט געמאכט אויפשפרינגען דעם

וועכטער און זיין פרוי פאר שמחה. זיי האבען זיך א לאנגע צייט ניט גיקענט אפרייסען פון דיא גאלדענע מאנטען, וועלכע האבען אזוי אנציהענד געבליצעט. און האבען איבערגיטאפט יעדע מטבע בעזונ-דער. זיי וואלטין פיליכט אזוי אפגעשטאנען ווער ווייסט וויא לאנג, ווען דעניסע, וועלכע האט מיט פערוואונדערונג גיקוקט אויף זייערע האבגיער, וואלט זיי ניט דערמאנט נאך וואס זיא איז גיקומען.

דעניסע האט קוים גיקענט נאכגעהן דעם וועכטער — אזוי האט אין איהר גישפרונגען דאס הארץ. אפאר מאל האט זיא איהם גיבעטין זיך אפשטעלין, אום צוחאפין אטהעם. דער וועכטער האט גימיינט, אז זיא איז קראנק גיווארין און האט איהר גיוואלט אונטער-האלטין; אבער דאס האט איהר אויפגימונטערט און זיא האט מיט א פעסטע שטימע גיזאגט: „מאכט דאס גיכער!"

— נאך וואס קומט איהר אזוי שפעט? — האט בואקאראן גיפרעגט ווען ער האט דערזעהן דעם וועכטער.

— איך ברייננ אייך א פריינד... האט בלאנגען גיענטפערט, און האט זיך אפגערוקט און אויפגיהויבען זיין לאנטערנע אום צוצייגען דעניסע'ן.

— איהר!... מיין דעניסע!... איז עס מעגליך!? — האט ער אויסגעשריען, זיך חאפענדיג פאר'ן קאפ, אום צו זעהן אויב ער טרוימט ניט.

דעניסע האט פון אויפרעגונג ניט גיקענט אויסריידען א ווארט און דער וועכטער האט פאר איהר גיענטפערט:

— יא, דאס איז דיא פריילין שאנדארע. זיא האט אייך עטוואס וויכטיגעס צודערציילען.

דער וועכטער האט נאך זיך אנגיפאנגען צופערענטפערן ווארום ער האנדעלט געגען זיין פפליכט; אבער דעניסע, וועלכע האט זיך דערווייל עטוואס בערוהיגט, האט איהם איבערגישלאגען דיא רייד און האט איהם גיבעטין, אז ער זאל זיי לאזין אליין.

— זשאק — האט זיא גיזאגט, גלייך וויא בלאנגען איז ארויס-גיגאנגען — מיין זיידע האט מיר גיזאגט, אז מיין קומען אהער ביי-נאכט, איינע אליין, וועל איך נאר ארויסרופען ביי אייך א ווידער-געפיהל, אז איהר וועט מיך פעראכטען...

— אה, דעניסע!... איהר האט דאס ניט גיקענט גלויבען!

— מיין זיידע האט מעהר ערפאהרונג וויא איך, זשאק... אבער איך האב דארויף ניט גיקוקט. איך וואלט נאך איבערגיקומען אנדערע געפאהרען. דען עס האנדעלט זיך פון אייער עהרע, וועלכע איז אויך מיינע.

— גרויסער הימעל — האט בואקאראן אויסגעשריען מיט ענטציקונג — אזא מינוטע איז גענוג, צוקענען איבערטראגין יאהר'ן מיט צרות און מאטערנים.

— הערט מיך אויס זשאק — האט זיא צו איהם גיזאגט מיט א פעסטע שטימע — מיר זיינען אלע איינשטימיג, אז איהר מוזט וואס גיכער בעווייזען אייער אונשולד. איהר שווייגט, און דערמיט ווארפט איהר זיך אליין אין דעם אבגרונד, וועלכער שטייט אפען לעבין אייך. אלע אדוואקאט'ן זאגין, אז אויב איהר וועט שווייגען ביז אונטערזוכונג וועט זיין צוענדע, זייט איהר פערלארען. אויף דעם געריכט וועט שוין זיין צושפעט. זשאק... איהר מוזט יעצט ריידען, איהר מוזט עס, אום אונז אלעמען צורעטען.

איהר שטימע איז גיווארען אלץ ווייכער און ריהרענדער, און זשאק איז גישטאנען וויא א צומישטער, ברעכענדיג דיא הענד און ווילד קוקענדיג.

— אה, מיין טהייערע, אלעס וואס איהר ערקלארט מיר דא, האב איך שוין אליין איינגיזעהן... האט ער אויסגירופען מיט פערצווייפלונג.

— און איהר האט דאך גישוויגען! זעהט איהר דען ניט וואס עס ערווארטעט אייך?

— איך ווייס עס צו גוט. איך ווייס, אז דאס איז דער עשאפאט. אדער קאטארגע.

דיא מיידיל איז אפגישפרונגען אן א זייט פון גרויס שרעק און האט אויסגיגלאצט איהרע שיינע אויגען, פון וועלכע עס האבין זיך ניט ווילענדיג טרערין גיגאסין.

— אונגליקליכער! — האט זיא אויסגירופען — וואס רעט איהר? זייט איהר דען ביי אייער זינען, זשאק?

— אה, דעניסע! איך גלויב, אז איך האב נאך מיין קאפ ניט

פערלארען, אבגלייך מיינע שמערצין זיינען שרעקליך, אונערטרעגליך... איך האב אלעס איבערלייגט... איך האב מיין גאנצע צייט פארבראכט אין איין טראכטין, און איך בין אלע מאל גיקומען צום שלום, אז איך מוז שווייגן ביז איך וועל פארקומען אויף'ן געריכט... דען זעהט איהר, געליבטע, דיא ווארהייט איז אונגלויבליך... אלעס איז געגען מיר..? וואו בין איך גיוועזען אין דער צייט פון דער אונגליק-ליכער שרפה? אה, ווען איך וואלט דאס גיקענט דערציילען?! בעווייזען מיין אונשולד, הייסט איינעם בעשולדיגען... און ווען איך האב א טעות און קען ניט אויפצייגען. אז מיינע בעשולדיגונגען זיינען ריכטיג? ניין, טהייערע דעניסע, איך קען ניט און טאר ניט דער-ציילין, וואס ליגט מיר אויף'ן הארצין.

—דאס איז א משוגעת! —האט דעניסע אויסגירופען— און אנבא-פענדיג בואקאראנ'ען פאר דיא הענד, האט זיא צו איהם מיט א ביטענדע שטימע גיזאגט:

—אבער מיר, זשאק, קענט איהר דאך אלעס דערציילין?

בואקאראן האט אנגיפאנגען צוציטערן און אפשפרינגענדיג אן א זייט וויא א פעריקטער האט ער גיענטפערט:

—איך, דעניסע, נאך ווייניגער וויא איין אנדערן... אייער הארץ, מיין טהייערע, איז צו ריין, צו אונשולדיג צו וויסען פון אזוינע שמוציגע שאנדליכע אינטריגעס... איך וויל ניט, אז אייער חתונה-קלייד זאל זיין פערשמוצט מיט דיא בלאטע, אין וועלכע דער בייזער שיקזאל האט מיך אריינגישליידערט. איך קען דאס נאר דערציילין מיין פריינד מערזשי, ער וועט מיר גלויבען... האב געדולד, מיין געליבטע, נאך א פאר טעג...

זיא האט גאר ניט גיוואוסט וואס זיא זאל דא דיינקען. האט ער דען גיהאט א געליבטע? —האט זיא זיך גיטראכט— אבער זיא האט באלד פאריאגט דיזע ביטערע גידאנקען. זיא האט אין איהם בלינד גיגלויבט. זיא האט איהם דארום אנגיפאנגען צובעטין מיט גיוויין, צו האלזין; אבער ער האט אלץ גיענטפערט, רייסענדיג זיך דיא האר פון קאפ, אז ער קען איהר ניט דערציילין, און בעטענדיג איהר, אז זיא זאל אפווארטין ביז ער וועט זעהן דעם אדוואקאט.

ענדליך איז דער וועכטער אונטערגיקומען, זאגין, אז עס איז

שוין צייט זיך צושיידען, אונ דעניסע איז מיט אגעבראכענע הארץ אוועקגעגאנגען, זיך האלטענדיג אן דעם וועכטער אום ניט צופאלען פון מידקייט. זיא האט פערבראכט דיא גאנצע נאכט אין געוויין, ביז זיא איז אזוי פארמאטערט געווארען, אז זיא איז אנידערגעפאלען אויפ'ן בעטיל וויא א טויטע.

18 טער קאפיטעל

בואקאראן זעהט זיך מיט זיין אדוואקאט.

ווען דער באראן האט זיך דערוואוסט פון דעניסען, וועלכע איז געקומען קוים אלעבעדיגע פון געפענגניס, אז בואקאראן האט איהר גאר ניט געוואלט דערציילען, איז ער געווארען אזוי אויפגעבראכט, אז ער האט שיעור ניט געקראגען דיא פאפלעקסיע. ער האט זיך געחאפט פאר'ן קאפ אונ האט געיאמערט, אז דער מערדער בואקאראן וויל איהם זיין איינציגע נחמה אויף דער וועלט אומברייינגען. — ער האט אנגעפאנגען אזוי שטארק צושימפפען אויף בואקאראן, אז פאלגא האט זיך אריינגעמישט:

— בעשולדיגט ניט אזוי אייער צוקינפטיגען איידים — האט ער געזאגט — איך בין נאך מעהר איבערציינגט אין זיין אונשולד וויא פריהער.

— וויא אזוי דען? — האט דער אלטער אויסגערופען פערוואונדערטערהייט.

— פון דעם וואס בואקאראן האט געזאגט צו דעניסע, האב איך גאר געשלאסען, אז איך האב רעכט געהאט, ווען איך האב אנגענומען, אז אין דער זאך שטעקט א פרוי... געדיינקט איהר, הערר באראן, וויא איהר זייט ארויסגעגאנגען ווען איך האב געפרעגט אנטואנ'ען מכח זיין הערר'ס ליבעס-געשיכטען?

דער אלטער האט זיך אן דעם גאנץ פערגעסען, אונ פאלגא האט איהם דערציילט אלעס וואס ער האט זיך דערוואוסט וועגען דיא געהיימע ליבע פון בואקאראנ'ען מיט איינע אונבעקאנטע פרוי.

דער באראן האט צוגעגעבען, אז דאס האט א גוטען גרונד, און דער אדוואקאט האט בעשלאסען נאכצופרעגען דערוויילע דיא בויער'ן פון בואקאראן'ס דארף און אלעמען וועמען ער וועט געפינען פאר נייטיג נאכצופרעגען.

אין דער מינוט איז דער דאקטאר סאבא אריינגעלאפען פארסמאיעט און אזוי אויפגערעגט, אז ער האט פערגעסען זיינע גרויסע בליסצענדע שפאקולען אויף'ן עק נאז. שוין זייט צוויי טעג איז ער נאר בעשעפטיגט מיט דיא נאכזוכונג פון דעם אידיאט קאקאלע. און ענדליך איז ער גיקומען צו א גאנץ אנדערן שלוס וויא ער האט פריהער גיהאט. אנגיפאנגען האט ער מיט א סאטאקע אויף דעם אנדערן דאקטאר, וואס דער סלעדאוואטעל האט איהם ארויפגערוקט אויף זיין קאפ, און וואס איז מיט איהם ניט איינגעשטימט, אז קאקאלע איז ניט אזא אידיאט וויא מען געהאלט אן און אז מען האט איהם אונטערגירעט צומאכען א בלבול אויף בואקאראנ'ען. נאכהער האט ער גיבראכט בעווייזען, אז ער האט רעכט און אז ער האט גיענדיגט דאמיט, אז ער מוז דאס אלעס פערעפענטליכען, אום צופערניכטען דעם גאנצען פלאן פון דעם סלעדאוואטעל. פאלגא איז אבער גיוועזען דער מיינונג, אז דאס וועט גראדע שאדען בריינגען בואקאראנ'ען, דען זא לאנג קאקאלע איז גירעכענט פאר איין אידיאט, קען מען מיט רעכט זאגען, אז מען טאר ניט פעראורטהיילען א מענשען אויף זיין עדות זאגען. דער בראווער דאקטאר איז גרייליך אין כעס גיווארען וויא ער האט דאס דערהערט, און האט אויסגעשריען פייעריג:

— דאס זייגען נאר קונצען פון איין אדוואקאט! איך קען נאר איין זאך, און דאס איז וואהרהייט!

אלע טענות פון דעם אדוואקאט האבען ניט גיהאלפען, און דער בראווער דאקטאר האט מיט היץ אנגעטאן זיין הוטעל און איז ארויסגילאפען שרייענדיג:

— איך וויל קיין מינוט ניט פערלירען! דיא זאך איז צוויכטיג!... איך גיי גלייך צום פראקוראר פארדערן, אז מען זאל בעשטימען א נייע קאמיסיאן פון דאקטורים, אום נאכצוזוכען דעם צושטאנד פון קאקאלע.

— זאל איהם דער טייוועל האפען, דעם אלטען משוגעגעם!—

האט דער באראן מיט פערדרוס גיזאגט, ווען דער היציגער דאקטאר איז שוין מיט אימפעט גילאפען אויף'ן גאס — פון דעסטוועגין, הערר פאלגא, ווען איך איבערלייג דיא זאך, געפין איך דאס איהר האט צוקאלט אויפגינומען דיא וויכטיגע נייעס, וואס דער דאקטאר האט גיבראכט.

— זעהט איהר, איך האב טאקי אזוי גיהאנדעלט, וויל איך געפין דיזע נייעס פאר זעהר וויכטיג. בואקאראן האט אויך דיא זעלבע מיינונג וועגען קאקאלע. ווען דאס איז ריכטיג, איז דאס דער בעסטער בעוויז, אז בואקאראן איז איין אפפער פון א שרעקליכע אינטריגע. יעדען־פאלס ליגט דא דער שליסעל פון דיא גאנצע טרויעריגע געשיכטע.

— וואס!... האט דער באראן אויסגעשריען מיט דיא גרעסטע פערוואונדערונג, אפשפרינגענדיג מיט גרוים האסט. וויא? איהר האט אזא מיינונג און איהר האט ניט גיוואלט אונטערשטיצען דעם דאקטאר, וועלכער איז יעדען־פאלס א בראווער מאן?

דער אדוואקאט האט א שמייכיל גיטאן און האט גיענטפערט:

— פארשטייט איהר דען ניט, אז איך וויל נאר גיווינען צייט, אום נאכצופרעגין בואקאראנ'ען? איך האב דאך דאס ניט גיקענט דערציילין דעם דאקטאר. האב איך דען ארעכט ארויסצוגעבין דעניסע'ס סעקרעט?

— דאס איז ריכטיג — האט דער באראן בעמערקט — מען דארף טאקי גלייך רופען דעניסע'ן, אז זיא זאל אנפרעגין בואקאראנ'ען.

פאלגא האט איהר דיקטירט דיא פראגען, און ווען זיא האט דאס אנגעשריבען מיט דיא ציפער, האט מען דעם בריף אויף'ן שטעל אוועקגעשיקט צו מעשינע. אויף מארגען איז בעקומען גיווארען פאלגענדע אנטווארט פון דעם געפאנגענעם.

— „דער דאקטאר — האט ער געשריבען — האט רעכט. איך האב פיל אורזאכען צורעכענען, אז דיא אידיאט'סווע פון קאקאלע איז א גרויסע טהייל גימאכט און אז מען האט איהם אנגירעט צווארפען א חשד אויף מיר. דאך בעט איך אייך, טהוט גאר ניט, אז מען זאל מאכין פון דאס ניי א מעדיציניש נאכפארשונג, וויא דער דאקטאר פערלאנגט. דיא קלענסטע אונפארזיכטיגקייט קען מיך צוגרונדע ברייננען.

אום הימעל'ס ווילען, ווארט ביז דער סלעדאוואטעל וועט ענדיגען זיין אונטערזוכונג. דאס וועט באלד געשעהען, וויא גאלפען האט מיר געזאגט..."

עס איז קיין זאך ניט געבליבען, וויא צוווארטען. פאלגא האט דערווייל דיא צייט ניט פערלארען, דען ער האט נאכגיפראגט דיא דינער פון בואקאראן'ס שלאס. ער האט אבער קיין זאך ניט ערפאהרען, דען דיא ליבע איז פארגיקומען אין פאריז און קיינער אין דער געגענד האט פון דעם ניט גיוואוסט. דערוויילע האט זיך דיא סלעדסוויע גיענדיגט, און אין שטאט וואו מען האט ניט אויפגיהערט צו ריידין וועגען אלע קלייניגקייטען פון דיא שרפה אין וואלפענסאן, איז מען גיוועזן איבערצייגט, אז דיא קלענסטע שטראף וואס בואקאראן וועט בעקומען, וועט זיין אייביגע קאטארגע. אויסער דער דאקטאר סאבא און בואקאראן'ס פאמיליע, זיינען אלע איינוואהנער פון שטאט גיוועזן איבערצייגט, אז בואקאראן איז שולדיג, און דאס האט נאר גיגעבען מוטה דעם סלעדאוואטעל צו בעגראבען זיין אלטען פריינד. גאלפען האט פון דעסטוועגין קיינע בעווייזען ניט גיקענט צוזאמענקלייבען אויסער דיזע וואס ער האט געקראגען אין דער צייט, ווען ער האט ארעסטירט בואקאראנ'ען. דיא גאנצע בעשולדיגונג האט זיך בעגרינדעט אויף דיא עדות-זאגען פון קאקאלע, און גאלפען האט געפיהלט, אז דאס איז זייער א שוואכער פונקט און אז ער קען סוף כל סוף דורכפאלען — און דאן מעג ער זיך געזעגענען מיט אלע זיינע האפנונגען אויף א העכערע שטעלע. דאס האט איהם זעהר בעאונרוהיגט, און נאך מעהר דאס שווייגען פון בואקאראן'ס פאמיליע און פון דעם פאריזער אדוואקאט, דען ער האט גאר ניט גיוואוסט וואס זיין געגנער טוט און דיינקט צו טאן. דער פרייליבער פראקוראר דאביזשאן, וועלבער האט גיהאט מיטלייד מיט בואקאראנ'ען און איז גיווים אין כעס אויף דעם סלעדאוואטעל, ווארום ער האט אנגעפיהרט דעם פראצעס, האט ניט אויפגיהערט צוצייגען גאלפענ'ען דיא שוואכע זייטען פון דיא בעשולדיגונג און איהם פאראויס צוזאגין א שלעכטין סוף. מיט איין ווארט, ווען בואקאראן'ס לאגע איז גיוועזן א שרעקליכע, איז דעם סלעדאוואטעל'ס לאגע אויך ניט גיוועזן אפריי-

לִיבֶּע. נִיט אֵיין מָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשָׁאלְטְן דֶעם לֶעבְּן, פַאר וָואס עֶר הָאט גָאר דֶעם פְּרָאצֶעס אָנְגֶעפַאנְגֶען.

דֶער דָאקְטָאר הָאט דֶערְוַוייל גִיפּוּיעֶלְט, אַז מֶען זָאל שִׁיקֶען פוּן פַּארִיז אַ פְּרָאפֶעסָאר, אוּם עֶר זָאל זֶעהְן צוּבֶּעשְׁטִימֶען אוֹיבּ קָאקָאלֶע אִיז ווירְקְלִיךְ אַזַא אִידְיָאט, אַז עֶר הָאט אֶפִּילוּ נִיט אַ פּוּנְק פוּן פֶערְשְׁטַאנְד, וִויא דֶער סְלֶעדְזָאוַואטֶעל הָאט דָאס בֶּעהוֹיפְּטֶעט. אָבֶּער בַּאלְד אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּם בַּארָאן, בְּלַייךְ פוּן כַּעס אוּנ עֶרְגֶערְנִיס.

— אִין פַּארִיז אִיז אוֹיךְ דָא גֶענוּג עֶזֶלֶען! — הָאט עֶר גֶעשְׁרִיעֶן נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַרַיינְגֶקוּמֶען אִין זָאל — אִיךְ הָאבּ עֶרְוַוארְטֶעט אַ גְרוֹיסֶען גֶעלֶעהְרְטֶען, וֶועלְכֶער וֶועט נִיט קוּקֶען אוֹיף דֶעם סְלֶעדְזָא־וַואטֶעל, אוּנ מֶען הָאט מִיר צוּגִישִׁיקְט אַ לָאקַיי פוּן דִי גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. אָה, דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ!... אָבֶּער גַאלְפֶּען הָאט אַ טָעוּת, וֶוען עֶר מֵיינְט, אַז עֶר הָאט מִיךְ שׁוֹין בֶּעזִיעגְט! פוּן דָאקְטָאר סָאבָּא וֶוערְט מֶען נָאךְ נִיט אַזוֹי גִיךְ פָּטוּר!... אִיךְ זָאג אַז קָאקָאלֶע אִיז אַ בֶּעסְטְיֶע, אַ פַאלְשֶׁער עֵדוּת, אוּנ אִיךְ וֶועל עֶס בֶּעוַוייזֶען! בּוּאַקָארַאן קֶען רֶעכִינֶען אוֹיף מִיר...

דָא הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגִישְׁטֶעלְט, אוּם אָפְּצוּוִוישֶׁען דֶעם שְׁווייס, וָואס הָאט גִירוּנֶען פוּן אִיהם טַייכֶענְוַוייז, אוּנ אוֹיסְוִוישֶׁענְדִיג זַיינֶע בְּרִילֶען הָאט עֶר צוּגֶעזֶעצְט:

— אוּנ וֶוען אִיךְ זָאג, אַז בּוּאַקָארַאן קֶען רֶעכִינֶען אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ אַ גְרוּנְד. אִיךְ הָאבּ אַ חָשַׁד, אַ גְרוֹיסֶען חָשַׁד, הֶערְר אַדְווָאקַאט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אַז מֶען וֶועט מִיר נִיט גְלוֹיבֶּען...

דִיא גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אוּנ פַאלְגַא הָאבֶּען פוּן אִיהם פֶערְלַאנְגְט, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילֶען, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְ'ן הַארְצֶען; אָבֶּער עֶר הָאט גִיזָאגְט, אַז דִיא צַייט אִיז נָאךְ נִיט זִיכֶער; אוּנ עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען, זָאגֶענְדִיג דֶעם אַדְווָאקַאט אוֹיפְ'ן אוֹיעֶר, אַז עֶר הָאט אַ חָשַׁד אוֹיף אַ פְרוֹי.

אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְ'ן טָאג אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ צֶעטֶעלֶע פוּן בּוּאַקָארַאנֶ'ען, אַז דִיא סְלֶעדְסְטְוִויֶע אִיז שׁוֹין צוּעֶנְדֶע אוּנ אַז מֶען זָאל צוּ אִיהם גְלַייךְ שִׁיקֶען דֶעם אַדְווָאקַאט מֶערְזִ'שִׁי.

אין א שטונדע ארום איז שוין דער אדוואקאט געוועזן ביי דעם באראן, און ער האט געזאגט מיט א זויערע מינע:

— איך האב פערשפראכען מיין הילפע צו העררן בואקאראן און איך וועל מיין ווארט האלטען.

מעהר האט מען פון איהם ניט געקענט ארויסקריגען, דען ער האט ניט געוואלט אפען זאגען, אז ער צווייפעלט אין בואקאראן'ס אונשולד.

דער באראן האט דאס פארשטאנען און האט אויסגערופען נאך דעם ווי מערושי איז אוועקגעגאנגען:

— בואקאראן איז משוגע! ווי אזוי קען ער אנפערטרויען זיין פערטהיידיגונג צו א מאן, וועלכער צווייפעלט אין זיין אונשולד?

ווען בואקאראן האט דערזעהן זיין אלטען פריינד מערושי, איז ער איהם געפאלען אויפ'ן האלז און האט אויסגעשריען:

— ענדליך זעה איך איינך דאך!... אה, איך האב שרעקליך געליטען. אזוי שרעקליך דאס איך וואונדער זיך ווי אזוי איך בין ניט פון זינען אראפ! אבער זייט איהר לעבין מיר, און איך בין גערעטעט!...

דער אדוואקאט האט אנפאנגס געשוויגען, קוקענדיג אויף דעם בלייכען פנים און די אנגעשוואלענע אויגען פון בואקאראנ'ען. ער האט געטראכט, ווי אזוי ער זאל אויסדריקען זיין צווייפעל, אז בואקאראן זאל ניט אזוי פיל שמערצין ליידען.

— אונגליקליכער! — האט ער ענדליך אויסגערופען, טרויעריג, שאקלענדיג מיט'ן קאפ.

בואקאראן איז א צוציטערטער געווארען און אפשפרינגענדיג א זייט האט ער אויסגערופען:

— וואס?! איהר... איהר גלויבט מיר ניט?

— איך גלויב, מיין ארימער פריינד, אז אלעס בעשולדיגט איייך.

אה, ווירקליך! — האט איהם דער אונגליקליכער אונטערבראכען מיט א שרעקליכען געלעכטער, אזוי ווי א משוגענער — די בעשולדיגונגען מוזען ווירקליך זיין שטארקע, אז מיינע בעסטע פריינד צווייפלען אין מיין אונשולד. אה! ווארום האב איך געשוויגען די גאנצע

ציים? איך האָב געוואָלט בעשיצען מיין עהרע!... וואָס פאַר איין אונזין!... און דאָך, אַבגלייך איך בין איין אָפּפער פון אַ שרעקליכע אינטריגע, פון דיא נקמה פון אַ פערדארבענע פרוי, וואָלט איך נאָך יעצט געשוויגען, ווען עס וואָלט זיך נאָר געהאַנדעלט וועגען מיין לעבען אַליין; אָבער עס האַנדעלט זיך אויך וועגען דאָס לעבען און דיא עהרע פון מיין געליבטע דעניסע, און איך וועל ריידען!... אייך מערזשי וועל איך זאָגען דעם אמת... איך קען פון מיר אַראָפּ-נעהמען אַלע בעשולדיגונגען מיט איין וואָרט...

און אָנהאַפּענדיג דעם אַדוואָקאַט'ס האַנד און דריקענדיג איהר מיט זיין גאַנצע קראַפט, האָט ער געענדיגט מיט אַ הייזעריגע שטימע:

— מיט איין וואָרט קען איך אַלעס ערקלערען: איך בין געוועזען דער געליבטער פון דיא גרעפין קלאַד, וואָס דיא גאַנצע שטאָט האַלט איהר פאַר אַ הייליגע פרוי...

19 טער קאַפּיטעל

בואַקאַראַן'ס ליעבע'ס-געשיכטע.

דער אַדוואָקאַט מערזשי איז אויפגעשפּרונגען האַלב אין כעס, האַלב איבערראַשט, וויא נאָר בואַקאַראַן האָט אויסגערעדט, אַז דיא גרעפין קלאַד, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר דיא טרייהעסטע און עהרליכסטע פרוי אין דער גאַנצער געגענד, איז געוועזען זיין געליבטע.

— דאָס איז אונמעגליך, זשאַק! — האָט ער אויסגערופען וואָרפענדיג אַ בייזען בליק אויף דעם אונגליקליכען.

— אָה, איך האָב דאַרויף גירעכענט! — האָט בואַקאַראַן געענט-פערט אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ — איך ווייס אַז דיא זאַך וועט יעדען שיינען אונוואַהרליך, אָבער דאָך...

— בעווייזט דאָס!... האָט מערזשי מיט היץ אונטערבראָכען.

— צום אונגליק האָב איך קיינע בעווייזע.

דער אַדוואָקאַט האָט אויף איהם גיקוקט עטליכע מינוט, וויא אויף אַ משוגענעם און נאָכהער האָט ער מיט אַ שטרענגע שטימע גיזאָגט:

— דאָס איז לייכט צוזאָגען... בעדיינקט וואָס איהר רעט.

— מיין לאַנגע צווינגט מיך צוזאָגען דעם אמת.

— וואָרום־זשע האָט איהר ביז יעצט געשוויגען?

— איך האָב גיהאָפט, אַז מען וועט מיר פאַרשפּאָרען צודער־ציילען.

— ווער?

— דיא גרעפין קלאַד אַליין...

— נו, איך הייב ניט אָן צופערשטיין... האָט מערזשי גיזאָגט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ און קנייטשענדיג דעם שטערין — איהר ווייסט זשאַק, אַז איך בין אייער פריינד און דער גראף קלאַד איז פיליכט דער איינציגער שונא מיינער וואָס איך האָב אין אונזער אומגעגענד... ער האָט אָנגיווענד געגען מיר אַזוינע מיטעל, אַז איך זאָל ניט ווערין אויסגעוויילט אין פאַרלאַמענט, וואָס פּאַסען גאַנץ ווייניג פאַר אַ איידעלמאַן. איך האָב איהם פיינד; אָבער דער געפיהל פון גירעכ־טיגקייט צווינגט מיך צוערקלערען, אַז איך בעטראַכט דיא גרעפין פאַר דיא בעסטע, טרייעסטע, עהרליכסטע און עדעלסטע פרוי און מוטער.

אַ ביטערער שמייכיל האָט גישוועבט אויף בואקאראַן'ס בלאַסע ליפּען.

— און דאָך בין איך גיוועען איהר ליובאָווניק — האָט ער גיזאָגט.

— ווען? וויא אַזוי? דיא גרעפין האָט דאָך גיוואוינט אין וואלפּענ־סאָן — און איהר — אין פּאַריז.

— יאָ, אָבער אַלע יאָהר פלעגט זיא פערברענגען דעם מאָנאַט סעפּטעמבער אין פּאַריז און איך בין פיעלע מאָל גיוועען אין וואַל־פּענסאָן.

— עס איז אָבער זעהר שווער, אַז פון אַזאַ מין ליבע־געשיכטע זאָל אַ ברעקיל בעווייז ניט בלייבען.

— מיר האָבען גיוואוסט וויא צוזיין פאָרזיכטיג.

— און קיינער, זאָגט איהר, האָט דערפון ניט גיוואוסט?

— קֵיינֶער.

דֶעם אַדְוָואקַאטס קַאלְטֶע הַאלְטוּנְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ עֶרְגֶערְן בּוּאַקָארַאנֶ'ען אוּנ עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען מִיט שְׁטָאלְץ:

— אָבֶּער וָוארוּם שְׁטֶעלְט אִיהר מִיר דִיזֶע פְרַאגֶען? אִיהר גְלוֹיבְּט מִיר נִיט? זָאל זַיין אַזוֹי... לָאזְט מִיר ווֶוייניגְסְטֶענְס אַייך דֶערְצֶעהלֶען... ווִילְט אִיהר מִיךְ אוֹיסְהֶערֶען?

דֶער אַדְוָואקַאט הָאט אַ מַאךְ גִיטָאן מִיטְ'ן הַאנְד, אַזוֹי וְויא אֵיינֶער זָאגְט: אִיךְ מוּז שׁוֹין אוֹיסְשְׁטֵיין דֶעם בִּלְבּוּל.

בּוּאַקָארַאן הָאט אִיהם דַאן דֶערְצֵיילְט מִיט אַלֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען דִיא גֶעשִׁיכְטֶע פוּן זַיין גֶעהַיימֶע לִיבֶּע, ווִיא עֶר הָאט זִיךְ בֶּעקֶענְט מִיט דִיא גְרֶעפִין אוֹיף אַ בַּאל אִין פַּארִיז בַּיי אַיין אַלְגֶעמֵיינֶעם פְרַיינְד, וְויא עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ פֶערְלִיבְּט אִין אִיהר, וְויא אַזוֹי זִיא הָאט אַלֵיין גֶעזוּכְט צוּטְרֶעפִין זִיךְ מִיט אִיהם אוּנ וְויא עֶר אִיז בַּאלְד גִיוָוארֶען אִיהר גֶעלִיבְּטֶער. עֶר אִיז דַאן גִיוֶועזֶען אַלְט צְוַואנְצִיג יָאהר, אִין פֶאלֶען בְּלִיהֶען פוּן יוּגֶענְד; זִיא אִיז אַלְט גִיוֶועזֶען זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר, אָבֶּער זִיא הָאט אוֹיסְגִיזֶעהן פִיל אִינְגֶער אוּנ אִיז גִיוֶועזֶען וואוּנְדֶערְשֵׁיין. דֶער גְרַאף קְלָאד הָאט מִיט אִיהר חֲתוּנָה גִיהַאט, וְויא אִיהר וַוייסְט, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אַלְט גִיוֶועזֶען אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאהר. זִיא הָאט אִיהם נַאטִירְלִיךְ נִיט לִיבּ גִיהַאט; אָבֶּער זִיא הָאט אִיהם גִימוּזְט אָפְּגֶעבֶּען אִיהר יוּגֶענְד אוּנְד גְלִיק אוּם צוּרֶעטֶען אִיהר פָאטֶער, דֶעם אַלְטֶען מַארְקִיז דֶע־בְּרַאק, פוּן בַּאנְקְרָאטְסְטְוֶוע. גְרַאף קְלָאד הָאט אִיהר אִין אֶמֶתְ'ן גִיקוֹיפְט פַאר גֶעלְד, אָבְּגְלַייךְ קֵיינֶער הָאט עֶס נִיט גִיוואוּסְט. זִיא הָאט אִיהם אִינֶערְלִיךְ גִיהַאסְט; אָבֶּער זִיא אִיז פִילַייכְט דִי גְרֶעסְטֶע אַקְטְרִיסֶע אוּנ צְבוּעַ'צֶקֶע וָואס מֶען קֶען טְרֶעפִין אִין לֶעבִּין; אוּנ זִיא הָאט אַזוֹי גוּט גִיקֶענְט בֶּעהַאלְטֶען אִיהרֶע גֶעפִיהלֶען. אַז אַלֶע הָאבֶּען גִימֵיינְט, אַז זִיא הָאט אִיהר גֶעזֶעצְלִיכֶען מַאן ווִירְקְלִיךְ לִיבּ. מֶעהר וְויא פַאר אַלֶעס הָאט זִיא גֶעזָארְגְט, אַז דִיא וֶועלְט זָאל אִיהר אַכְטֶען אוּנ זָאל אִיהר הַאלְטֶען כִּמְעַט פַאר אַ הֵיילִיגֶע.

— „אָה! — הָאט בּוּאַקָארַאן אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן — פַאר אִיהר אוֹיסֶערֶע עֶהרֶע הָאט זִיא אַזוֹי שְׁטַארְק אוּנ קִינְסְטְלִיךְ גִיזָארְגְט, דָאס אִיךְ קֶען יֶעצְט אֲפִילוּ קֵיין בְּרֶעקִיל בֶּעוַוייז נִיט הָאבֶּען גֶעגֶען אִיהר, אָבְּגְלַייךְ אִיךְ בִּין יָאהרְ'ן לַאנְג גִיוֶועזֶען אִיהר גֶעלִיבְּטֶער אוּנ אִיךְ בִּין

דער פאטער פון איהר צווייטעס קינד!... אה, מערזשי, איך זעה יעצט, אז דאס איז ניט א פרוי נאר א טייוועל״

—דאס איז אונבעגרייפליך! דאס איז אונגיהערט!—האט מערזשי אויסגערופען עטליכע מאל אזוי וויא ער וואלט עפעס גיהערט א ווילדע באבע־מעשה.

אבער בואקאראן איז אזוי גיוועזען פארטיפט אין זיינע ערינערונגען, אז ער האט דיזע אויסרופען ניט גיהערט, און האט מיט פער־צווייפלונג דערציילט ווייטער, וויא ער פלעגט זיך אנפאנגס צוזאמענ־טרעפען מיט איהר אין א שלאף־וואגאן צו א בעשטימטע צייט, וויא אזוי זיא פלעגט קינסטליך אויסטראכטען אויסריידען, אום דער גראף זאל קיין חשד ניט קענען האבען מכח איהרע רייזען נאך פאריז און צוריק. זיא האט איהם גיזאגט, אז בשעת זיא האט מיט א צוי־בראכענע הארץ חתונה גיהאט מיט'ן גראף קלאד, האט זיא זיך געשווארען, אז זיא וועט נעהמען א געליבטען און וועט געניסען א ביסעל גליק. „דיזען גליק, האט זיא גיזאגט, האב איך געפונען אין אייך, זשאק. מיינט ניט, אז איך האב חרטה וואס איך טוה, אז דאס געוויסען בעאונרוהיגט מיר. ניין, זא לאנג מיין מאן גלויבט, אז ער איז גליקליך, בין איך צופרידען, דען איך האלט מיין ווארט...״ בואקאראן האט איהר אזוי געליבט, אז ער האט גאר ניט געפיהלט, וויא שרעקליך האט געמוסט זיין א פרוי צוריידען און צוהאנדלען אזוי. ער איז נאך גיוועזען צו יונג; זיא האט איהם בעצויבערט און האט אלין ענגער ארומגיצויגען ארום זיין האלז דיא שטריק, וועלכע וועט איהם פיליכט באלד דערשטיקען.

—ווילט איהר וויסען, מערזשי, וואס פאר א סארט פרוי איז דיא הייליגע גרעפין קלאד—האט בואקאראן אויסגעשריען—הערט־אויס דיא סצענע וואס איך האב גיהאט מיט איהר, ווען איך בין דאס ערשטע מאל גיקומען אויף איהר וואונש נאך וואלפענסאן אין רעכטען מיטען ווינטער. איך האב איהר געפונען ווארטענדיג אויף מיר אין וואלד אויף דעם בעשטימטען פלאץ און צו דיא בעשטימטע צייט. וויא איך האב איהר דערזעהן, בין איך צוגיגאנגען און האב איהר גיוואלט ארומנעהמען; אבער זיא איז געבליבען שטיין טאקי וויא שטיין און האט גלייך מיט א בייסענדען קול גיפרעגט:

— ווען זייט איהר געקומען אין בואקאראן?
— געכטען ביי נאכט.
— אהה, וואס פאר א קינד איהר זייט!... האט זיא אויסגעשריען מיט כעס, קלאפענדיג מיטן פוס — האט איהר תאצבע אויסגעפונען א גוטע אויסריידע ווארום איהר זייט געקומען?...
— איך דארף קיינע אויסריידען אום צוקומען זעהן מיין אנקעל, האב איך געענטפערט זעהר פערוואונדערט, וואצו זיא שטעלט מיר דיזע פראגע.
— אזוי? נו, אונ אייער אנקעל האט זיך דען טאקי גאר ניט געוואונדערט, דאס איהר זייט פלוצלונג געקומען וויא א שניי איבער'ן קאפ אונ נאך אין אזא צייט?
— הא... יא, ער האט זיך טאקי געוואונדערט — האב איך געענטפערט מיט אראפגעלאזענע אויגען. דען איך בין ניט געווען פעהיג צובעהאלטען דיא ווארהייט.
— אונ וויא אזוי זייט איהר געקומען אהערצו — האט זיא געפרעגט מיט גרויס כעס — קענט איהר דען דעם גראף?
— ניין, איך האב נאכגעפרעגט א דינער פון מיין אנקעל אונ ער האט מיר טאקי אזוי שלעכט אנגעצייכענט דעם ארט, אז איך האב א ביסעל געבלאנזשעט אונ האב פארשפעטיגט.
זיא האט אויף מיר אזוי שארף אונ בייסענד געקוקט דאס איך האב מיך אבגעשטעלט אין מיטען דיא רייד.
— אונ דאס אלעס שיינט אייך א פנים זעהר איינפאך — האט זיא אויסגערופען מיט א בייזן געלעכטער — איהר גלויבט טאקי וויא איך זעה, אז מען וועט געפינען פאר זעהר נאטירליך, דאס איהר זייט פלוצלונג געקומען אין ווינטער-צייט אין דארף, אונ אויף דעם אנדער'ן טאג זוכט איהר שוין א געוויסען איינזאמען פלאץ אין וואלד!... ווער ווייסט, אויב הינטער א בוים קוקען אונז ניט נאך א פאר אויגען...
אונ ריידענדיג האט זיא זיך אנגעפאנגען ארומצוקוקען מיט אזא אויסדרוק פון אונרוהע, דאס איך האב ניט ווילענדיג אויסגערופען:
— אבער וואס האט איהר אזוי מורא? בין איך דען ניט לעבין אייך?
מיר שיינט, אז איך זעה נאך איצטער דעם פייעריגען בליק.

וואס זיא האט געווארפען אויף מיר. איצטער פארשטעה איך, אז דער טייוועל אליין האט דאן ארויסגעקוקט דורך איהרע אויגען.

— ווילט איהר הערין! — האט זיא מיט אקאלטע שטימע געזאגט — איך האב פאר קיין זאך אין דער וועלט קיין מורא ניט, פאר קיין זאך, אויסער אז מען זאל קענען האבען אפילו דעם קלענסטען חשד אויף מיין טריי־הייט צו מיין געזעצליכען מאן. מיר געפעלט אזוי צו־האנדלען. איך וויל האבען אגעליבטען; אבער איך וויל ניט אז מען זאל דערפון עטוואס קענען דערשפירען. צווישען מיין לעבין און מיין רעפוטאציע שיינט מיר וועל איך ניט אויסקלייבען דעם לעבין. ווען מען זאל מיך פאקען מיט אייך, וואלט איך ליבערסט געוואלט, אז דאס זאל זיין מיין מאן אליין אידער אפרעמדער. איהר ווייסט צו גוט, אז איך האב קיין נייגונג צו הערין קלאד; איך וועל איהם נימאלס פארגעבען דאס ער האט גערויבט מיין יוגענד; אבער ער האט גירעטעט דיא עהרע פון מיין פאטער און איך וויל ניט בעשמוצען זיין עהרע... ער איז דער פאטער פון מיין טאכטער, איך טראג זיין נאמען, און איך וויל, אז דיזער נאמען זאל גיאכטעט ווערין. איך וועל שטארבען פון הערצענסשמערצען, פון שאנדע און פון פער־צווייפלונג, אויב איך וועל זעהן, אז מיין מאן בעגעגענט מען מיט אבעהאלטענעם שמייכיל, אז ער ווערט גענארט פון זיין ווייב... ניין, איך ליב ניט הערין קלאד, איך פערגעטער אייך, זשאק... אבער ווייסט איהר, אז צווישען איהם און אייך וועל איך אויס־קלייבען איהם, ווען דיא פראגע וועט זיין וועגען זיין עהרע. וועל איך ניט טראכטען איין מינוט, און מעג דערביי מיין הארץ צובראכען ווערין, וועל איך מיט אשמייכיל אויף דיא ליפען אויפאפפערין אייך און אייער עהרע...

איך האב געוואלט עטוואס זאגען דאגעגען; אבער זיא האט מיך אבגיהאלטען און האט געזאגט:

— גענוג, יעדע מינוט וואס מיר פארברייגגען איז איין אונפאר־זיכטיגקייט. זאגט מיר מיט וואס פאר איין אויסריידע וועט איהר ערקלערען אייער רייזע נאך בואקאראן?

— איך ווייס ניט — האב איך געענטפערט.

— נו טוט וויא איך וועל אייך זאגען: איהר מוזט בעטען געלד

ביי אייער אנקעל מיט דער אויסריידע, אז איהר מוזט אונבעדינגט בעצאהלען אייערע שולדען. ער וועט זיך פיליכט ערגערין; אבער ער וועט זיך ערקלערען אייער רייזע אין מאנאט דעצעמבער. דער־ווייל אדיע! אויב עס וועט זיין מעגליך וועלין מיר זיך נאך דא זעהן... ווארט ביז זאנטאג, זייט פארזיכטיג! א שוואכהייט אדער אונפארזיכטיגקייט פון אייער זייט וועט אייך ערנידעריגען אין מיינע אויגען, אונ מיר וועלין זיך מוזען שיידען. געדיינק דאס! אדיע!

בואקאראן איז געבליבען א ווייל שטיין אנטקעגען דעם אדוואקאט, אום צוזעהן וואס פאר איין איינדרוק דאס וועט מאכען אויף איהם; אבער מערזשי איז זיך גיזעסין קאלט אונ רוהיג, אזוי וויא ניט איהם מיינט מען, אונ בואקאראן האט פארטגעזעצט מיט א זיפץ:

—איך האב אייך דערציילט דיזע איינצעלהייטען, אום איהר זאלט זיך איבערצייגען, אז דיא גרעפין קלאד איז דיא געפעהרליכסטע אונ פערדארבענסטע פרוי אין דער וועלט. אה! וויא דום, וויא קינדיש, וויא בלינד איך בין דאן גיוועזן—זיא האט דאך מיר זעלבסט אנגיצייגט דעם אבגרונד, אונ איך, אנשטאט איהר צוהאסען אונ צוטרייבען פון איהר, בין איך נאך שטארקער גיוועזן פון איהר קאלטען פארזיכטיגען גייסט, פון איהר קונסט צובעהאלטען איהרע אינערליכע געפיהלען. איך האב מיר גיזאגט מיט שטאלץ: „דיזע פרוי איז א זעלטענע פון פארזיכט אונ פערשטאנד, אונ זיא ליבט מיך, נור מיך!" דער־פאר איז מיין שטראף אויך גיוואלטיג, שרעקליך... נאר זאגט מיר, מערזשי, וואס טוט מען יעצט? אום גאטעס ווילען! גיט מיר איין עצה.

20 טער קאפיטעל

בואקאראן אונ דיא גרעפין.

מערזשי האט אלץ אונגלויביג גישאקעלט מיט'ן קאפ אונ האט שארף אנגיקוקט בואקאראנ'ען, פיליכט איז ער פון זינען אראפ. דיא גאנצע געשיכטע מיט דער גרעפין קלאד האט איהם געשיינט

אונמעגליך. עפּעס אַ פאַנטאַזיע פון אַ משוגענעם און ווען בוקאַראַן האט איהם פּלוצלונג גיפרעגט אַ ראטה, האט ער קאלט געענט-פערט:

— זשאק, ווען איהר וואלט ניט גיוועזן אזוי אויפגירעגט, וואלט איהר אַליין פערשטאַנען. אַז איך קען איך נאך קיין ראטה געבען, דען איך זעה נאך קיין ברעקיל בעוויז. דערציילט ווייטער, פיללייכט וועלין מיר עטוואס אויסגעפינען.

— איהר האט רעכט, מערזשי — האט בוקאַראַן געענטפערט מיט אַ צובראכענע שטימע — יא. איך האב אייך נאך פיל, זעהר פיל צו דערציילען.

דאַן האט בוקאַראַן געשילדערט, וויא אזוי ער האט גיקויפט אין עק שטאט פּאַריז אַ הויז אויף דעם נאמען פון זיינעם אַ פריינד, אַ געוויסען ענגלישען באַראָן בורגעט, אום ער זאל זיך אונגישטערט קענען צוזאמענטרעפען מיט דיא גרעפין. וועלכע האט אנגיפאנגען מורא צו האבען, אַז איהרע אייגענע באַהן רייזען ווערין פערדעכטיג. זיא פלעגט קומען אין דיזען הויז אין אַבענד-צייט, בעדעקט מיט אַ שווארצען שלייער, און קיינער האט איהר ניט גיזעהן אין געזיכט, אפילו דיא דינסט-מיידיל.

— נאר דא, זעהט איהר, מיין פריינד, פערפאלגט מיך אויף דער בייזער שיקזאל! — האט בוקאַראַן אויסגעשריען מיט פערצווייפ-לונג — דעם ענגלענדער קען איך ניט אויסגעפינען; איך האב נאכ-געפרעגט צוויי זיינע פריינד, איינער האט מיר גיענטפערט, אַז ער איז אין אויסטראַליע; דער אַנדערער — אַז ער איז גישטארבען. דיא ענגלישע דינסט-מיידיל איז אַוועקגיפאהרען צו איהרע עלטערן, און איך ווייס ניט וואו איהר אויפצוזוכען... אפילו מיינע פּאַפּירן זיינען פערשוואונדען גיווארען! דאס הויז איז גיוועזן האלב צערשטערט אין דער צייט פון אונזער אונגליקליכען קריג. מיין הויז איז גיווארען אַ קאַ-זאַרמע פאר דיא סאלדאטען אין דער צייט פון קריג מיט דיא פּרייסען. ווען איך בין נאכהער גיקומען אנקוקען מיין הויז, האב איך גיפונען דורכגילעכערטע ווענט, און דיא מעביל מיט מיינע פּאַפּירן זיינען פערלארען גיגאַנגען. איך קען איצטער קיין שום צייכען ניט גיפינען, אַז דיא גרעפין איז דארט אַ מאל גיוועזן.

— האט איהר דען ביז יעצט גאר ניט גיטאן צובעקומען דאס גיזעצליכע רעכט אויף דאס הויז? — האט דער אדוואקאט גיפרעגט.

— נו, אונ איהר ווילט מיר איינרעדען, אז אין פאריז קען זיין א הויז אהן א בעל-הבית, פערגעסען פון אלעמען, אפילו פון דיא וואס נעהמען נאלאג? — דאס מערזשי מיט א שמייכיל ווייטער גיפרעגט.

— אה, איך האב זעהר אקוראט גיצאהלט אלע נאלאגען; אונ אין דעם קווארטאל בין איך אנגיקומען פאר דעם בעל-הבית נאר דער מעות איז וועגין נאמען. פרעגט דארטין דיא קרעמער׳ס וועגין בואקאראן, וועט קיינער ניט וויסען פון איהם; פרעגט אבער וועגין סער-בורגעט, וועט איך יעדערער בעשרייבען מיין פארטרעט.

— דאס איז זעהר זאנדערבאר, אונגלויבליכער זשאק... האט מערזשי גיזאגט, שאקלענדיג מיטן קאפ — נור דערציילט ווייטער.

— הערט מיך אויס מערזשי! איך דערצייל איך דיא ריינע ווארהייט. בעדיינקט נאר: האב איך דען גיקענט רעכינען, אז עס וועט קומען א פערפלוכטע צייט, ווען איך וועל געצוואונגען זיין צו-זוכען בעשולדיגונגס-בעווייזע געגען מיין געליבטע... איהר וואונדערט זיך, וואס איך האב קיינע בעווייזע! פארקערט, איהר דארפט מיר לויבען, דאס איך האב אזוי שטארק גיזארגט פאר דעם גוטען נאמען פון מיין געליבטע... גידיינקט איהר דען ניט, וויא איהר פלעגט מיך פרעגין, ווארום איך פיהר מיך עפעס אויף וויא א וואנדערער אונ בין שטענדיג פערזארגט?

— אה, איך, איך גידיינק דאס...

— נו, גוט... איצט קענט איהר וויסען, אז אין דעם איז גיוועזען שולדיג דיא גרעפין... זייט דער צייט, ווען מיין אנקעל האט מיר גילאזען דעם דארף בואקאראן בירושה, האב איך שוין גיקענט קומען אין וואלפענסאן צו יעדער צייט. איך פלעג וואנדערין איבער דיא פעלדער אונ וועלדער אונ פלעג זיך צוזאמענטרעפען מיט דיא גרעפין צו דיא בעשטימטע צייט. איך פלעג איהר פאלגען וויא א שקלאפע. זיא פלעגט זיך גאר ניט קימערין וועגין מיין צייט, מיינע געוואהנ-הייטען, געשמאק, מיינע פריינד — זיא האט נאר גיוואלט אז איך זאל לעבען פאר איהר. אין אנפאנג פלעג איך מיט פערגעניגען אננעהמען

דיזע דעספאטיזמוס פון ליבע; אבער ביסלאכווייז איז דאס מיר געווארין א שווערע לאסט. איך האב אלץ מעהר אנגיפאנגען צופיהלען די שטריק, וואס די גרעפין האט ארומגידרייט ארום מיין האלז. ענדליך איז מיר גיקומען דער געדאנק צו אנטלויפען פון איהר. איינער פון מיינע פריינד האט גראדע בעשלאסען צומאכען א רייזע ארום די וועלט, וועלכע האט גיזאלט דויערין צוויי יאהר, אונ איך האב גיוואלט מיט איהם צוזאמען פאהרען. איך האב אבער צום אונגליק, ניט גיקענט אויספיהרען, ווייל איך האב זיך נאך דאן ניט בעפרייט פון איהרע קעטען. צעהנדליגע מאל בין איך צו איהר גיקומען מיט דער כוונה צוזאגען איהר: „לאמיר זיך אויפהערין צו-זעהן!" אבער איך האב עס ניט גיקענט אויסריידען. זיא פלעגט מיר ווערין איבערדריסיג. איך האב איהר אנגיפאנגען פשוט צוהאסען; אבער איך האב זיך דאך ניט גיקענט אפרייסען פון איהר. אין דער צייט האט מיר מיין מוטער פארגעשלאגען א גוטען שידוך אונ איך האב בענוצט דיזע געלעגענהייט, אום צוזאגען די גרעפין: „וויא גיפעלט דאס אייך, אז מיין מוטער וויל מיך חתונה מאכען!" זיא איז געווארען בלייך וויא די וואנד. זיא האט מיר טיף אריינגיקוקט אין די אויגען, אזוי וויא זיא וואלט געזוכט אריינדרינגען אין מיין הארץ אונ האט מיך גיפרעגט: „נו, אונ איהר?" — „איך" — האב איך גיענטפערט מיט א געצוואונגענעם גילעכטער: „איך וויל דאס יעצט ניט; אבער איך וועל דאך מוזען חתונה האבען, פריהער אדער שפעטער". — „אונ איך — האט זיא מיט א שארפע שטימע גיפרעגט — וואס בין איך פאר אייך?" — „איהר? איך האב אייך ליב מיט'ן גאנצען הארצען; אבער איין אבגרונד טהיילט אונז פאנאנדער... איהר זייט דאך פערהייראטעט"... — אזוי האט זיא אויסגעשריען: אונ וואס מיינט איהר וועל איך טאן? איהר וועט זיך פרייען מיט אייער כלה אונ איך וועל דא מוזען פערבלייבען — אין דיזען דארף וואו יעדער בוימעלע דערמאנט מיר אן אונזערע בעגעגניסען, אן מיין אונטרייהייט צו מיין מאן... ניין, זשאק, דאס איז אונמעגליך!... — „אונ דאך — האב איך גיזאגט, קוקענדיג אן א זייט — עס איז מעגליך, אז איך וועל הייראַ-טען... וואס וועט איהר טאן?" — „אה, זעהר ווייניג — האט זיא גיענט-פערט מיט א ביטערין שמייכל — איך וועל בלויז צייגען מיין מאן אלע

אַייֶערֶע בְּרִיף..."

דֶער אַדְוָואקַאט אִיז הַאסְטִיג אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען. זַייט עֶר לֶעבְּט הָאט עֶר נָאךְ נִיט גֶיהֶערְט פוּן אַזַא גֶעשִׁיכְטֶע.

— עֶס אִיז מְשׁוּגֶע צוּוֶוערִין! — הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיֶען.

— אִיהר וָואלְט אָבֶער בֶּעדַארְפְט הֶערִין, מֶערְזְשִׁי, וָואס זִיא הָאט נָאכְדֶעם גִירֶעט! — הָאט בּוּאַקָארַאן פָארְטְגֶעזֶעצְט — אִיךְ הָאבּ נִיט גֶע־צְוַוייפֶעלְט, אַז זִיא וֶועט טָאן וָואס זִיא זָאגְט. זִיא קוּמְט מִיר נָאךְ יֶעצְט פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען בְּלַייךְ וִויא דֶער טוֹיט אוּנ רֶעט מִיט אַ צִי־טֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע: „יָא, זְשַׁאק, מַיין בֶּעשְׁלוּס וואוּנְדֶערְט אַייךְ גֶעוִויס. אִיהר מֵיינְט זִיךְ נַואהְרְשַׁיינְלִיךְ, אַז אִיךְ בִּין גְלַייךְ צוּ דִיא אַלֶע פַיינֶע, נִידֶערְגֶעשְׁלָאגֶענֶע פְרוֹיֶען, וָואס הָאבֶּען מוֹרָא צוּעֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל. דִיא לִיבְּהָאבֶּער פוּן פְרֶעמְדֶע פְרוֹיֶען זַיינֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹהְנְט צוּרֶעכִינֶען אוֹיף דִיא שַׁאנְדֶע אוּנ פוּרְכְט פוּן דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע. וֶוען מֶען נַארְט דִיא פְרוֹיֶען שְׁוַוייגֶען זֵיי; וֶוען מֶען פֶערְלָאזְט זֵיי, בֶּעהַאלְטִין זַייא זִיךְ אוּנ וַויינֶען זִיךְ אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט, דֶען וַויינֶען אָפְּפֶען, הֵייסְט בֶּעקֶענֶען דֶעם פֶערְבְּרֶעכֶען. דַארוּם זָאגֶען דִיא מֶענֶער, אַז אַ פֶערְהֵייַראטֶע פְרוֹי אִיז דִיא בֶּעקְוֶועמְסְטֶע לִיבּ הָאבֶּערִין; פַאר אִיהר אֵייפֶערזוּכְט הָאט מֶען נִיט מוֹרָא צוּהָאבֶּען, אוּנ מֶען קֶען אִיהר פַארְלָאזֶען, וֶוען מֶען וִויל. אָה, וָואס פַאר פֵּייגְלִינְגֶע מִיר זַיינֶען! וֶוען מִיר וָואלְטֶען גִיהַאט מֶעהר קוּרַאזְשׁ, וָואלְטֶען דִיא מֶענֶער זִיךְ גוּט אִיבֶּערְלֵייגְט, אֵיידֶער זֵיי גֶעהֶען נֶעהמֶען אַ פְרֶעמְדֶען'ס פְרוֹי; אָבֶּער וָואס אַנְדֶערֶע פְרוֹיֶען סְמֵייֶען נִיט צוּטָאן וֶועל אִיךְ טָאן!... לָאמִיר בֵּיידֶע גְלַייךְ לַיידֶען... וִויא! אִיהר וֶועט מָארְגֶען אַרוּמְלוֹיפֶען פְרַיי, זִיךְ זוּכֶען נַייֶע לִיעבֶּעס, אוּנ אִיךְ, אִיךְ זָאל בְּלַייבֶּען אַלֵיין מִיט מַיין גִיבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אָהן טְרוֹיסְט אוּנ הָאפְנוּנְג!... נֵיין! נֵיין! דָאס קֶען נִיט זַיין... דָאס וִויל אִיךְ נִיט!... אִיהר גִיהֶערְט צוּ מִיר, זְשַׁאק! אוּנ אִיךְ וֶועל קֶעמְפְּפֶען מִיט אַלֶע מִיטֶעל גֶעגֶען יֶעדֶע פְרוֹי, וָואס אַייךְ וֶועלִין אַוֶועקְנֶעהמֶען פוּן מִיר. אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִיזָאגְט, אַז אִיךְ הַאלְט מֶעהר פוּן מַיין רֶעפּוּטַאצִיֶע, וִויא פוּן מַיין לֶעבִּין; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִיט גִיזָאגְט, אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פַארִין טוֹיט. אַ טָאג פַאר אַייעֶר חֲתוּנָה וֶועל אִיךְ אַלֶעס דֶערְצֵיילֶען מַיין מַאן... אִיךְ וֶועל נִיט אִיבֶּערְלֶעבֶּען מַיין חֶרְפָּה; אָבֶּער אִיךְ

וועל ווייניגסטענס האבען נקמה... אויב איהר וועט שוין יא ארויס־גיין לעבידיגער־הייט פון דעם גראפ'ס הענד, וועט אייער נאמען בלייבען פערבונדען מיט אזא טראגישע געשיכטע, דאס איהר וועט זיין אונגליקליך אייער גאנצען לעבען לאנג...

— בעדיינקט יעצט דיא לעצטע ווערטער פון דיא גרעפין, מיין פריינד — האט בואקאראן מיט א ביטערין זיפץ גיזאגט — יעצט ווען איך זיין אין געפענגניס אלס איין אונטערצינדער אונ מערדער, ערשט יעצט בעגרייף איך, אז דאס איז ניט גיוועזען א פוסטער סטראשונעק אין דער הייסער מינוט, וויא איך האב דאמאלס אנגינומען... וואס איך האב געליטען אין דיזע צייט קען איך אייך ניט בעשרייבען מיט ווערטער. קורץ ענדליך האב איך מיך בעקענט מיט דעניסען, אונ האב זיך ניט ווילענדיג פארליבט אין איהר. איך האב אנפאנגס גיזוכט איהר ניט צוזעהן אויס פורכט פאר דיא גרעפין, נאר זייט באראן שאנדארע האט מיך איינגעלאדען צו זיך, האב איך שוין קיינע קרעפטען אויסצוווייכען מיין כלה. מיט דיא גרעפין האב איך זיך שוין א לאנגע צייט ניט גיזעהן. זיא האט געשוויגען; אבער איהר שווייגען האט מיך מעהר געשראקען, וויא זיא וואלט געשריען אונ געסטראשעט. ווען מיין פערלאבונג איז אין דער גאנצער שטאט בעקאנט גיווארען, האב איך יעדען ערווארטעט מיט דיא גרעסטע אונגעדולד א בריף פון איהר; אבער זיא האט ניט געלאזט הערין פון זיך, אונ איך האב געציטערט פאר דאס לעבען אונ עהרע פון מיין טהייערע כלה. איך האב געוואוסט, אז דער שווייגען פון די גרעפין איז גלייך צו דיא שטילקייט פון א גרויסען שטורם, אונ פיעלע מאל האב איך זיך געקליבען צודערציילען אלעס דעם באראן, אז ער זאל ניט קענען זאגען, דאס איך האב איהם גענארט אונ געמאכט אונגליקליך זיין אייניקעל; אבער צום אונגליק, האב איך קיינמאל ניט געהאט גענוג מוטה אויסצוריידען, וואס האט אזוי שרעקליך געדריקט מיין הארץ... אך ווארום האב איך געשוויגען! איין ווארט צו רעכטער צייט וואלט מיך גירעטעט, דאן וואלט מיר יעדערער גיגלויבט; אבער יעצט וועט מען אננעהמען, אז איך וויל מיך נאר פערטהיידיגען אונ טראכט דארום אויס א בלבול אויף א הייליגע

פְּרוֹי... יָא, דָאס אוּנְגְלִיק פֶּערְפָאלְגְט מִיךְ אִיבֶּערַאל... דִיא גַאנְצֶע צַייט.

און בּוּאַקָארַאן הָאט זִיךְ גִיחַאפְּט פַאר'ן קָאפּ און אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין, קוּקֶענְדִיג מִיט פַייכְטֶע אוֹיגֶען אוֹיף דָעם אַדְוָואקַאט. וָועלְכֶער אִיז זִיךְ אַלְץ גִיזֶעסֶען קַאלְט ווִיא אַייז.

21 טער קאפיטעל

— אֵיין מָאל — הָאט בּוּאַקָארַאן פָּארְטְגֶעזֶעצְט — וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין בְּרֶעשִׁי וֶועגֶען מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, הָאבּ אִיךְ אִין דָעם וַואלְד רָאשְׁפֶּאמְפִּיֶע פְּלֶעצְלִיךְ בֶּעגֶעגֶענְט דִיא גְרֶעפִין. אִיךְ הָאבּ גִיוָואלְט פַארְבַּייגֵיין אָהְן מִיט אִיהר צוּרֵיידֶען; אָבֶּער קוֹים בִּין אִיךְ אַנְגֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע שְׁרִיט, ווִיא זִיא הָאט מִיךְ צוּגִירוּפֶען. אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אַזוֹי ווִיא אִיךְ וָואלְט גִיוֶוען צוּגֶעשְׁמִידְט צוּם אָרְט. זִיא אִיז גִיוֶוען בְּלֵייךְ, דִיא אוֹיגֶען זַיינֶען גִיוֶוען רוֹיט, אִיהרֶע לִיפֶּען הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט.

— „אַלְזָא — הָאט זִיא מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע שְׁטִימֶע גִיזָאגְט — דִיזֶעס מָאל אִיז דָאס שׁוֹין קֵיין שְׁפַּאס. אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט, אַז אִיהר הָאט חֲתוּנָה מִיט פְּרַיילֵיין שַׁאנְדָארֶע".

— יָא — הָאבּ אִיךְ קַאלְט גִיעֶנְטְפֶערְט.

— אָה, אוּנְזֶער רָאמַאן אִיז צוּ עֶנְדֶע... וואוּ זַיינֶען דִיא שְׁבוּעוֹת פוּן אֵייבִּיגֶע לִיבֶּע... וָואס אִיהר הָאט מִיר גִיגֶעבֶּען דָארְטִ'ן... אָט זֶעהְט, זַיי שְׁטֵייעֶן נָאךְ דִיא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע שְׁטוּמֶע עֵדוּת: דִיא בּוֹימֶער. דֶער וַואלְד און דִיא בּוֹימֶער זַיינֶען דִיא זֶעלְבֶּע... אִיךְ בִּין דִיא זֶעלְבֶּע פְּרוֹי... נָאר אַייעֶר הַארְץ הָאט זִיךְ גֶעבִּיטֶען... הָאט אִיהר טַאקִי שְׁטַארְק לִיבּ, זְשַׁאק? — הָאט זִיא מִיר גִיפְרֶעגְט, קוּקֶענְדִיג אוֹיף מִיר עֶפֶּעס אַזוֹי זָאנְדֶערְבַּאר. אַז אִיךְ וָואלְט בֶּעסֶער גִיוָואלְט דוּרְךְ דֶער עֶרְד צוּגֵיין אֵיידֶער אִיהר צוּזֶעהְן.

אִיךְ הָאבּ אִיהר גָאר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט.

— אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ — הָאט זִיא גִיזָאגְט — און זִיא, אַייעֶר

דעניסע?... זיא ליבט אייך אזוי שטארק, אז זיא דערציילט מיט שמחה, ווען זיא טרעפט נאר אן, ווען זיא וועט חתונה האבען און וויא זיא איז גליקליך... אה, יא, זיא איז טאקי גליקליך!... דיא ליבע וואס איז געוועזען מיין שאנדע, איז איהר שטאלץ, איהר גליק. איך האב דאס גימוזט בעהאלטען וויא א פערברעכען, און זיא צירט זיך דאמיט... דיא אנגענומענע מיינונגען פון דיא געזעלשאפט זיינען נאריש לעכערליך און אונגערעכט; אבער דער איז א משוגענער וואס וויל זיי ניט פאלגען.

טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען, דיא ערשטע טרעהרען וואס איך האב איהר געזעהן פערגיסען, און מיר האט דיא הארץ פערקלעמט; אבער איך האב אלץ געשוויגען.

— איהר זייט אזוי קאלט צו מיר! איך בין פאר אייך א נאר געשט! — האט זיא ווייטער געזאגט מיט א געבראכענע שטימע — אה! איך האב צופיל גירעכענט אויף מיין קראפט! געדיינקט איהר וויא איהר האט מיר פארגעשלאגען צואנטלויפען מיט אייך?... איך האב אייך אפגעזאגט... אך! וויא נאריש איך בין דאן געוועזען! איך האב צופיל געהאלטען פון מיין רעפוטאציע... איך האב גירעכענט, אז מען קען איין העלפט לעבען אפגעבען צופערגעניגען און דיא אנדערע — צו בבוע־אצסטווע. ארעמע, משוגענע וואס איך בין געוועזען! איך האב שוין לאנג בעמערקט, אז איהר זייט געווארען קאלט צו מיר. איך קען אייך דאך אזוי גוט. אייער הארץ איז פאר מיר איין אפענער בוך. וואו איך פלעג לעזען אייער מינדעסטע סעקרעטען... איך וואלט אייך נאך גיקענט איינהאלטען, ווען איך וואלט זיך געלאזען בייגען; אבער איך האב נאך גיוואלט קאמאנדעווען.

זיא איז געבליבען שטיין צוהאפען אטהעם; דאס איז שוין ניט געווען דיא שטאלצע און קאלטע גרעפין, וויא איך האב איהר גיקענט, און עס איז געווען א צער אויף איהר צוקוקען.

— און איהר, זשאק — האט זיא פלעצליך גיפרעגט — זייט איהר ווייניגסטענס גליקליך?

— איך קען ניט זיין אין גאנצען גליקליך — האב איך ערנסט גיענטפערט — זא לאנג איהר זייט אזוי אונגליקליך. אבער עס איז

ניט אזא וואונד וואס דיא צייט זאל ניט קענען פערהיילען... איהר וועט אן מיר פערגעסען...

— קיין מאל ניט — האט זיא האסטיג אויסגעשריען — קען איך דען אייך פערגעסען, ווען איך זעה אייערע בליקען אין דיא אויגען פון מיין איינציגע טאכטער... דער גראף האט איהר מעהר ליב וויא דיא עלטערע... פארשטייט איהר דען וויא איך לייד, ווען איך זעה וויא ער געהמט איהר אויף דיא קניע אונ וויא ער קושט איהר! פערשטייט איהר דען, וויא איך דארף מיך אנשטרענגען, אום ניט ארויסצורייסען אייער טאכטער פון זיינע הענד אונ איהם זאגען: „לאז איהר אפ! זעהסטו דען ניט, אז זיא איז ניט דיין טאכטער". אה! וויא שרעקליך איך בין געשטראפט, מיין גאט!

איינינע בויערן זיינען אין דער מינוט פארביינעגאנגען, אונ זיא איז גלייך געקומען צו זיך, אזוי וויא עס וואלט גאר ניט פאסירט.

— נאר זאגט מיר, ווען וועט זיין אייער חתונה? — האט זיא האסטיג גיפרעגט.

א ציטער איז מיר איבערגיגאנגען איבער מיין קערפער, אונ איך האב איהר גיזאגט:

— דאס איז נאך ניט בעשטימט. דארף איך דען אייך ניט זעהן פריהער? איהר האט דאך מיך א מאל געסטראשעט...

— אונ איהר האט מורא?

— ניין, איך האב גירעכענט, אז איהר וועט מיך ניט בעשטראפען דערפאר, וואס איך האב אייך געליבט... אויסער דעם האבען אזוי פיל נייע זאכען גיטראפען אין דער צייט.

— אה, יא! — האט זיא אויסגערופען — מיין פאטער האט ווידער גימאכט א סך חובות, אונ מיין מאן האט ווידער געמוזט צאהלען, אום אונז צורעטען פון שאנדע. מיין מאן איז גוטהערציג. אנגעהמענדיג דאס גוטס וואס ער טוהט מיר אונ מיין פאטער, האב איך ביי מיר צוגענומען דאס רעכט צובעשטראפען איהם נאך מעהר וויא מיט דעם טויט... יא, זשאק, איהר קענט הייראטהען דעניסען, איהר האט פאר מיר גאר ניט וואס מורא צוהאבען.

איך בין געווארען מלא שמחה אונ האב מיט ענטציקונג אנגיכאפט איהר האנד אונ צוגעצויגען צו מיינע ליפען.

— איהר זייט מיין בעסטער פריינד! האב איך אויסגעשריען.

אבער זיא האט שנעל ארויסגעריסען איהר האנד, אזוי וויא מיין קוש וואלט איהר געברענט וויא א הייסער אייזען און האט געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע:

— ניין, ניט דאס... נאר מיר וועלין זיך נאך מוזען זעהן. איהר האט נאך מיינע בריף, ניט וואהר?

— יא, איך האב זיי אלע.

— איהר מוזט זיי מיר ברייגגען, זשאק.

און זיא האט מיר גלייך בעשטימט דיא צייט און דעם פלאץ פון צוזאמענטרעפען, און איך בין אוועק א היים מיט א ליכטע הארץ.

דאס ערשטע מאל, זייט יאהרען, האב איך מיך געפיהלט פריי און גליקליך, אזוי וויא א גרויסער בארג איז אראפגעפאלען פון מיר. אין דיא פריידע פון דיא ערשטע מינוט האב איך גאר פערגעסען אן אלע צרות, וואס איך בין אויסגעשטאנען פון איהר, און איך האב זיך זאגאר אנגעפאנגען צו בעשולדיגען, דאס איך בין געווען אזוי הארטהערציג צו איהר; אבער שפעטער, ווען איך בין געקומען צו זיך, האט מיר אנגעפאנגען צו וואונדערן, ווארום זיא האט גראדע בעשטימט לעבען איהר הויז אין וואלפענסאן דעם פלאץ וואו איך זאל איהר טרעפען. „שטעקט דא ניט עטוואס געגען מיר?" — האב איך מיר געטראכט און בין געווען בעזארגט דיא גאנצע צייט ביז איך האב זיך מיט איהר געזעהן. איך האב עפעס געפיהלט, אז מיך ערווארט איין אונגליק. אום קיינער זאל מיך ניט זעהן, האב איך אויסגעקליבען דעם וועג אין וואלפענסאן דורך דיא בלאטעס. דער וועג איז געווען פערפלייצט; אבער איך האב זיך פערלאזען אויף מיין גוטע בעקאנטשאפט מיט דיא געגענד. איך האב אבער געהאט א טעות, ווען איך האב גערעכענט, אז איך וועל אויף דעם וועג קיינעם ניט טרעפען. איך האב גראדע בעגעגענט דריי פערזאנען, וויא דאס איז אנגעגעבען אין דעם בעשולדיגונגס-אקט. דיא נאכט איז גראדע געווען א ליכטיגע, און איך האב געזוכט צו גיין הינטער דיא בוימער, זעהר פארזיכטיג, אז מען זאל מיך ניט קענען דערזעהן אין וואלפענסאן. איך האב פון ווייטענס בעמערקט דיא

גְרֶעפִּין לֶעבֶּען דֶעם בֶּעשְׁטִימְטֶען אָרְט צוּלִיבּ דִיא וַוייסֶע טוּסְלִינֶענֶע קְלֵייד וָואס זִיא הָאט גֶעטְרָאגֶען. ווִיא זִיא הָאט מִיךְ בֶּעמֶערְקְט, הָאט זִיא אוֹיסְגֶערוּפֶען:

— נוּ, אִיהר לָאזְט טַאקִי אוֹיף זִיךְ וַוארְטֶען! אִיהר הָאט פֶּער־שְׁפֶּעטִיגְט אוֹיף אַ גַאנְצֶע שְׁטוּנְדֶע.

עֶס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען צֶעהְן דֶער זֵייגֶער, אִיךְ הָאבּ אִיהר אִין גִיבֶען עֶרְקְלֶערְט, דָאס דֶער שְׁלֶעכְטֶער וֶועג הָאט בַּיי מִיר צוּגֶענוּמֶען מֶעהר צֵייט, וִויא אִיךְ הָאבּ גִירֶעכֶענְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהר גִיפְרֶעגְט:

— וֶועט זִיךְ דֶען אֵייעֶר מַאן נִיט וואוּנְדֶערְן, וַוארוּם אִיהר זַייט אַזוֹי שְׁפֶּעט אַוֶועקְגִיגַאנְגֶען?

— נֵיין, עֶר לַיידֶעט פוּן זַיין רַאמַאטִיז אוּנ לִיגְט שׁוֹין אִין בֶּעט. עֶר וַוייסְט, אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיפְצוּפַּאסֶען אוֹיף אוּנְזֶער... אוֹיף אַייעֶרֶע טָאכְטֶער, זְשַׁאק. וֶועלְכֶע אִיז קְרַאנְק... נָאר וָואס אִיז צוּרֵיידֶען דֶערְפוּן — הָאט זִיא אוּנְגֶעדוּלְד אוֹיסְגִירֶעט — הָאט אִיהר גִיבְּרַאכְט מַיינֶע בְּרִיף?

— אֶט זַיינֶען זֵיי — הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט — אוּנ הָאבּ זֵיי אִיהר דֶערְלַאנְגְט.

זִיא הָאט זֵיי גוּט אַרוּמְגִיקוּקְט אוּנ אִיבֶּערְגִיצֵיילְט, אַזוֹי וִויא זִיא וָואלְט מִיר נִיט גִיטְרוֹיט.

— פִיעֶר אוּנ אַכְצִיג בְּרִיף!... הָאט זִיא מִיט אַ צִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע גִיזָאגְט — יָא, זֵיי זַיינֶען אַלֶע דָא.

אוּנ אַרוֹיסְצִיהֶענְדִיג אַ בִּינְדֶעל בְּרִיף פוּן אִיהר בּוּזִים, הָאט זִיא גִיזָאגְט:

— אוּנ דָא הָאט אִיהר אַייעֶרֶע...

אִיךְ הָאבּ אִיהר גִיוָואלְט עֶרְקְלֶערֶען, אַז אִיךְ דַארְף זֵיי נִיט; אָבֶּער זִיא הָאט מִיר נִיט גִיגֶעבֶּען צֵייט צוּעֶנְטְפֶערֶען אוּנ הָאט אוֹיס־גֶערוּפֶען:

— יֶעצְט וֶועלִין מִיר זֵיי פֶּערְבְּרֶענֶען.

— וָואס ווִילְט אִיהר טָאן? — הָאבּ אִיךְ מִיט פֶּערְוואוּנְדֶערוּנְג אוֹיס־גֶעשְׁרִיעֶן — מַאכֶען אַ פַייעֶר אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיי נַאכְט, דָאס וֶועט נִיט פַּאר־בַּייגֵיין אוּנְבֶּעמֶערְקְטֶערְהֵייט.

— פַּאר וֶועמֶען הָאט אִיהר דֶען מוֹרָא? גִיט מִיר אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע!

איך האב דורכגעזוכט אלע מיינע קעשענעס; אבער איך האב קיין שוועבעלע ניט געפונען.

— איך האב קיינע, איך האב מיין קעסטעלע פערגעסען ביי באראן שאנדארע.

זיא האט מיר אפען ניט גיגלויבט און האט מיט כעס געטופעט מיט דיא פיס.

— אבער מיר מוזען דאך פערברענען דיזע בריף! — האט זיא אויסגערופען — און איך גיי גלייך אין שטוב נעהמען א שוועבעלע.

דאס איז געווען א גרויסע אונפארזיכטיגקייט, און איך האב גיוואלט וואס גיכער אוועקגיין, דען וויא איהר קענט דאס פארשטיין, מערזשי, איז דיא סצענע פאר מיר געווען וויא זאלץ צו אפענע וואונדען; דארום האב איך גיזאגט:

— גייט ניט, ווארט, איך וועל מאכען פייער.

איהר ווייסט געוויס, מיין פריינד, אז דיא יעגער האבען א מיטעל וויא צומאכען פייער אהן א שוועבעלע. איך האב דיזען מיטעל גיברויכט. איך האב ארויסגענומען א פאטראן פון מיין ביקס, האב פון איהם ארויסגעריסען דיא בליי און בעדעקט מיט פאפיר. נאכהער האב איך דעם ביקס אנגעשפארט אן דער ערד, אז דעם קלאפ זאל זיא ניט הערען און האב אויסגעשאסען. דער פולווער האט אנגעצונדען דעם פאפיר און איך האב צוגיליינט דיא בריף. אין עטליכע מינוט איז פון זיי געבליבען א קופע אש, וועלכע איך האב אומגעדרייט מיט מיינע הענד און פאנאנדער גיווארפען, אז דער ווינט זאל פארטראגען דיא אפגיברענטע שטיקלאך.

— דיא גאנצע צייט וואס דיא בריף האבען גיברענט — האט בואקאראן ווייטער דערציילט — איז דיא גרעפין קלאר גישטאנען דיא הענד צוזאמענגיליינט און האט טרויעריג גיקוקט אויף דעם פייער.

— אט וואס עס בלייבט פון פינף יאהר ליבע, פון אונזערע שבועות — האט זיא געמורמעלט — אלעס איז פארביי, נאר אש געבליבען.

איך האב גאר ניט גיענטפערט און נאר א מאך גיטאן מיט'ן האנד. איך האב נאר גיוואלט וואס גיכער זיך אפטראגען.

זִיא הָאט דָאס גַאנְץ גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט מִיט פֶערְצְוַוייפְלוּנְג אוֹיסְגֶערוּפֶען:

אָה, אִיךְ זֶעה, אִיךְ יָאג נָאר אַרוֹיף אַשְׁרֶעק אוֹיף אַייךְ... דָאס גְלִיק וַוארְט אוֹיף אַייךְ, אַנַייֶער לֶעבֶּען מִיט זִיסֶע הָאפְנוּנְגֶען עֶפֶּענְט זִיךְ פַאר אַייךְ אוּנ עֶס אִיז דַארוּם פֶערְשְׁטֶענְדִיג, אַז אִיהר הָאט מוֹרָא... אִיךְ אָבֶּער וָואס מַיין לֶעבֶּען אִיז שׁוֹין אִין אֱמֶת'ן צוּ עֶנְדֶע אוּנ הָאבּ נִיט וָואס צוּעֶרְוַוארְטֶען — דֶען אִיהר הָאט אֲפִילוּ אַסוֹף גִימַאכְט צוּ מַיינֶע הָאפְנוּנְגֶען — אִיךְ הָאבּ פַאר קֵיין זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט קֵיין מוֹרָא נִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעפִיהְלְט, אַז דֶער כַּעס שְׁטִיקְט אִיהר אוּנ הָאבּ מִיט אַוַוייכֶע שְׁטִימֶע גִיזָאגְט:

— בֶּעדוֹיֶערְט אִיהר דֶען אַייֶער גוּטְסְקֵייט צוּ מִיר?

— פִילַייכְט!... הָאט זִיא גֶיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַשְׁטִימֶע וָואס הָאט גִימַאכְט צִיטֶערִין מַיין הַארְץ. אָה! אִיךְ בִּין גִיוֶוען זַייֶער שְׁוַואךְ אוּנ אִיהר מוּזְט גֶעוִוים לַאכֶען פוּן מִיר!... יַא, וָואס פַאר אַמִיאוּסֶ'ע אוּנ אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ אִיז אַפֶערְלָאזֶענֶע פְרוֹי, וָואס וַויינְט אוֹיס אִין גֶעהֵיים אִיהר הַארְץ...

זִיא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטִיל אַפָּאר מִינוּט'ן אוּנ הָאט נַאכְהֶער פְלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶערוּפֶען:

— זָאגְט דֶעם אֱמֶת, אִיהר הָאט מִיךְ קֵיינְמָאל נִיט גֶעלִיבְּט?...

— אָה, אִיהר וַוייסְט צוּ גוּט, אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ הֵיים גֶעלִיבְּט.

— פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען פֶערלָאזְט אִיהר מִיךְ צוּלִיבּ אַיין אַנְדֶערֶע... צוּלִיבּ דִיזֶע דֶענִיסֶע.

— אִיהר זַייט דָאךְ פֶערהֵיירַאטֶעט — הָאבּ אִיךְ גֶיעֶנְטְפֶערְט — אִיהר הָאט דָאךְ נִיט גִיקֶענְט זַיין מַיינֶע...

— אַלְזָא, וֶוען אִיךְ וָואלְט גִיוֶוען פְרַיי... וֶוען אִיךְ וָואלְט גִיוֶוען אַיין אַלְמָנָה...

— וָואלְט אִיהר גִיוֶוען מַיין וַוייבּ — הָאבּ אִיךְ גֶיעֶנְטְפֶערְט.

זִיא הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אִיהרֶע הֶענְד צוּם הִימֶעל אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן מִיט אַגֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִימֶע:

— זַיין וַוייבּ!... וֶוען אִיךְ וָואלְט גִיוֶוען אַיין אַלְמָנָה, וָואלְט אִיךְ

גִיוֶועןְ זַיין וַוייבּ!... אָה, מַיין גָאט... צוּם גְלִיק אִיז מִיר דִיזֶער שְׁרֶעקְ־לִיכֶר גֶעדַאנְקֶען נִיט גֶעקוּמֶען פְרִיהֶער!

דֶער אַדְוָואַקאַט מֶערְזְשִׁי, וֶועלְכֶער אִיז דִיא גַאנְצֶע צַייט גִיסֶעסֶען רוּהִיג אוּנ הָאט מִיט פֶערְדַאכְט גֶעקוּקְט אוֹיף בּוּאַקְאַרַאנְ׳עןְ אַזוֹי וִויא עֶר וָואלְט וֶועלֶען אַרַיינְקְרִיכֶען אִין זַיין הַארְצֶען, אוּנ הָאט גִיפְרֶעגְט:

— נוּ, אוּנ וָואס אִיז גִיוֶוען דֶערְנָאך?

— דֶערְנָאך — הָאט זְשַׁאק אִיבֶּערְגִיפְרֶעגְט — אִיך הָאבּ אַלֵיין נִיט גִיוואוּסְט וָואס צוּעֶנְטְפֶערְ׳ןְ. אִיך הָאבּ אִיהר גִיטְרֵייסְט וִויא אִיך הָאבּ גִיקֶענְט. אִיך הָאבּ אִיהר גִיבֶּעטֶען מִיך צוּפֶערְגֶעסֶען... אִיך גֶעדֵיינְק שׁוֹין נִיט וָואס אִיך הָאבּ גִירֶעט... אִיך בִּין אַ מַאן אוּנ אִיהר ווייסְט דָאך, אַז קַיין מַאן קֶען נִיט גְלַייכְגִילְטִיג צוּזֶעהְןְ, אַז זַיינֶע אַ גֶעלִיבְּטֶע זָאל לֵיידֶען אוּנ וֵויינֶען צוּלִיבּ אִיהם... אִיך הָאבּ אוֹיך אָנְגִירֶעט אַ סַך לִיגֶען, אוּם דִיא שֵׁיידוּנְג נִיט אַזוֹי בִּיטֶער צוּמַאכֶען; אָבֶער זִיא הָאט אַלֶעס קַאלְט אוֹיסְגִיהֶערְט אוּנ הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען גִילֶעכְטֶער: „אוּנ מִיט מִיר רֶעט אִיהר דָאס? אַייעֶרֶע דְרֵיידְלַאך בֶּעלֵיידִיגֶען מִיך נָאך מֶעהְר... אָה, אַייעֶר דֶענִיסֶע!... וֶוען אִיך וָואלְט גִיוֶוען אַזַא פְרוֹי וִויא אַנְדֶערֶע, וָואלְט אִיך הַיינְט גֶעשְׁוִויגֶען אוּנ אִין אַ יָאהר אַרוּם וָואלְט אִיך אַייך גִיזֶעהְןְ לֶעבֶּען מַיינֶע פִּיס״. אִיך הָאבּ גִיזֶעהְןְ, אַז זִיא הָאט חֲרָטָה, וָואס זִיא הָאט מִיר צוּגִיזָאגְט נִיט צוּשְׁטֶערְין מַיין חֲתוּנָה, אוּנ הָאבּ גִיוָואלְט נָאך רֵיידֶען צוּ אִיהר; אָבֶער זִיא הָאט מִיר פְּלֶעצְלִיך אָפְּגִיהַאקְט: אָה, „גֶענוּג! עֶרְשְׁפַּארְט מִיר וֵוייניגְסְטֶענְס דִיא בֶּעלֵיידִיגוּנְג צוּהֶערְין, וִויא אִיהר הָאט מִיטְלֵייד מִיט מִיר... גֶענוּג! אִיך וֶועל זֶעהְןְ וָואס אִיך הָאבּ צוּטָאן... אִיך פֶערְשְׁפְּרֶעך אַייך גָאר נִיט... אַדְיֶע״. אוּנ זִיא אִיז אַנְטְלָאפֶען אוּנ אִיך בִּין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין וִויא אַ צוּדוּלְטֶער, פִירְכְטֶענְדִיג, אַז זִיא וֶועט גְלֵייך דֶערְצֵיילֶען אַלֶעס דֶעם גְרַאף קְלָאד. אִין דֶער זֶעלְבֶּער מִינוּט הָאבּ אִיך נִיט־ווילֶענְדִיג אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ נַייעֶם פַּאטְרָאן אִין מַיין בִּיקְס אוֹיף דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶעם פֶערְבְּרֶענְטִין. אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטְ׳ןְ אַרוּם, וֶוען אִיך הָאבּ גִיזֶעהְןְ, אַז אַלֶעס אִיז רוּהִיג, הָאבּ אִיך מִיך אַ לָאז גִיטָאן זֶעהְר שְׁנֶעל אַ הֵיים דוּרְך דֶעם וַואלְד רָאשְׁפַּאמְפְּיֶע.

— און איהר האט גאר ניט געזעהן און געהערט? — האט דער אדוואקאט געפרעגט.

— גאר ניט.

— נאך אייער ערציילונג נאך, האט איהר דאך ניט געקענט זיין ווייט פון וואלפענסאן, ווען דיא שרפה האט זיך אנגעפאנגען.

— איך בין טאקי געווען ניט ווייט און אויף איין אפענעם פלאץ וואלט איך געוויס בעמערקט דיא פלאמען; אבער איך בין געגאנגען דורך א וואלד און האב גאר ניט געזעהן.

— און דיזע בוימער האבען אייך אויך ניט געלאזט הערען דיא צוויי קנאקען פון דעם ביקס, מיט וועלכען מען האט אויסגעשאסען אויף דעם גראף קלאד? — האט דער אדוואקאט געפרעגט מיט א אונגלויבינגע מינע.

— עס קען זיין. אז דיא בוימער האבען א ביסעל געשטערט צו־הערין; אבער אן זייא וואלט איך אויך גאר ניט געקענט הערין, דען איך בין געגאנגען געגען דעם ווינט, וועלכער האט דאן שטארק געבלאזען, און עס איז בעוויזען, אז אין אזא פאל הערט מען ניט דעם שאס פון א ביקס, ווען מען שטייט פופציג שריט פאראוים.

— אלזא, איהר גלויבט, אז אייער ערציילונג ערקלערט און פער־ענטפערט אלעס? — האט דער אדוואקאט געפרעגט מיט א בייסענדע שטימע, וועלכער האט אליין ניט געפיהלט, אז ער איז נאך אונ־בארמהערציגער מיט זיין אנגעקלאגטען פריינד, וויא דער סלעדא־וואטעל אליין.

— איך גלויב — האט בואקאראן טרויעריג געענטפערט — אז מיין ערציילונג, וועלכע איז ריכטיג ווארט פאר ווארט, ערקלערט אלע בעשולדיגונגען, וואס נאלפען האט אויסגעפונען געגען מיר... זיא ערקלערט, ווארום איך האב געזוכט צוהאלטען אין געהיים מיי וויזיט אין וואלפענסאן, וויא אזוי מען האט מיך בעגעגעט אויף וועג צוריק גראדע אין דער צייט פון דיא שרפה. זיא ערקלערט אויך ווארום מען האט געפונען איין אויסגעשאסענע קויל פון מיין ביקס לעבען דעם פלאץ פון דיא שרפה, און ווארום דאס וואסער אי שיסעל, וואו איך האב געוואשען מיינע הענד, איז געווען שנאר און מיט ברעקלאך געברענטע פאפיר...

— און אין דער פריה, ווען מען איז אייך געקומען ארעטירען — האט דער אדוואקאט איהם אונטערבראכען — זאגט מיר וואס איז דאן גיוועזן אייער ערשטער געדאנק?

— וואלפענסאן און דיא גרעפין זיינען מיר גלייך ארויף אויף דיא געדאנקען.

— און ווען מען האט אייך דערציילט פון דעם פערברעכען, וואס האט איהר געטראכט?

— איך האב מיר גלייך גיזאגט, אז דיא גרעפין קלאד האט גיוואלט ווערין איין אלמנה.

דער אדוואקאט איז גיווארען איין אנגעצונדענער און מיט גרויס כעס האט ער אויסגעשריען:

— אונגליקליכער! ווי קענט איהר האבען דיא עזה צובעשולדיגען דיא גרעפין קלאד אין אזא שרעקליכען פערברעכען.

דאס אונגלויבען פון דעם אדוואקאט האט דעם מארקיז זעהר שטארק אויפגערעגט און ער האט אויך מיט כעס גיענטפערט:

— וועמען דען זאל איך בעשולדיגען! א פערברעכען איז גישעהן אונטער אזוינע אומשטענדען, אז אדער איך אדער זיא האבען איהם בעגאנגען. איך בין אונשולדיג, אלזא איז זיא שולדיג.

— אבער ווארום האט איהר דאס ניט גלייך פון אנפאנג גיזאגט?

— אה, מערזשי — האט זשאק אויסגערופען מיט אונגעדולט און מיט א ביטער'ן שמייכיל — וויא פיל מאל זאל איך דאס נאך ערקלערען? איך האב געשוויגען דיא ערשטע טעג, ווייל איך האב נאך ניט קלאר געוואוסט, וויא דאס פערברעכען איז צוגיגאנגען; ווייל עס איז מיר גיוועזן א ווייטאג און א שאנדע צובעשולדיגען א פרוי, וואס איז גיוועזן מיין געליבטע, און וואס איז אזוי פערבלענדעט גיווארען פון איהר ליבע צו מיר, אז זיא האט געזוכט צוערמארדען איהר מאן; ווייל איך האב נאך ניט גיזעהן דיא גאנצע געפאהר פון מיין לאגע... שפעטער האב איך געשוויגען, ווייל איך האב גירעכענט, אז דער סלעדאוואטעל וועט פילייכט אליין אויסגעפינען דיא ווארהייט אדער זיא וועט זיך אליין מודה זיין, ווען זיא וועט זעהן, אז איך לייד אונשולדיגערהייט... נאך שפעטער, ווען איך האב שוין איינגיזעהן

מײן געפאהר. האב איך פשוט מורא געהאט פאר דיא װאהרהײט...

דער עהרליכער אדװאקאט איז געװען שטארק אױפגעבראכט געגען זײן אלטען פרײנד און האט מיט פײער אױסגערופען:

— איהר זאגט ליגען, זשאק! איך װעל אײך בעװײזען, װארום איר האט געשװיגען!... יא, איהר האט בעדארפט האבען א געװיסע צײט אום אױסצוגעפינען א ראמאן, װעלכער זאל פערענטפערן אלע בעשולדיגונגען. איהר האט געטראכט און האט אױסגעפונען... קײן זאך פעהלט ניט אין אײער ערצײלונג אױסער... אױסער דיא װאהרהײט איך װאלט נאך אײך װיא עס איז גיקענט גלױבען, אז דיא גרעפין װעלכע האט איבעראל אזא זעלטענעם שם פאר א עהרליכע פרױ איז געװען אײער געליבטע גאנצע פינף יאהר; אבער גלױבען, אז זיא האט מיט איהרע הענד אונטערגעצונדען איהר הױז, האט גינומען א ביקס און האט געשאסען איהר מאן, דאס, זשאק, איז אונמעגליך צוגלױבען...

— דאס איז אבער דאך דיא װאהרהײט!

— נײן! דען דער גראף האט בעשטימט גיזאגט, אז א מאן האט אױף איהם געשאסען.

— און פון װאנען נעהמט איהר, מײן אונגלױבליכער פרײנד, אז דער גראף װײסט ניט אלעס און װיל ניט רעטען זײן פרױ און מיך אומברײנגען, דערמיט װעט ער נעהמען נקמה פון מיר.

דיזע ערקלערונג האט אנפאנגס צומישט דעם אדװאקאט; אבער ער האט באלד אױסגערופען:

— אה, שװײגט אדער בעװײזט! װען מען איז פינף יאהר א געליבטער פון א פרױ, האט מען שטענדיג בעװײזען.

— צום אונגליק האב איך קײנע... אלע בריף זײנען פערברענט.

— נײן, זשאק! זײט ניט קײן קינד... שפארט זיך ניט אײן... מען קען אײך ניט גלױבען, אונגלױבליכער' פערשטײט איהר דען ניט, אז זוכענדיג אױסצומײדען דיא שטראפע פון אײן פערברעכען, בעגײט איהר נאך א טױזענד-פאך גרעסערן פערברעכען.

זשאק האט מיט פערצװײפלונג זיך געבראכען דיא הענד און געקריצט מיט דיא צײנער.